STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03171

# MILHOME UN REVOLUTSYE

Moshe Chuchem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. חכם

# מלחמה און רעוואָלוציע

איבערלעבענישען, 1921—1914

ניו־יאָרק, תש״ב

# WAR AND REVOLUTION

Copyright 1942
by M. Chuchem
New York, N. Y.

Printed by Futuro Press, Inc.,
476 Broadway, New York, N. Y.
U. S. A.
200

**דעם אָנדענק פון מיין פאָטער,**

אריה-ליבוש בר׳ אליעזר ז״ל

# אינהאַלט:


| | | זייט |
|---|---|---|
| | תקדמה | 7—8 |
| 1. | אַ ספר איז עולה לגדולה | 9—13 |
| 2. | אַ פּאַניאַק ווערט אַ דייטש | 13—17 |
| 3. | פּאַניע מאַרשירט צו די קאַרפּאַטען | 18—21 |
| 4. | דער גובערניאַלער גענעראַל-שטאַב | 21—25 |
| 5. | דער פּריסטאַוו סטראַשעט מיר און איך — איהם מיט... סיביר | 25—29 |
| 6. | איך ראַטעווע אידען און האָב צרות אויפ'ן פּוד | 29—34 |
| 7. | ווי אַזוי שפּייזט מען אַזוי פיל פאַמיליעס? | 34—38 |
| 8. | פּרינץ אָלדענבורגסקי שטערט אונזער פּלאַן, אָבער... | 38—42 |
| 9. | גענעראַל איוואַנאָוו שיקט אַ שטרענגען באַפעהל און איך מאַך אַ פּירוש אויף איהם | 42—46 |
| 10. | מיין נבואה ווערט מקויים, אָבער מיין פּלאַן פאַלט דורך | 46—51 |
| 11. | מי גאַדאַק — קומט איהם באַהאַיקעס | 51—55 |
| 12. | מיר ווייסען נִיט אונזער שיקזאַל אָבער מיר קעהרען אַ וועלט | 56—59 |
| 13. | ביקאַלאָי'ס מפּלת טראָגט זיך שוין אין דער לופט | 59—63 |
| 14. | עטאָ בילאָ פּאָסליע מאָליטווי | 63—67 |
| 15. | אַ סאָציאַליסט באַווייזט כוליגאַניזם און אַ סאָציאַליסטקע ווערט דערפאַר אַ ציוניסטקע | 67—71 |
| 16. | די ערשטע קרבנות פון דער סלאָבאָדע | 71—74 |
| 17. | אברהמ'צי מיליציאָנער | 74—78 |
| 18. | איך דערקען ברוסילאָוו'ס פאַלשקייט און די סאָלדאַטסקע שנאה | 78—82 |
| 19. | דער עסטרייכישער קאָנסול אנערקענט מיך אַלס פריינד | 82—86 |
| 20. | אוסישקין הייסט מיר בלייבען אין גלות | 86—90 |
| 21. | איך שלאָג פאָר אַ סימפּאַטיע סטאַטשקע-סטרייק פאַר די באָלשעוויקעס | 90—94 |
| 22. | ערב הונגער-געפיהל | 95—99 |
| 23. | אַ חלום וואָס ווערט אַ ווירקליכקייט אויף סטאַנציע בירזולע | 99—102 |
| 24. | שקצים מיט ביקסען היטען אַ מת, ער זאָל ניט אַרויס פון קבר | 102—107 |
| 25. | פּעטליוראַ'ס אויפשטאַנד און רעוואוצקי'ס קאָנסטיטוציע | 107—111 |
| 26. | מיין אַרויסטריט געגען אַ באַנדע פון פּראָסקוראָווער פּאָגראָמשטשיקעס | 112—116 |
| 27. | מיר זעהען דעם טויט פאַר די אויגן | 116—120 |
| 28. | קליינע שטאָדט-שוץ-גרופּע פאַרטרייבט פּעטליוראַ'ס אַרמיי | 120—125 |
| 29. | אַ נס, וואָס האָב ניט אוספּעיעט צו אָרגאַניזירען אַ זעלבסט-שוץ-אַרמיי | 125—129 |
| 30. | אוקראַאינישע פּראָפעסאָרען ווייזען פאַר פּעטליוראַ'ן און בעטען בטול צו מאַכען די שבועה | 129—133 |
| 31. | אַ טאָג אין דער פּעטליוראַ-קאָמענדאַטור | 133—138 |
| 32. | מיר ערוואַרטען דעם טויט בציבור | 138—143 |

זייט

33. איך זעת צרות דאָ און קריג אַ גרוס פון מיין פאָטער וועגען צרות דאָרט — 143—147
34. איך מוז אָנקומען צו פעטליוראַ'ס אַ גוי'אישען מיניס-טער צו ראַטעווען די קאָמיסאַרען — 147—152
35. אַ פאָגראָם ביי אונז אין שטאָדט — 152—156
36. פעטליוראַ'ס קאַדעטען קומען אָן אין צייט פון פאָגראָם 156—161
37. איך קעמף מיט אַ האַק אין האַנט געגען צוויי קאָזאַקען מיט ביקסען — 161—165
38. דאָס בערדעל שיקט זאָגען אידען, אַז ער איז אין געפאַר 165—170
39. אַ אידישער קרבן ביי די באָלשעוויקעס, אַ צווייטען ראַטעווע איך — 170—174
40. די פעטליוראָווצעס קעהרען זיך אום מיט טענות, אַז מ'האָט געשאָסען אויף זיי — 174—178
41. דריי גבאים קומען מיך שעלטען און בענשען מיך גאָר 178—182
42. פעטליוראַ שטעלט אונז אין אַ ביטערער פאַרלעגענהייט 183-187
43. איך שרייב אַ פראָטאָקאָל געגען נאַטשאַלניק מיליציע אין זיין אייגענער קאַנצעלאַריע — 187—190
44. אהרון כהן פון יאַרמאָלינעץ שעלט און דער שאַראָווקער רב פיהרט מיך אין באָד אריין — 191—195
45. איך שטעל אָפּ דאָס קעהרען אום שבת און וועהר פאַר-זיכערט מיט עולם-הבא — 195—199
46 מיין פאָטער פאַרגלייכט זיך מיט פעטליוראַ'ס אָפיצירען און דאָס ראַטעוועט איהם פון טויט — 200—202
47. איך באַצאָהל שיעור מיט'ן לעבען פאַר העלפען די אַנטרינענע — 202—207
48. פטור געוואָרען פון די סאָלדאַטען מוז איך אויך פטור ווערען פון די זאַכען — 207—211
49. איך בעט זיך ביי טשעקאַ זי זאָל מיך אַרעסטירען און זי וויל ניט — 211—215
50. מיין פאָטער ראַטעוועט אונז פון שמואל קאָטער און פון פוילישען קאָמענדאַנט — 216—220
51. איך מאַך אַ טעאַטער געגען טשאָרטקאָווער קלויז און מיין פאָטער האָט געברענטע צרות — 220—224
52. אידען שטעהען יום-כפור אין די טלתים ביי די שוהלען, ווען פעטליוראַ מאַרשירט אַריין — 224—228
53. מ'ברייננגט מיר טויזענד דאָלאַר און איך וויל זיי ניט נעהמען — 228—232
54. עס חלום'ען זיך מיר היינט און ס'קומען גאָר טשעקיסטען 232—236
55. זי „חלומ'ט" פון פינף-און-צוואַנציג ראַניש צו קענען קויפען אַ פאָר צעהנדליג הערינג — 236—240
56. דער ערשטער רויטער אָוונט פון אונזער תרבות-שולע — 241—245
57. מיין לעצטער צוג מיט'ן גרעניץ-שמוגעל — 245—248

## נאָכוועהענישען

1. אָהן אַ היים און אָהן אַ לאַנד — 249—252
2. דער שאָטען פון באָלשעוויזם פאָלגט מיר נאָך — 252—256

# הקדמה

ס'איז איצט פינף־און־צוואַנציג יאָהר פון דער צייט, ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיר שטעהן איצט אין אַ נייער וועלט־מלחמה, ניט וויסענדיג וואָסערע רעזולטאַטען זי וועט אונז ברייגנען.

די אידישע לאַגע איז היינט צו טאָג, פונקט ווי דעמאָלט, אַ ספר החתום פאַר אונז, אָפגעשלאָסען, פאַרבאָרגען.

מיר הערען פון געטאָס, פון פּאָגראָמען, פון אַרויסשיקונגען, פון עפּידעמיעס און אונזער האָרץ ציטערט אויף. וואָס קומט דאָרט באמת פאָר מיט אונזערע ברידער? ווי אַזוי לעבט זיך זיי אין דער פאַרדיקטאַטורעוועטער אייראָפּע?

די היסטאָריע חזר'ט זיך איבער. און ווען מיר קענען אַריינקוקען אין די פאַרבאָרגענישען פון אַמאָליגע פּאַסירונגען, קענען מיר אויך האָבען אַ באַגריף, וואָס ס'קומט פאָר אין די איצטיגע, פאַרבאָרגענע פאַר אונז, געשעהענישען.

מיר האָבען אָבער פיעל געזינדיגט ניט פאַרצייכענענדיג אַלעס פון יענער וויכטיגער עפּאָכע.

אָט למשל אַזאַ פשוט'ע זאַך ווי אַ פנקס מיט נעמען פון די דער'הרג'עטע און יענע פּאָגראָמען. קענען מיר זיך דען אפילו אויסמאָלען אין דער פאַנטאַזיע וואָס אַזאַ פשוט'ער וויכטיג־שוי־דערליכער דאָקומענט מיט אַ לערך הונדערט טויזענד נעמען פון גע'הרג'עטע וואָלט געקענט אויפטהון? אַזאַ שטומער דאָקומענט וואָלט געקענט רעדען שטאַרקער פון אַלע היטלער־געבעלס פּראָ־

פּאַגאַנדע מאַשינען און וואָלט פּילייכט געשטערט דער אויסשפּריי־טונג פון אויפברויז־העצעס געגען אידען, העצעס, וועלכע האָבן דערפיהרט צו דער איצטיגער נייער וועלט־שחיטה.

ליידער האָבן מיר פאַרנאַכלעסיגט אַזוינע „קליינינקייטען".

מיר פאַרנאַכלעסיגען זיי אויך איצט. מיר זאַמלען ניט קיינע באַווייזען וועגען די הריגות און די פאַרמעגענס וואָס היט־לער הרג'ט, ראַבירט און פאַרניכטעט און מיר ווילען ניט האָבן קיינע דאָקומענטאַלע באַווייזען ווען מיר ווילען קענען צושטעלען אַ חשבון צו דעם סאָלדאַטשינע־פאָלק וואָס הייסט: דייטשלאַנד.

אין איינעם פון די עפּיזאָדען איז פאַרצייכענט ווי אַזוי מיינער אַ דאָקומענט (אַלס דער איינציגער באַוויז וועגען אַ פּאָגראָם) האָט געראַטעוועט שוואַרצבאָרד'ן פון טויט.

דאָס באַווייזט די וויכטיגקייט פון יעדען געזאַמעלטען פאַקט.

אַלס כלל־טהוער איז מיר אויסגעקומען זיך צו געפינען אין סאַמע ברען פון די געשעהענישען פון יענער, עהנליכע צו היינטיגער עפּאָכע און איך בין געוועזען אין אַ געגענד וואו פּעטליורא'ן איז אויסגעקומען אַלעמאָל דורכצומאַרשירען ביי זיין יעדען אַריינקום, און ביי יעדען צוריקטריט.

מ'קען געוועהנליך אָנשרייבען דיקע בענדער וועגען יענער עפּאָכע. איך האָב באַשלאָסען צו פאַרצייכענען איצט בלויז אַ טייל פון עפּיזאָדען, וועלכע זיינען אַבסאָלוט ריכטיג און פּינקטליך, ווייל אַליין דורכגעלעבטע און דורכגעמאַכטע.

יעדער עפּיזאָד איז, אַן־און־פאַר־זיך, אַ בילד פון אַ באַזונדער־אינטערעסאַנטע געשעהעניש און אַלע צוזאַמען שטעלען זיי מיט זיך פאָר אַן אַלגעמיין בילד פון יענער מערקווירדיגער צייט.

די עפּיזאָדען זיינען געשריבען לויט אַ כראָנאָלאָגישען סדר און איך גלויב, אַז די אַרויסגעבראַכטע פאַקטען און דער אינהאַלט פון דאָקומענטען וועלען קענען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם היסטאָריקער פון אָט־דער גורל'דיגער עפּאָכע.

.1

# אַ ספר איז עולה לגדולה

ווי נאָר פּאַניע גנב האָט ערקלעהרט מלחמה, האָבען אידען דערשמעקט מיט זייער געזונטען נאַטירליכען חוש, אַז דאָס איז ניט עפּעס סתם אַ מלחמה, אַז דאָס איז אַ מלחמת גוג ומגוג, און, אַז פּאַניע גנב וועט אַרויס פון איהר בשן ועין און אַ ישועה וועט קומען אויף אידען. אמת, ס'איז געווען אַ וויכטיגע סיבה, פאַרוואָס אידען זאָלען זיין אין כעס און וועלען פּאַניע'ס מפּלה — דער ביילים פּראָצעס, וואָס האָט פאַרשאַפען אַזוי פיעל עגמת־נפש אידען און געשאַפען אַן אַטמאָספערע פון אונזיכערקייט און מורא, ווייל אידען האָבען געוואוסט, אַז דאָס לעגט זיך די רעגירונג לארכה ולרחבה צו פאַר'משפט'ן דעם אונשולדיגען קרבן, ביילים, כדי צו האָבען אַן אויסרייד פאַר נייע נגישות און רדיפות אויף אידען. אָבער ניט נאָר דאָס, עפּעס האָט די לופט געשמעקט מיט פּאַניע'ס מפּלה נאָך איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען. אידען האָבען דערפיהלט עפּעס אַ מין עקבתא דמשיחא און מען האָט נאָר באַדאַרפט אַ באַשטעטיגונג דערצו. און אַזאַ באַשטעטיגונג האָט מען באַלד געפונען אין „רעש ורעמים".

הגם קיינער האָט דעם „רעש ורעמים" מיט די אייגענע אויגען ניט געזעהען, נאָר דער פּסוק, וואָס איז אויסגעטייטשט געוואָרען אויף פּאַניע'ס מפּלה, איז פאַררופען אויף דעם ספר, וואָס זיין נאָמען אַליין קלינגט עפּעס מאָדנע און סודות'דיג, און דער עולם האָט געגלויבט.

בפרט אַז דער פּסוק איז אַ פּסוק אין חומש, אין דער צוואה, צי עתידות־זאָגעריי, פון יעקב אבינו צו זיינע קינדער. איז ווער־זשע וועט שוין געהן זיין אַ מטיל־ספק בדבר?

און אַט ווי אַזוי מ'האָט אויסגעטייטשט דעם פּסוק: „יקרה

אתכם באחרית הימים", לויט ראשי תיבות „ימשול קיסר רוסיה אַלעקסאַנדער" (ה' פאַרבייט זיך מיט אַן א'), אַחריו תהיה קיסרית (אַ כף מיט אַ קוף אודאי) ניקאָלאַי בנו (אַ מעם מיט נון אודאי און אודאי), אחריו חורבן רוסיה, ירושלים תבנה, המבשר יבוא, מהרה יבוא משיח. (עס וועט געוועלטיגען דער קיסר פון רוסלאַנד, אַלעקסאַנדער, נאָכהער וועט זיין די קייסערשאַפט פון ניקאָלאַי'ן זיין זוהן, נאָכדעם דער חורבן פון רוסלאַנד, דער אויפבוי פון ירושלים, דער מבשר וועט קומען און אין גיכען וועט קומען משיח). נו! נאָך אַזאַ בפירוש'ן, און קלאָהר ווי דער טאָג, פסוק אין דער תורה האָט נאָך אימיצער געקאָנט זיין אין ספק?

הכלל, קינד און קייט האָבען געטייטשט דעם פסוק. וואו מ'איז געשטאַנען און מ'איז געגאַנגען רק דער פסוק. עפּעס אַ נייע נשמה, אַן אויפלעבונג, אַ שטאַרקע האָפנונג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אידען, מקטן ועד גדול. געוועהנליך האָט מען אויף דעם פסוק געפונען נאָך רמזים מיט אַנדערע אָנווייזונגען, אָבער אַלץ בנוגע דעם סוף פון ניקאָלאַי'ן. קינדער האָבען זיך געפרעגט אין די גאַסען, וויבער, מאַרק זיצערינס, האָבען זיך געפרעגט איינס ס'אַנדערע: „האָסטו געהערט וואָס דער „רעש־ורעמים" זאָגט"?

דערצו זיינען נאָך צוגעקומען לעבעדיגע באַווייזען וואָס האָבען געשטאַרקט דאָס נביאות־זאָגעריי פונ'ם „רעש־ורעמים", טשאָרטקאָווער חסידים! דער טשאָרטקאָווער רבי, דער אַלטער רבי, דוד־משה'ניו, איז געווען פאַררעכענט צווישען זיינע חסידים אַלס משיח. באַווייזען זיינען געווען גענוג. ראשית זיין נאָמען אַליין: דוד־משה. ס'איז געווען אַ סברה, אַז ער האָט געהאַט שוואַרץ אויף וייס, אַז ער שטאַמט פון מלכות בית־דוד. שנית, זיין עלטער. אַלע קינדער פון ריזשינער זיינען נפטר געוואָרען יונג און בלויז ר' דוד־משה־ניו האָט דערלעבט אַזאַ עלטער, און דאָס האָבען חסידים אויסגעטייטשט, אַז ער וואַרט בלויז אויף דער געלעגענהייט מבשר צו זיין די גאולה. נו, איז אויב ער איז ניט געוואָרען דער משיח, איז עס דאָך ניט געווען זיין שולד: דאָס דור איז ניט ראוי געווען דערצו. אָבער זיינע הייליגע רייד האָט מען געבראַכט אַלס באַוויז און באַשטעטיגונגען צום „רעש־ורעמים".

נאָך קעשענעווער פּאָגראָם זיינען אידען אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכער מרה־שחורה און געוועהנליך זענען טשאָרטקאָווער חסידים געלאָפען צום רבי׳ן נאָך אַ טרייסט־וואָרט און נאָך דעמאָלט האָט ער געזאָגט: „נאָך ניקאָלאַי׳ן זעה איך ניט קיין קייסער אין רוסלאַנד".

דאָס איז געווען אַ זיכערער באַוויז: אַז משיח׳ס צייטען דערנעהענטערען זיך. איך האָב זיך דעמאָלט געקאָכט וועגען אָרגאַניזירען אַ זעלבסטשוץ, איז געקומען מיין פאָטער פון טשאָרטקאָוו און געזאָגט: „מ׳דאַרף ניט, מיר וועלען שוין לאַנג ניט בידעווען. דער רבי, זאָל לעבען, זעהט ניט מער קיין קייסער נאָך ניקאָלאַי׳ן". (מ׳האָט ערוואַרטעט משיח׳ן תרס"ו). הכלל, איצט האָט מען אויפגעמישט דאָס אַלטע זאַגעכץ פונ׳ם רבין, אַלס באַשטעטיגונג פונ׳ם „רעש ורעמים". בפרט, אַז דאָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ הריגה פון אַ שר (אַ פּרינץ), און יעדער שר, ווי באַוואוסט, האָט דאָך אַ שר אין הימעל און לויט ווי מ׳האָט שוין געזעהן דעם אָפּרוף פון אַנדערע שרים און מלכים, וועט דאָך דאָס ניט זיין סתם אַ מלחמה, צווישען פּאָניע׳ן און קירה׳ן, נאָר אַ וועלט־מלחמה, און רמזים האָט מען שוין געפונען, אַז דייטשלאַנד איז גוג, און רוסלאַנד — מגוג, צי פאַרקערט, נו, קען נאָך זיין עפּעס אַ ספק, אַז דאָס איז די אמת׳ע מלחמת גוג־ומגוג און אַז מיר האָבען דערלעבט משיח׳ס צייטען?

הכלל אָנשטאָט מורא האָבען פאַר דער מלחמה, האָבען זיך גאָר אידען געפרעהט מיט איהר. אָנשטאָט טראַכטען וועגען צרות און אומגליקען, וואָס די מלחמה וועט ברענגען מיט זיך, זיינען גאָר אידען געווען פול מיט האָפנונגען און ערוואַרטונגען. אַי צרות, ליידען? איז דאָך דאָס אַ זעלבסט פאַרשטענדליכע זאַך: חבלי משיח! ווער פאַרשטעהט עס ניט, אַז די חבלי משיח וועלען זיין שווערע? אַז די יסורים וועלען זיין מורא׳דיגע? אָבער וואָס פאַר אַ באַדייט האָט עס קעגען דער האָפנונג, אַז אָט, אָט, און מיר ווערען שוין פּטור פון אַלע לאַנג־דורות־דיגע צרות און מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער הייליג לאַנד, צום לאַנד פון אונזערע אבות און צו נאָך אַ גרעסערער, ווי די אַמאָליגע, גדולה, וואָס איז אַזוי בולט געשטאַנען פאַר אונזערע אויגען —

פון די מאָראַלישע און קינסטלערישע שילדערונגען פון אונזער תורה? היינט אַן אַנדער האַפנונג: תחית המתים!

ביי וויפיעל יתומים, יונג און אַלט, האָט זיך עס ניט אַריינ־געַ'גנב'עט אַ שטראַהל פון האָפנונג בנוגע תחית־המתים. און ניט נאָר ביי יתומים, ביי סתם מענשען, ביי וועמען זייערע נאָהענטע זיינען אוועקגענומען געוואָרען פאַר דער צייט, צי אפילו אין פולער עלטער?

און כאָטש מען האָט דערפון, עפענטליך, ניט גערעדט, אָבער אַן אינערליכער, פאַרבאָרגענער געפיהל, עפּעס אַ מיסטעריעזער דראַנג, האָט געברויזט אין די טיפענישען פון דער נשמה פון יעדען איינעם און זיך אויסגעדרוקט אין דער קאָכעניש פון „רעש ורעמים".

און אויב ס'איז יאָ געווען עפּעס אַ זאָרג ביי אידען, אויב ס'איז געווען עפּעס אַ מורא בנוגע דעם ספר, איז ניט מחמת ספק, אַז דאָס, וואָס דאָרט איז געזאָגט געוואָרען, איז ניט אמת ויציב, נאָר טאָמער זיינען מיר נאָך ניט ראוי, טאָמער איז דער דור נאָך ניט ראוי אויסגעלייזט צו ווערען און עס וועט נאָך קיין מלחמה ניט אויסברעכען און ניקאָלאַי וועט נאָך לעבען און דערמיט אויפ־האַלטען די גאולה נאָך ווער ווייסט וויפיעל יאָהר. דעריבער איז די שמחה געוואָרען זעהר גרויס און די האָפנונג פיעלפאַך פאַר־שטאַרקט, ווען מיר האָבען דערזעהן די ערשטע שיירות קאָזאַקען, זיך ציהענדיג צו דער גרעניץ. און כאָטש מיר האָבען מורא געהאַט, אַז ביז ס'וועט קומען די נחמה, קען אַרויס די נשמה אין דער אָנוועזענהייט פון אָט די מחבלים, וואָס בלויז זייער אויסזען, מיט די לאַנגע פּיקעס, האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף אונז, דאָך האָבען מיר אַלעס אָנגענומען באהבה, ווייל מיר זיינען געווען זיכער אין דער מפלה פון אָט די ביטערע שונאים אונזערע און מיט זייער מפלה, האָבען מיר געפיהלט, וועט קומען אונזער ישועה.

און וואָס מעהר קאָזאַקען און סאָלדאַטען עס האָבען דורכ־געמאַרשירט צו דער גרעניץ, האָט עס טאַקע פאַרגרעסערט אונזער באַלדיגע מורא און אַריינגעבראַכט זאָרג פאַר די צייטווייליגע צרות און יסורים, וואָס ס'וועט אונז אויסקומען צו ליידען, ס'האָט אָבער

אין דער זעלבער צייט פאַרשטאַרקט אונזער האָפנונג, אַז דאָס זיינען די חבלי משיח.

און אויב ניט־זיכערקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונזערע געדאַנקען, אויב ספיקות האָבען זיך געיאָוועט זיינען מיר אַוועק צו די פּראָפעצייאונגען פון דעם וואונדערבאַרען, מיסטעריעזען ספר, „רעש־ורעמים", און געפונען דאָרט אַ טרייסט און אַ האָפנונג.

דער „רעש ורעמים" איז עולה געוועזן לגדולה און ערוועקט אין אונז האָפנונג פאַר דער גאולה.

2.

## אַ פּאַניאַק ווערט אַ דייטש

נאָך פון דער יאַפּאַנעזיש־רוסישער מלחמה האָב איך שוין געהאַט חזקה אויף פּאָליטיק און סטראַטעגיק. איך בין געווען דער ערשטער, און איינציגער, ביי אונז אין שטאָדט, וואָס האָט געקראָגען די „הצפירה". פאַר אַ שטיק צייט פלעגען די חסידים טרייבערען מיין פאָטער די אָדערען, פאַר וואָס ער דערלאָזט אַריינצוברענגען אין שטאָדט אַריין, דורך מיר, אַזאַ אַפּיקורסות — די „הצפירה", אָבער ווי נאָר עס האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען יאַפּאַן און פּאָניען איז די „הצפירה" גע׳כשר׳ט געוואָרען און אונזער הויז איז געוואָרען אַ גענעראַל־שטאַב, מיט איין קליינעם אונטערשייד, וואָס אין דעם שטאַב אַריין זיינען געקומען ביידע צדדים, סיי די „יאַפּאַנטשיקעס", סיי די „פּאָניעס" . . . כאָטש דעמאָלט האָבען אידען אויך געהאַט אַ גוטע סיבה צו ווע־לען פּאָניע׳ס מפּלה, ווייל עס איז נאָך ניט פאַרגעסען געוואָרען דער קעשעניעווער פּאָגראָם, דאָך האָבען זיך דעמאָלט, פּונקט ווי איצט, געפונען איני׳גע „פּאָניאַקעס", וואָס האָבען גע׳טענה׳ט, אַז יאַפּאַן איז אַ פליג׳על, ווי גאָר נישט שבגאָרנישט, קעגען דעם רוסישען בער. איך, האָבענדיג די „הצפירה", בין געקרוינט געוואָרען אַלס דער גענעראַל פון די „יאַפּאַנטשיקעס", ווייל איך האָב גלייך פאָראויסגעזאָגט, אַז יאַפּאַן וועט זיעגען און דער גרויסער רוסישער חזיר וועט קריגען אָנגעבראָכען די חזיר׳שע קריזשעס.

און כאָטש איך בין נאָך ניט געווען אַפילו קיין בן שמונה־עשרה, ד. ה. נאָך אַ צוציק, האָב איך אָבער געהאַט עטליכע אַדיוטאַנטען, זקנים גמורים, מיט לאַנגע, ווייסע בערד, וועלכע האָבען געהאַלטען שטאָל און אייזען מיט מיר. און אַזוי ווי די אדיוטאַנטען, זיינען געווען מזרח אידען און מיין פאָטער איז געזעסען צווישען זיי, האָט שוין די „הצפירה" זוכה געווען צולעגט צו ווערען, אפילו אום שבת, אויבנאָן, אין מזרח אויף די שטענדערס פון מיינע, ווייס־בערדיגע, אַדיוטאַנטען.

ביי אונז אין קלויז, טשאַרטקאָווער־סאַדיגערער, האָבען זיך אָבער אויך געפונען צוויי הויפט „פּאַניאַקעס", איינער איין אַלטער בחור, ברוך יאַנקעלע בייבעס (כהנא), דעם באַרדיטשעווער רב'ס איין אור־אייניקעל, און נאָך איינער, אשר דער פּיניכעס (עושר), אַ פאַרברענטער טשאַרטקאָווער חסיד. אָט דער חסיד, וואָס איז פאַרבליבען אַ פּאַניאַק ביז צו דער איצטיגער מלחמה, איז פּלוצים געוואָרען, על פּי אומגליק און על פּי נס צוגלייך, אַ „דייטש" און דאָס האָט אויך געדינט אַלס סימבאָל פון פּאַניעס מפּלה.

נאָר איידער איך וועל אייך דערציילען וועגען דער זאָנדער־באַרער געשעהעניש, ווי אַזוי ער איז געוואָרען אַ „דייטש", איז כדאי צו פאַרלירען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם חסיד, און מיין באַציהונג צו איהם. ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, איז געקומען צו אונז אין שטאָדט אַריין דער מעזשבעזשער רבי, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ מלאך. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָט דער מעזשבעזשער רבי געהאַט אַ יחוס־שייכות סיי צו דער ריזשינער גזע, וואָס שטאַמט, ווי פריהער באַמערקט, פון מלכות בית דוד, סיי צום אָפּטער רב, וועלכער פלעגט זאָגען, בשעת דער עבודה, „וכך היה אני מונה" (און אַזוי האָב איך גע־ציילט), וואָס דאָס איז געווען אַ בפירוש'ער באַוויז, אַז ער איז געווען אַ כהן גדול אין בית המקדש. אָט פון דעם שבת אָן וואָס דער מעזשבעזשער איז געקומען, האָב איך געדענקט אשר דער פּיניכעס, וועלכער האָט אויף מיר אָנגעוואָרפען אַ שרעקליכע מורא און אַרויסגערופען באַוואונדערונג. דאָס גאַנצע דאַוו־נען, דעם שבת און נאָכהער די איבעריגע שבתים, האָט ער געהאַלטען אין איין געהן הין און צוריק, הין און צוריק, פון מזרח צו מערב און פון מערב צו מזרח, מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ און

די עקען פון טלית צוזאַמענגעצויגען אַזוי איבער'ן פנים, אַז בלויז די שפּיץ נאָז האָט אַרויסגעשטאַרצעט און אַ שפּיץ פון זיין שפּי־ציכיגען בערדעל און בלויז האַלבע, שוואַרץ־ברענענדיגע, לויפענ־דע אויגען. נאָכהער, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו קומען, מיט די איבעריגע טשאָרטקאָווער חסידים, צו אונז אויף קידוש, האָב איך זיך צוגעוואוינט צו איהם און אויפגעהערט מורא האָבען.

אָט דער אשר דער פּיניכעס איז געווען אַ „פּאָניאַק" בשעת דער יאַפּאַנעזישער מלחמה און זיך אויך געשטעלט אויף דער זייט פון די „פּאָניאַקעס" בשעת דער איצטיגער מלחמה. איז כאָטש ער איז געווען אַ „פּאָניאַק" און מיינער אַ געגנער, האָט ער אָבער דאָך געפונען פאַר נויטג מיר תיכף מודיע צו זיין אַ וויכטיגע נייעס און טאַקע זיין באַשלוס, אַז ער געהט אַריבער אויף מיין זייט, כאָטש ער האָט זיך געקאָרטשעט פון וועהטאָגען, וואָס קירה־דייטש האָט אים פאַרשאַפען.

ומעשה שהיה כך היה. ער איז געווען אַ נאָמן אין וועלדער, איז ער אַלע מאָל געפאָהרען אין וועלדער. פאָהרענדיג אויפ'ן טשעמעראָוויצער וועג פון טשעמעראָוויץ קיין סמאָטריטש (אונזער שטאָדט) און דורכפאָהרענדיג וויש'ניוטשיקער וואַלד, האָט ער באַמערקט טיף אין וואַלד הונגאַרישע אולאַנער. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז ס'זיינען קאָזאַקען, וואָרום ווי קומען עפּעס פּלוצים צו אונז קירה'ס יונים, אַז די פּאָניאַקעס שטעהן אויף דער גרעניץ? אָבער באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ס'זיינען טאַקע אולאַנער און האָט אָנגעהויבען צו טאַרקען דעם ערל, ער זאָל טרייבען די פערד וואָס שנעלער. איין אולאַנער איז אַרויס פון וואַלד מיט אַ בלויזער שווערד און איהם נאָכגעיאָגט ביז ער האָט איהם אָנגע־יאָגט און געוואָלט אַריינרוקען אין איהם די שווערד. ער האָט אָנגע־הויבען וויינען און זיך בעטען רחמים, אָבער גאָה רעד צו אַן ערל, וואָס פאַרשטעהט אפילו קיין גויאיש ניט. הכלל דער אולאַנער האָט זיך אויף איהם מרחם געווען און אָנשטאָט אַריינצורוקען די שווערד און איהם צושניידען אויף צווייען, האָט ער זי איהם אַריינגערוקט בלויז אין זיך־פּלייש (צו קיהלען אַביסעל די יונישע רציחה), און פאַראורזאַכט אַ טיפען שניט — שפּאַלט, ד. ה. איהם געמאַכט פאַר אַ דייטש. ווי באַוואוסט, פלעגען חסידים טראָגען לאַנגע קאַפּאָטעס. אַז עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט די

מגפה פון השכלה, האָבען די מאָדערניקעס אָנגעהויבען צו טראָגען קאַפּאָטעס מיט שפּאַלטען פון הינטען. (די חסידים פלעגען רופען אַזעלכע מאָדערניקעס: דייטשען). נו, אַז דער חסיד האָט געקראָגען אַ שפּאַלט, האָט מען איהם שוין מזכה געווען מיט'ן נאָמען: „דייטש״

דאָס מאָל איז פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינליכע פאַרזאַמלונג פון שטאָב ביי איהם אין הויז, ווייל ער האָט דאָך געמוזט ליגען, און דאָ איז ערשט געוואָרען אַ קאָכעניש: די אפּיקורסים פוןביידע צדדים האָבען גע'טענה'ט, אַז עס איז לא דובים ולא יער, ווי קומט עפּעס קירה'ס אַרמיי אַהער, טיף אין לאַנד, ווען פּאַניעס קאַזאַקען מיט זייערע גנב'ישע אויגעלעך שטעהען אויף דער גרעניץ און היטען, און ווען די הויפּט-אַרמיי איז קאָנצענטרירט ניט ווייט פון אונז אין יאַרמאָלינעץ? זיינע „פּאַניאַקעס״, דערהערענדיג, אַז ער האָט זיך נאָך איבערגעקוליעט און געוואָרען אַ דייטש, האָבען גע'טענה'ט: „היתכן״? אויב עס איז טאַקע אמת, אַז קירה'ס יונים זיינען אַזוינע גזלנים, ווי אַזוי זשע קען ער נאָך טראָגען אַ גוט האָרץ אויף זיי און נאָך ווערען זייער צד?״ מיינע חברה האָבען געוואָלט הערען, וואָס איך האָב צו זאָגען. איך האָב גע־שטיצט דעם נייעם דייטש, אַז ער האָט טאַקע ניט געמאַכט קיין טעות, אַז דאָס זיינען טאַקע געווען אולאַנער, נאָר דאָס איז ניט קיין אַוואַנגאַרד פון אַן אַרמיי, וואָס קומט נאָך זיי. עס איז בלויז אַ גרופּע מרגלים מיט כלי־זמרים, וועלכע זיינען געקומען בעטען פּאַניען אויף דער חתונה אויף די קאַרפּאַטען. אָט אַצינד זיינען שוין אַרויף אויף מיר אַ פּאָר פון מיינע חברה מיט שטאַרקע טענות: „סטייטש, וואָס מיינסטו עפּעס דערמיט? דו געהסט אַריינלאָזען פּאַניע חזיר און איהם אַוועקגעגעבען גאַנץ גאַליציע״? און איינער פון מיינע אַלטע אַדיוטאַנטען, נאָך פון דער יאַפּאַנעזישער מלחמה, האָט מיר געשטעלט אַ לאָגישע פראַגע: „מילא, אַז דו האָסט געזאָגט, אַז ביזט זיכער, אַז יאַפּאַן וועט געווינען, ווייל ווען ניט וואָלט זי זיך ניט גענומען צו אַזאַ גרויסען בער, איז עס געווען לאָגיש, אָבער וואו איז די לאָגיק, אַוועקצוגעבען פּאַניאַ'ן גאַ־ליציע?״ „איך קען זיך גאָר ניט העלפען, האָב איך געזאָגט מיינע אַנהענגער. מלחמה איז ניט קיין שפּיל אין בלענדעניש. דאָס

איז איין אויסגעצייכענטע שאָך־שפּיל. און פּונקט ווי ביים שאָך־שפּיל, לאָזט מען אַמאָל פאַרלוירען געהן אפילו אַ מלכה, כדי צו קענען זאָגען: „שאך און מאַט", אַזוי מוז מען אין מלחמה אַמאָל, בכוונה, פאַרלירען, כדי נאָכהער צו געווינען. קירה־דייטש וועט האָבען געגען זיך אַ שטאַרקערען געגנער אין מערב, און זיי וועלען זיך דאַרפען ספּראַווען פריהער מיט יענעם שונא און דעריבער וועט מען פאָניע חזיר מוזען אַריינלאָזען צו די קאַרפּאַטען און איהם דאָרטען געבען חזיר־ניסלעך צו עסען, אַזוי אַז ער זאָל אַזש פּלאַצען". סיי די „פּאָניאַקעס", סיי מיינע דייטשען זיינען אַוועק ניט צופרידען פון דער שטאַב־זיצונג.

אין אַ פּאָר שטונדען אַרום איז שוין דער גאַנצער שטאַב געווען ביי מיר אין הויז און מיר זיינען אַלע אַרויס אין גאַס און אָנגעשפּיצט די אויערען און זיך צוגעהערט צו די פאַרשטיקטע קנאַלען וואָס זיינען געקומען פון דער יארמאָליניצער ווייטקייט, אַ סימן, אַז אַ שלאַכט האָט זיך שוין אָנגעהויבען אונטער דער נאָז פון דער הויפּט אַרמיי. דערווייל איז צוגעפאַלען די נאַכט און מיר האָבען אָנגעהויבען קוקען צום הימעל, אפשר וועלען מיר זעהן פייער, אָבער נאָך אַ פּאָר שעה פון אַזאַ פאַרשטיקטער באָמבאַרדע, איז אַלעס שטיל געבליבען און דעמאָלט ערשט האָבען מיר אָנגעהויבען צו באַטראַכטען די סיטואַציע.

איינציגע פון מיינע אָנהענגער האָבען אויסגעדריקט צווייפעל אין מיין חכמת הסטראַטעגיקע, אַ סימן, אַז די מלחמה געהט שוין אָן לעבען יאַרמאָלינעץ, איך האָב זיך געוויינליך געהאַלטען ביי מיין סטראַטעגיע, וואָס איז אויפ'ן צווייטען טאָג באַשטעטיגט געוואָרען פון גויים, וועלכע האָבען געזעהן די אולאַנער צוריקלויפען מיט דעם זעלבען ווישניוועטשיקער וואַלד.

אין גיכען האָט די רוסישע אַרמיי אָנגעהויבען מאַרשירען צו דער גרעניץ, און אַ טייל אַפּיקורסים פון מיין שטאַב האָבען נאָך געהאָפט, אַז פאָניע וועט קריגען דעם אמת'ן ברוך־הבא אויף דער גרעניץ, אויפ'ן טייך זבריזש.

## 3.
# פּאַניע מאַרשירט צו די קאַרפּאַטען

די האָפנונג פון אַ טייל פון מיין שטאָב — די אפיקורסים — איז ניט ערפילט געוואָרען. פּאַניע האָט אַריינמאַרשירט קיין גאַליציע.

ביי אונז אין לאַנד, האָבען סיי די סאָלדאַטען, סיי די קאָזאַקען ניט געטשעפּעט קיין אידען, אָפּנים לויט אַ וואונק פון אויבען, כדי ניט אַרויסצורופען קיין פּאַרצוויפּעלטע שנאה ביי אידען און זיי טרייבען דערמיט אין שונא׳ס לאַגער. אפילו די שוואַרץ־מאה׳ניקעס האָבען אויך אָנגעהויבען לויבען די אידען פאַר זייער פּאַטריאָטיזם. אָבער ווי נאָר די יונים זיינען אַריין אין קירה׳ס מדינה, האָבען זיי גלייך אָנגעהויבען צוצעפּיהרען די הענט, סיי אין ראַבירונג, סיי אין רציחה. דעם ערשטען גרוס פון שוידערליכער רציחה האָב איך אָפּגענומען פון מיינעם אַ קאָזין, שמחה הובערמאַן, וועלכער איז געווען אַ פּאָדריאַדטשיק (אַ פּראָוויאַנט צושטעלער) פון דער אַרמיי. ער איז געווען זעהר אַ פרומער און אַ חסיד און האָט צוגעזעהן, ווי אַזוי מען האָט חרוב געמאַכט ביים הוסיאַטינער רבי׳ן דאָס הויף, עס אויסגעפּליגדערט און פאַרשוועכט.

אגב אורחא איז כדאי דאָ צו באַמערקען, אַז אַנסקי, וואָס איז געווען אַ מיליטער־מאַן, אָבער אין זינען געהאַט די אינטערעסען פון דער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, איז באַלד געקומען אין הוסיאַטין ראַטעווען דעם וויכטיגען אַרכיוו פון הוסיאַטינער הויף. עס זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס וועגען דעם הויף און איינע פון זיי איז געווען, אַז כדי די קאָזאַקען זאָלען ניט קענען פאַרשוועכען די הייליגע פּאַפּירען־דאָקומענטען, זיינען די אותיות אַוועקגעפלויגען און ס׳איז געבליבען בלויז גלאַט־פּאַפּיר.

די צווייטע שטאָדט פון מיין קאָזינס מאַרשרוט איז געווען פּראָבישנע (צי קאָפּיטשינעץ). דאָרט האָט ער צוגעזעהן אַ פאַל, וואָס האָט איהם פאַרשאַפט אַ האַרץ־פעהלער און ער האָט אָנגעהויבען זיך סטאַרען באַפּרייט צו ווערען פון דעם פּאָדריאַד, כדי ניט צוזעהן מיט זיינע אויגען די רציחות. אַ גרופּע קאָזאַקען

זיינען צוגעפֿאָהרען צו אַ אידישען בעקער נאָך ברויט. דאָס ברויט איז געווען אין אויווען, דער אָפיצער האָט איהם אַרויסגע־רופען און באַפוילען ער זאָל תיכף זיי געבען ברויט. דער בעקער האָט איהם געגעבען צו פֿאַרשטעהן, אַז דאָס ברויט איז נאָך ניט פֿאַרטיג, און ווי נאָר ער וועט עס קענען אַרויסנעהמען פֿון אויווען, וועט ער זיי עס אָוועקגעבען. דער אָפיצער האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד, אַ פֿאָך געטאָן מיט איהר און דעם בעקער'ס קאָפּ איז אַראָפּגעפֿאַלען אויף דער ערד. מיין קאָזין האָט געקראָגען אַזאַ האַרץ־פֿעהלער פֿון דעם פֿאַל, אַז ער איז נאָכהער טאַקע גע־שטאָרבען פֿון דעם.

ס'זיינען פֿאָרגעקומען וואונדערבאַרע העלדישע פּאַסירונגען, ווען ניט נאָר מענער, נאָר אפילו מיידלאך האָבען אָנגעפֿיהרט קאַמפּען מיט גאַנצע גרופּעס קאָזאַקען, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און זיך ניט געלאָזט מטמא זיין. אָבער די דאָזיגע עפּיזאָדען דאַרפֿען פֿאַרצייכענט ווערען פֿון מענשען, וועלכע זיינען געווען עדי־ראיה, אָדער נאָהענט צו די געשעהענע פֿאַקטען. איך וויל בלויז קאָנ־סטאַטירען דעם פֿאַקט, אַז ניט בלויז די ידיעות און שמועות וועגען די פּאָגראָמען, וואָס אידען איז אויסגעקומען אויסצושטעהן דאָרט פֿון די קאזאקען און סאָלדאַטען, נאָר די עצם־עובדה, וואָס פּאָניע גנב מאַרשירט אַריין אַזוי טיף אין קירה'ס מדינה, האָט פֿאַר־שאַפֿט אידען גרויס עגמת־נפש און מחלת הלב. און כאָטש איך בין געווען צוגעגרייט דערצו דורך מיין סטראַטעגיק, דאָך האָב איך, אינסטינקטיוו, אויך ניט געקענט זיך באַפֿרייען פֿון דעם עגמת־נפש, וויסענדיג אָפּילו, אַז פּאָניע'ס מפּלה איז זיכער.

ספּעציעל האָט אויף מיר געמאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק די ערשטע שיירה געפֿאַנגענע, וואָס מען האָט אָנגעבראַכט צו אונז אין שטאָדט אַריין, אום ראש השנה, פּונקט צווישען שחרית און מוסף, ווען אידען האָבען זיך געגרייט צום שופר־בלאָזען.

ביי אונז אין שטאָדט איז געווען אַ שטיקעל בלאָטקעלע און די דריי הונדערט געפֿאַנגענע זיינען געווען אַזוי אויסגעמוטשעט און מיד, אַז זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף דער בלאָטע זיך אָפּ־רוהען, און ניט נאָר מיד זיינען זיי געווען, נאָר אויך טויט־הונגעריג. פֿאַר יונגע מענשען איז געווען אַ סכנה זיך צו מישען אין אַזוינע זאַכען, ווי העלפֿען אַ שונא'ס מענשען, האָב איך, דורך

מיין פאטער, אָרגאַניזירט גיכע הילף: ראשית זיי צו באַזאָרגען אין היימער און שנית צונויפצוזאַמלען חלה און אַנדער עסענוואַרג צו שטילען זייער הונגער.

דאָס עגמת־נפש וואָס מיר האָבען געהאַט פון דעם פאַל מיט די געפאַנגענע קירה׳ס זעלנער, האָט לאַנג ניט אַנגעהאַלטען. באַלד האָבען מיר געקראָגען ידיעות פון די קלעפּ, וואָס פאַניע כאַפּט. די ידיעות זיינען באַשטעטיגט געוואָרען מיט די פאַר־וואונדעטע וועלכע מ׳האָט צוריקגעפיהרט פון גאַליציע גאַנצע עשאַלאָנען.

באַזונדערס האָבען זיך אָנגעהויבען טראָגען אין דער לופטען שטוינענדע טראַגעדיעס, ווען פאַניע איז צוגעקומען נאָהענט צו די קאַרפּאַטען. אייניגע האָבען געלויטעט, אַז קירה וויל אפילו קיין קוילען ניט אויסברענגען אויף די פאַנישע חזירים. וואָס דען? ער לאָזט זיי אַרויפקלעטערען אויף די בערג און ווען זיי זיינען שוין אין מיטען די בערג, לאָזט מען אַרונטער פון די שפּיץ בערג קלעצער מיט אָנגעשלאָגענע גרויסע צוועקעס, און אַזוי ווי די קלעצער קאַטשען זיך, שטעכט יעדער צוואָק אָן אַ קאַזאַק און אָט אַזוי, אָנגעשטאָכען פול מיט קאזאקען, קאַטשעט זיך דער קלאָץ אַרונטער אין אָפּגרונד אַריין.

ס׳זיינען אויך דערצעהלט געוואָרען מעשיות, באַזירטע אויף סטראַטעגיק, ווי למשל, אַז מ׳לאָזט אַריין אַ גאַנצע מחנה אין אַ טהאָל, צווישען צוויי בערג און ווען די מחנה איז שוין איינגאַנצען אין טהאָל, וואַרפט מען אַרונטער פון די בערג אָנגעהאַקטע בוי־מער און שטיינער און מ׳פאַרשטעלט איר דעם וועג צוריק און נאָכהער גיט מען איהר צו שמעקען פּולווער, ביז מ׳פאַרניכטעט די גאַנצע מחנה.

צי למשל, מ׳לאָזט אַרויף אַ גרויסע מחנה אויף אַ באַרג, וועלכער איז פאַראייניגט דורך אַ בריק מיט אַן אַנדערען באַרג. די קירה׳ס מאַכען זיך כלומר׳שט, אַז זיי אַנטלויפען און די פאַ־ניעס יאָגען זיי נאָך. ווען די גאַנצע מחנה איז שוין אויפ׳ן צוויי־טען באַרג מיט די האַרמאַטען און בכל מכל כל, רייסט מען דאָ אונטער די בריק און דאָרט עפענט מען אַ קרייץ־פייער און די פאַניעס הויבען אָן צו לויפען צוריק אַזוי שנעל, אַז זיי שטופען

זיך איינער דעם אַנדערען אַרונטער פון דעם באַרג, דורך דער אָפּגעריסענער בריק, אין תהום אַריין.

די וואָס האָבען מורא געהאַט, אַז פּאַניע האָט אַזוי פיעל חזירים, אַז זיי קענען אויספילען דעם חלל צווישען די צוויי בערג און אַ טייל פון דער מחנה זאָל זיך ראַטעווען איבער זיי, האָבען נאָך צוגעגעבען, אַז אונטען פליסט אַ טייך און די אַרונטערגעפאַלענע ווערען דערטרונקען און אַוועקגעשווענקט, אַזוי אַז די גאַנצע מחנה מוז פאַרניכטעט ווערען. ווייניגער ווי מיט גאַנצע מחנה'ס האָבען מיר זיך ניט צופרידענגעשטעלט.

פאַניע'ס מפלות אויף די קאַרפּאַטען, די אמת'ע און די לעגענדאַרישע, האָבען אַריינגעבראַכט אַ שטיקעל טרייסט אויף דעם צער וואָס אידען האָבען געהאַט פון זיין פאַרכאַפּען קירה'ס מדינה, גאַליציע, וואָס איז געווען דאָס וואוין־אָרט פון ריזשענער'ס קינדער און אַנדערע רביים.

.4

## דער גובערניאַלער גענעראַל־שטאַב

אין אונזער גוברניע־שטאָדט, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, איז געווען דער גענעראַל־שטאַב פון דרום־מערב פראָנט מיט גענעראַל ברוסילאָוו בראש. אָבער דער אמת'ער גענעראַל־שטאַב האָט ביי אונז געשפּילט אַ קליינע ראָלע. מיר האָבען זיך געהאַט אונזער אייגענעם גענעראַל־שטאַב אין איינעם פון די געוועלבען אויף דער צענטראַלער גאַס, און דאָרט האָבען מיר געפיהרט אונזער אייגענע סטראַטעגיקע. די שטאַבנע אָפיצערען זיינען געווען, שולמאַן, בלאַטמאַן, דר. קאַנפּפינג, איך און אַנדערע. איך פלעג קומען איינמאָל אין חודש אין דעם גובערניאַלען שטאַב און אַז די שטאַבנע אָפיצערען פלעגען אַריינפאַלען אין פאַרצווייפלונג פון עפּעס איין אויסערגעוויינליכער געשעהעניש, פלעגען זיי שוין אַרויסקוקען אויף מיר ווי אויף משיח'ן, איך זאָל זיי זאָגען עפּעס אַ טרייסט־וואָרט. פאַרוואָס זיי האָבען מיך אנערקענט פאַר אַן אויטאָריטעט אין דער חכמת הסטראַטעגיקע, האָב איך זיך גע־

ווינליך געשעמט דעמאָלט צו פרעגען און איך ווייס עס עד היום ניט. מעגליך, אַז שולמאַנ׳ס אַ פעטער, וועלכער האָט באַלאַנגט צו מיין שטאַב פון די „יאַפּאַנטשיקעס״, האָט מיך אַזוי רעקאָמענדירט צו זיי און פיליכט מיין פּאַראויסזאָג וועגען פּאַניעס אַריינגאַנג קיין גאַליציע, וועלכעס אידען האָבען ניט געקענט איבערטראָגען און דעריבער געזוכט אַ טרייסט אין סטראַטעגיע.

ספּעציעלע אנערקענונג האָב איך געקראָגען דערמיט, וואָס איך האָב פּאַראויסגעזאָגט, אַז דאָס פעסטונג, פּשעמישעל, וועט מען פּאַניע׳ן ניט איבערגעבען, כדי צו האָבען איין אָנפאַל־אַרמיי פון הינטען, ווען מ׳וועט אָנהויבען טרייבען פּאַניע׳ן צוריק אין זיין רוה אַריין. און נאָך איין פאַל וואָס האָט אַריינגעוואָרפען די אידען אין אַ געוואַלדיגער מרה־שחורה און איך האָב זיי פּשוט דערהאַלטען ביים לעבען. דאָס איז געווען, ווען פּאַניע האָט אָנגעהויבען אַריינקריכען אין דעם בוקאָווינער דריי־עק. די „פּאַניע״־סטראַטעגען האָבען אויסגעטייטשט דעם אַריינדרינג דערמיט, אַז דאָ זוכט פּאַניע זיך דורכצורייסען דורך בוקאָווינע קיין אונגאַרן און פון דאָרט, דורך יענער זייט קאַרפּאַטען, אָנפאַלען אויף קירה׳ס אַרמיי פון הינטען־אַרום און זי צעשמעטערען. פּאַניע׳ס אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסען אין דעם בוקאָווינער דריי־עק מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז עס האָט טאַקע אויסגעזעהן, אַז די „פּאַניע״־סטראַטעגען זיינען גערעכט. ווען איך בין אָנגעקומען אין קאַמענעץ, האָב איך געטראָפען מיינע שטאַבנע אָפיצערען אַרומגעהן אָהן קעפּ. „נו, וואָס זאָגסטו אַצינד״? האָבען אַלע אין איין קול מיך געפרעגט. איך האָב געלאַכט, האָבען זיי שוין פאַרשטאַנען, אַז די סכנה איז נאָך דערווייל ניט אַזוי שטאַרק. קיין מאַפּע האָבען מיר אין דעם שטאַב ניט געהאַט צוליב די „קוקערס״ (דעטעקטיווס), האָב איך זיי געזאָגט אויף אויסענווייניג זיי זאָלען עס געדענקען, אַז מען לאָזט אַריין דעם חזיר טיף אין בוקאָווינע, כדי מען זאָל די גאַנצע אַרמיי קענען אָפּשניידען און ניט אַרויסלאָזען צוריק און אַז קירה׳ס אַרמיי וועט אַרויסקומען פון מאַרמאַראַש־סיגעט און פאַרשטעלען פּאַניע׳ס אַרמיי דעם וועג צוריק.

און אַזוי איז טאַקע געשעהן, און איך בין אנערקענט געוואָרען אַלס אַן אמת׳ער סטראַטעג. איך האָב אפילו אָנגעוויזען דאָס

אָרט, וואו קירה׳ס אַרמיי וועט קומען, גלייך ווי איך וואָלט געפּיהרט קירה׳ס גענעראַל־שטאַב.

די שמחה ביי אידען פון פּאַניע׳ס מפּלה אין בוקאָווענע איז געווען עד אין לשער. אידען האָבען פּשוט פריידיג אָפּגעאָטעמט. זיי האָבען געמיינט, אַז אַט, אַט און קירה וועט שוין הייסען: נחום (נאָך איהם) און דאָ גאָר אַזא מפּלה אויף פּאַניע׳ן. און וואָס מעהר זייער פרייד איז געווען, אַלץ גרעסער איז גע־שטיגען מיין אנערקענונג און מ׳האָט זיך שוין גערעכענט מיט מיין מיינונג, ווי מיט אַ מיינונג פון אַן אמת׳ן מיליטערישען אויטאָריטעט. און דעריבער איז מיר געווען גרינג צו דערהאַלטען דעם עולם ביי פולער האָפנונג די גאַנצע צייט.

איינמאָל אָבער האָב איך געליטען אַ דורכפאַל דורכ׳ן פאַל פון פּשעמישעל. דער טאָג וואָס ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה וועגען פאַל פון פּשעמישעל איז געווען אַ נייער תשעה באב פאַר אידען. זיי האָבען פּשוט געוויינט ווי קליינע קינדער. ווען איך בין אָנגעקומען אין קאַמענעץ אין שטאַב, האָבען מיך מיינע שטאַב־נע אָפּיצערען באַגעגענט מיט אַזוינע אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי ס׳וואָלט געלעגען א בר־מינן פאַר זייערע אויגען.

איך אַליין האָב אויך געפּיהלט אַביסעל דערשלאָגען, כאָטש איך בין געווען זיכער, אַז דאָס קען ניט האָבען קיין באַדייטונג פאַר׳ן אויסגאַנג פון דער מלחמה. איך האָב ניט געקענט ער־קלערען סטראַטעגיש, פאַר וואָס פּשעמישעל האָט געמוזט פאַלען. און דעריבער האָב איך צוגעשטימט צו דער מיינונג, אַז פּאַניע האָט אונטערגעקויפט דעם גענעראַל פון פּשעמישלער פעסטונג, און ער האָט אים איבערגעגעבען די פעסטונג, כאָטש איך אַליין האָב ניט געגלויבט אין דעם. אַ תירוץ האָט מען געמוזט האָבען פאַר אַ שטיקעל טרייסט, האָב איך אָנגענומען דעם תירוץ.

צו דערצו האָב איך נאָך צוגעגעבען, אַז אייגענטליך איז דאָס בלויז אַ מאָראַלישע מפּלה פאַר קירה׳ן, ווייל פאַקטיש מיינט עס בלויז נאָך אַ האַלבער מיליאָן קאַנאָנען־פלייש פאַר די קאַר־פאַטען.

בדיעבד האָט מען אָנגענומען די תירוצים, אָבער טיף אין האַרצען האָט יעדער געוועהטאָגט און דער נייער תשעה באב האָט אָנגעהאַלטען מעהר ווי איין טאָג, ביז ס׳זיינען אָנגעקומען

פרישע ידיעות וועגען גרויסע מפלות פון פאָניע׳ס מחנות אויף אַלע פראָנטען.

אַ ידיעה וועגען דער פאַרניכטונג פון אַ דיוויזיע, צי אפילו אַ קאָרפוס האָט שוין ניט צופרידענגעשטעלט. בלויז גאַנצע אַרמייען.

און כאָטש מיר האָבען געוואוסט, אַז די מפלות וועלען סוף כל סוף אויסגעהן צו די אידען׳ס קעפּ, דאָך האָבען מיר זיך גע־פרעהט מיט יעדער מפלה און געהאַלטען אין איין האָפען אויף נאָך פרישע און פרישע מפלות.

אונזער שמחה איז אַפילו אַביסעל געשטערט געוואָרען דורך די ליידען פון די מערב־פראָנט פעלקער, ספּעציעל פון דער קליינער בעלגיע און אויך פון דער פרייער פראַנקרייך, אָבער דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך פאַרבונדען מיט פאָניע גנב, האָבען מיר זיי קיין זכות ניט געקענט געפינען, ספּעציעל ווען אויף דער זייט זיינען געווען קירה, וואָס האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ מלך־חסד, אַן אוהב ישראל, און איטאַליע, וואָס האָט געהאַט אַ אידישען גענעראַל, אטאלענגאָ, און אויך אַ ליבעראַלען קייסער און אַן אוהב ישראל.

חוץ דעם איז פאָניע׳ס מפלה געווען פאַר אונז אַ נויט־ווענדיגקייט אַלס אתחלתא דגאולה, און וואָס גרעסער די מפלה, אַלץ נעהענטער די גאולה.

דעריבער האָבען מיר געשעפּט נחת ניט נאָר פון די מפלות, נאָר אויך פון די צירקולירענדע סלוכען (קלאַנגען), אַז אין דער קייסערליכער פאַמיליע און אין שטאַב קומען פאַר צוויסטיגקייטען.

די קלאַנגען האָבען זיך באַשטעטיגט, ווען ניקאָלאַי ניקאָ־לאַיעוויטש איז אַוועקגעשיקט געוואָרען קיין קאַווקאַז און מי־קאָלקע אַליין האָט איבערגענומען דעם פראָנט און זיך אַליין ער־קלעהרט, אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר.

דאָס אַליין איז געווען פאַר אונז אַ באַוויז, אַז די מלחמה איז פאַרשפּילט און אַ סימבאָל פון דער אתחלתא דגאולה, וואָרום מיר זיינען געווען זיכער, אַז וויבאַלד ניקאָלאַי אַליין איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר און ער וועט די מלחמה דאָך זיכער פאַרשפּילען, וועט קומען אַ סוף צו איהם אויך. און דערמיט וועט זיך אָנהויבען אונזער ישועה און אונזער גאולה.

סימנים זיינען דאָ פון זיך אַליין אַרויפגעשוואומען, סיי די

אויסטייטשונג פון „רעש ורעמים״, סיי דאָס נביאות פון טשאָרט־קאָווער רבין, אַז נאָך ניקאָלאַיען זעהט ער ניט מעהר קיין קיסר.

און ווען דערצו איז נאָך צוגעקומען די פּאָראויסזאָגונגען פון מיין גענעראַל שטאַב וועגען פּאַניע׳ס ענדגילטיגער מפּלה, וואָס האָבען אַבסאָלוט געשטימט מיט די אויבענדערמאָנטע אויטאָרי־טעטנע מקורות, האָט שוין קיין ספק ניט געקענט זיין, אַז די ישועה איז נאָהענט.

.5

## דער פּריסטאַוו סטראַשעט מיר און איך — אים מיט . . . סיביר

באַלד נאָך דעם אויסברוך פון מלחמה, איז אַראָפּגעקומען צו אונז אַ נייער פּריסטאַוו, קרוזשאנאָווסקי, מיט אַ שוואַרצער באָרד, וועלכע האָט איהם געמאַכט אויסצוקוקען ווי אַ געלערענטער אָדער גייסטליכער, דאָך איז ער געווען זעהר אַ בייזער און שטרענגער פּריץ.

ווי נאָר ער איז אַראָפּגעקומען, האָט ער גלייך אָנגעהויבען אַרומצוגעהן איבער דער שטאָדט מאַכען רעוויזיעס און כמעט אומעטום געמאַכט פּראָטאָקאָלען (באַשולדיגונגס אַקטען).

זיין שטרענגקייט און בייזקייט האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף אַלעמען, אַז יעדער האָט מורא געהאַט צו רעדען מיט אים תכלית . . . (כאַבאַר).

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער שטאָדט, איז ער אַראָפּ צו אונזער מיהל, אַן אָנדערטהאַלבען ווערסט פון דער שטאָדט, און געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל פאַר אומריינקייט, ווייל די דורכפאָהרענדע פוהרען מיט פערד האָבען איבערגעלאָזט שמוץ. אַזוי ווי צו אונזער מיהל זיינען צוגעפאָהרען דורכ׳ן טאָג צעהנדליגער פוהרען, איז אונמעגליך געווען אויסצומיידען אַזעלכע אָפּטע פאַלען.

מיין פאָטער איז אַריינגעקומען צום פּריסטאַוו מיט דער

דאָזיגער טענה און אגב אורחא איהם דערצעהלט, אַז אונזער שטאָדט לעבט זיך אַלע מאָל גוט מיט די פּריסטאַוס, וועלכע האָבען שוין אַכטונג געגעבען, אַז די שטאָדט זאָל אַלע מאָל זיין צופרידען מיט זיי . . .

דער פּריסטאַוו האָט תופס געווען דאָס אָנצוהערעניש, און אָנגעהויבען רעדען תכלית און זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פון די אַלע פּראָטאָקאָלען איז שוין קיין שריד ופליט ניט געבליבען.

פון דעמאָלט אָן איז שוין דער פּריסטאַוו געוואָרען אַ גוטער פריינד פון מיין פאָטער און אָן אָריינגעהער צו אונז אין שטוב, וואו איך האָב זיך אויך באַקאַנט מיט איהם און אויך געוואָרען אַ גאַנצער גוטער ברודער מיט איהם.

ס'איז אַוועק אַ שטיק צייט און דער אוראַדניק (דער שעף פון דער פּאָליציי), בכבודו ובעצמו, איז מיך געקומען רופען צום פּריסטאַוו. איך בין אַריין צו אים, ווי מיין שטייגער אַלע מאָל, מיט אַ גוט ברודערישער באַגריסונג, אָבער איך האָב באַלד באַמערקט, אַז ס'איז ניט דער פּריסטאַוו. אַ ספּעציעל פּאָנישע שטייפקייט און אָנגעצויגענקייט האָט אַרויסגעשריען פון יעדער באַוועגונג און פון יעדער מינע זיינער.

„הער חכם, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, ווייסטו, אַז ס'איז איצט קריג־צושטאַנד״? „יאָ״, האָב איך געענטפערט, „איז וואָס״? „ווייסטו, אַז געהיימע אָרגאַניזאַציע שמעקט מיט שיסען, אָדער, אין בעסטען פאַל, מיט סיביר?״ „איך ווייס״, ענטפער איך.

— „ביזטו דער גאַנצער מאַכער פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״ ?

— „יאָ״, ענטפער איך שטאָלץ.

— „פאַרקויפסטו מיטגליד'ס קאַרטען (מיינענדיג שקלים) און זאַמעלסטו געלד פאַר אָט דער געהיימער פאַרבאָטענער אָרגאַניזאַציע״ ? „יאָ״, ענטפער איך איהם אונטערשראָקען.

— „פאַרקויפסטו פּאָסט־מאַרקעס און קאָנקורירסט מיט דער רעגירונג פון קייסער״ ? — „איך פאַרקויף מאַרקעס, אָבער דאָס זיינען ניט קיין פּאָסט־מאַרקעס (פון קרן קימת) און זיי זיינען ניט קיין קאָנקורענץ צו דער רעגירונגס פּאָסט־מאַרקעס״.

— „ווייסטו, אַז איך דאַרף אַכטונג געבען, אַז אַזוינס זאָל ניט געשעהן, און אַז איך קען דיך פאַרשיקען קיין סיביר דער־פאַר" ?

איך האָב שוין פון דער פראַגע פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט ניט די הגדה, נאָר די קניידלעך, און איהם צוריק געענטפערט מיט פונקט אַזוינע הארבע פראַגען : „ווייסטו, אַז איך קען אַכטונג געבען אויף דיר אויך ? ווייסטו, אַז פאַר דיינע טהאַטען קענסטו אויך געהן קיין סיביר, פונקט ווי איך ? אויב דו מיינסט צו קריגען פון מיר כאַבאַר דערפאַר, קען איך דיר פאַרזיכערען, אַז אפילו קיין קאָפּיקע ניט. ראשית, ווייל עס איז סתם אַ פראַגע פון געזאַמעלטע קאָפּיקעס און ס'איז ניטאָ פון וואָס צו געבען, און שנית, ווען אפילו ס'זאָל זיין פון וואָס, וואָלט איך דיר אויך גאָר ניט געבען, צוליב פּרינציפּ. מילא, אַז דו נעהמסט כאַבאַר פון געוועלבען, פון מסחר־מענשען, איז נישט מיין עסק זיך צו מישען אין דעם. אָבער אַז דו ווערסט זיך טשעפּען צו געזעלשאַפטליכע ענינים, וועל איך דיר דאָס ניט שווייגען, און אַז ס'וועט קומען צו רעדען, קען איך רעדען מיט שטאַרקערע באַווייזען און בעסערע אַרגומענטען קעגען דיר, ווי דו קעגען מיר".

איצט האָט זיך שוין זיין גאַנצער פּאַניע אַנגעצונדען. ער איז אויפגעשפּרונגען מיט באַנומענע קולות : „הייסט עס, דו סטראַ־שעסט מיר גאָר ? און ווערסט מיך מסר'ן, אַז איך נעהם כאַבאַר ?"

איך האָב זיך אויך צושריגען און זיך געווענדעט צו איהם שטרענג און בייז : „הער זיך איין, איך בין דיר ניט געקומען סטראַשען. דאָס האָסטו דאָך מיך גערופען און מיר געסטראַשעט מיט סיביר. זאָג איך דיר קורץ און שאַרף, אַז דו ווערסט פריהער זיין דאָרט, איידער איך וועל אַהין אַנקומען", און זיך געלאָזט געהן צו דער טיר.

„הער חכם, האָט ער מיר נאָכגעשריען, דו מאַכסט א טעות. קיין איד וועט ניט וואַגען עדות צו זאָגען געגען מיר און דיך וועל איך תיכף ומיד אַרויסשיקען".

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טיר און איהם גע־וואָרענט מיט'ן פינגער : „היט דיך ניט און אייל דיך ניט צו טאָן קיין נאַרישקייט, ווייל דאָס וועט אויסגעהן פריהער צו דיין

קאַפּ, ווייל איך דאַרף קיין עדות ניט, איך האָב געשריבענע באַ־וויזען געגען דיר". און האָב אַ פּראַל געטאָן מיט דער טיר און אַוועק אַהיים.

איך ווייס ניט צי דער פּריסטאַוו האָט זיך דערשראָקען פאַר מיין וואָרנונג, צי ער האָט געמיינט איבערצושרעקן מיין פאָטער און קריגען פון איהם אַ פעט כאַבאַר'ל, אָבער באַלד האָט ער גע־שיקט דעם אוראַדניק צו מיין פאָטער, ער זאָל איהם איבערשרע־קען, אַז ער געהט מיך אַרויסשיקען קיין סיביר. מיין פאָטער האָט זיך טאַקע ערנסט דערשראָקען, אָבער איך האָב איהם, דעם אוריאַדניק אין די אויגען, געבעטען זיך ניט מישען און איך וועל שוין אַליין טאָן וואָס מען דאַרף.

אָבער מורא האָבענדיג, אַז דער פּריסטאַוו זאָל טאַקע ניט פאַרקאָכען קיין קאַשע, האָב איך אַוועקגענומען דעם אוראַדניק אַן אַ זייט און צו איהם געזאָגט: „הער זיך איין, קאַטיק, איך זעה, אַז דער פּריסטאַוו איז אי אַ חזיר, אי אַ שוטה, דו ביסט דאָך אַ קלוגער גוי, געה אַריבער און זאָג איהם, אַז אַ פּריסטאַוו קומט און געהט און אַ בעל הבית בלייבט בעל הבית. און אויב ער איז זיכער, אַז ס'וועט קיינער קיין עדות ניט זאָגען געגען איהם, זאָל ער וויסען, אַז זיין אייגענע האַנד־שריפט דאַרף קיין עדות ניט, און איך האָב אַ בריף פון איהם, וואָס ער האָט געשריבען צו מיין פאָטער, אַז ער וויל כאַבאַר, אַן עקסטראַ זעקעל (200 פונט) דאָס בעסטע מעהל, פאַר ראַזשדעסטוואָ (קריסטמעס) אַחוץ דאָס חודש'ליכע זעקעל מעהל וואָס ער קריגט".

דעם צווייטען טאָג, גאַנץ פריה, איז שוין דער אוראַדניק אַריינגעקומען צו מיר אין חדר מיט מיין פאָטער און אונז ער־קלערט, אַז דער פּריסטאַוו איז דעם טאַטענס בעסטער פריינד, דער־פאַר האָט ער מיך געוואָלט איבערשרעקען איך זאָל זיך ניט באַ־שעפטיגען מיט אַזוינע נאַרישקייטען, ווייל ביי אַן אַנדערן פּריס־טאַוו וואָלט איך געוועזן איינגעשטעלט מיט'ן לעבען. הכלל, דער סוף פון דער פריינדשאַפט איז, איך זאָל איהם געבען דעם פּריסטאַוו'ס בריף, וואָס איך האָב, און אַלעס וועט זיין אגיל ואשמח.

מיין פאָטער האָט מיך געבעטען איך זאָל אָפּגעבען דעם

פריץ דעם בריף און איך האָב, מיין פאָטער אין די אויגען, גע־לייקענט שטיין און ביין, אַז איך האָב גאָרניט אַזאַ בריף, אָבער ווי נאָר מיין פאָטער איז אַוועקגעגאַנגען דאַוונען, האָב איך קאָטיק׳ן פאַרזיכערט, אַז איך האָב איהם יאָ.

דער אוראַדניק, קאָטיק, איז אָפּגעזעסען אויף מיין בעט פון אַכט ביז צוועלף און פרובירט פועל׳ן ביי מיר, איך זאָל איהם צוליב טאָן און איהם געבען דעם בריף, און ער גאַראַנטירט מיר, אַז אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג. „ווייסט דאָך, אַז איך ווייס פון אַלע דיינע טעטיגקייטען, ציוניזם, ביבליאָטעק, שולע, א. ד. ג. און דאָך האָב איך קיינמאָל ניט געשטערט, פאַרלאָז זשע זיך אויף מיר איצט אויך".

„הער זיך איין, קאָטיק, ביזט דאָך אַ קלוגער גוי, דאַרפ־סטו דאָך פאַרשטעהן, אַז קענסט ניט איבערכיטרעווען קיין קלוגען אידען. דער פּריסטאַוו קען זעהן דעם בריף, ווען אויף דער דלאָניע וועט וואַקסען האָר, אָבער געה און זאָג איהם, דעם שוטה, ער זאָל פאַרגעסען דעם גאַנצען ענין, און איך וועל פאַרגעסען אַז איך האָב אַ בריף און דער עסק וועט דערמיט זיין געענדיגט".

דער פּריסטאַוו פלעגט נאָכהער געהן אין וואָלאָסט אַריין דורך דער הינטער־גאַס ניט וועלענדיג זיך באַגעגענען מיט מיר אין פאָרענט פון אונזער הויז.

## 6.

# איך ראַטעווע אידען און האָב צרות אויפ׳ן פּוד

אַז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, האָט געליטען מפּלות נאָך מפּלות, איז ווער זשע איז שולדיג אין דעם? זיינע שכור׳ע גענעראַלען? די אומגעלומפּערטע אָרדנונג אויפ׳ן פראָנט און אין הינטערגרונד? ניין! ווער דען? אידען! געוויס אידען. נו, האָט ער אַרויס־געגעבען אַ באַפעהל, מ׳זאָל אַרעסטירען אַלע אידען אויף דער גרענעץ־זאָנע און זיי אַרויסשיקען אין די גובערניעס פון טיף־

רוסלאַנד. מיר האָבען שוין אָפּגענומען גרוסען פון דעם אומגליק אין אַנדערע ערטער, ווי אַזוי מ'האָט געפּיהרט די אידען אין פּראַכט־וואַגאָנען, קאַלטע, אָנגעפּאַקטע, ווי בהמות, זיי גע'ממית'ט, אַלס שפּיאָנען און סודות־ארויסגעבער צום שונא, און זיי ניט גע־געבען קיין עסען און קיין טרינקען. טויזענטער זיינען אויסגע־שטאָרבען איידער זיי האָבען נאָך באַוויזען צו דערגרייכען די פאַרשיקונגס־פּונקטען. אונזער געגענד איז אין דער הינזיכט געווען אַן אויסנאַהם, וואָרים פּאַניע איז דאָך שוין געווען טיף אין גאַליציע, ווייט שוין פון דער גרענעץ זאָנע. אָבער פּאַניעס אומגעלומפּערטקייט האָט זיך אַרויסגעוויזען אויך אין דער הינזיכט און אָרום יולי 1915 האָט דער באַפעהל דערגרייכט אויך אונזער פראָנט.

איינמאָל אַ פרייטאָג־צו־נאַכט איז מען געקומען אין קלויז אַריין מיך רופען צו דער טעלעפאָן־סטאַנציע, וועלכע איז געווען פאַרנומען פון די קאָזאַקען.

מיין פאָטער האָט מורא געהאַט איך זאָל געהן אין סטאַנציע, צווישען די קאָזאַקען רעדען אויפ'ן טעלעפאָן, איז ער געגאַנגען. אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין קיין קידוש ניט געקענט מאַכען. דאָס האָט גערופען מיינער אַ פריינד, בקי דיימאַנד, פון הוסיאַטען, די רוסישע גרענעץ־שטאָדט, אָבער ער אַליין האָט ניט געקענט רעדען, ווייל ער האָט געוויינט, אָבער ער האָט געהייסען מיר איבערגעבען, אַז איך זאָל מאָרגען פריה אַרויסשיקען אַ פוהר אַרויסצונעמען זיין פאַמיליע, ווייל דער פּריסטאַוו דאָרט האָט געזאָגט די אידען וועגען דעם באַפעהל און, אַז זיי וועלען ניט אַרויספאָהרען ביז זונטאָג, וועט ער זיי מוזען אַרעסטירען און אַרויסשיקען אין טיף־רוסלאַנד. מיר האָבען שוין געהאַט אַ פאַרשטערטען פרייטאָג־צו־נאַכט, קיין זמירות שוין ניט געזונגען און געזוכט וואָס שנעלער איבערצוקומען דאָס עסען.

„נו, וואָס וועסטו טהאָן מיט בקי'ן" ? פרעגט מיך מיין פאָטער. „דאָ איז נישט קיין פראַגע פון בקי'ן אַליין. ער איז אין דער צרה האָט ער אין זינען זיך אַליין. וואָס וועט זיין מיט די איבעריגע אידען" ?

„טאַקע, וואָס טהוט מען טאַקע מיט אַלע אידען" ? „מ'דאַרף זיי ראַטעווען". „ווי אַזוי ?" פרעגט מיין פאָטער. „זאָרג דיך

ניט. דו לעג זיך שלאָפֿן, איך וועל שוין אַלעס פֿאַרזאָרגען״. איך האָב גענומען מיין ברודער, קלמן, און אַ פריינד, בעני ציי־טעל׳ס (קראַטשיק), אונז פֿאַרזאָרגט מיט שטעקענס, אַלס שמירה געגען כלבים, און אַוועק אין דאָרף, אויפגעוועקט עטליכע באַקאַנטע און זיי געזאָגט, אַז איך וויל, אַז מאָרגען פריה, זאָלען זיי אַרונטער־קומען אין שטאָדט מיט אַזוי פיל פוהרען, וואָס עס איז נאָר דאָ אין דאָרף און אויב זיי קענען קריגען פוהרען אין די שכנ׳ישע דערפער זאָלען זיי עס טהאָן. די פוהרמאַנעס זיינען שוין געווען געוואוינט, איך זאָל באַשטעלען אַ סך פוהרען, ווען מ׳האָט באַ־דאַרפט אַריבערפיהרען עטליכע וואַגאָן ווייץ, אָבער איצט אין מלחמה־צייט, צו וואָס טויג מיר אַזוי פיל פוהרען? איך האָב זיי דערצעהלט דעם אמת.

הכלל זיי זיינען גרייט צו טהאָן אַלעס פֿאַר מיר, אָבער אַזוי ווי עס איז איצט שניט־צייט, זיינען זיי זיכער, אַז קיינער וועט ניט קענען פֿאָהרען, ווייל מ׳דאַרף זיך צואיילען אַראָפּצונעהמען דאָס ברויט פון פעלד. איך האָב שוין דערקענט אין זייערע רייד, אַז איך וועל מאָרגען קיין פוהרען ניט האָבען, האָב איך זיי אונטער־געלייגט אַ לקח׳ל. חוץ די פוהרמאַנקע (געלט פֿאַר׳ן פֿאָהרען), וועט יעדער פוהרמאַן קריגען, אַלס מתנה, צוויי פוד (80 פונט) קלייען. זומער צייט איז קלייען געווען ביליג, פלעגען מיר אָנ־זאַמלען אין מיהל עטליכע טויזענד פוד קלייען פֿאַר הערבסט און דעמאָלט פֿאַרקויפֿען צו בעסערע פרייזען, אָבער די בעסערע בעלי־בתים, וואָס האָבען געוואָלט האָדעווען זייערע בהמות חוץ מיט גראָז, אויך מיט קלייען, וואָס מאַכט זיי פעט און די מילך בעסער, האָבען גערעכענט קלייען פֿאַר אַ וויכטיגע מתנה און דאָס האָט גע־ווירקט.

גאַנץ פריה זיינען שוין געשטאַנען אויפ׳ן מאַרק אַ זיבעציג פוהרען. איך האָב זיי ערקלעהרט, אַז זיי זאָלען אויפנעהמען בלויז אָרימע פֿאַמיליעס, אָהן געלט, און סיידען, אַז ס׳וועלען שוין ניט זיין קיין אָרימע, אָהן געלט, מעגען זיי נעהמען אויך רייכע פֿאַר געלט.

אַ פֿאַר חשוב׳ע בעלי־בתים האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי אויפגעהויבען אַ ויצעקו, אַז איך געה אומגליקליך מאַכען די

שטאָדט: אָנבּרענגען אַזוי פיעל קבצנים. און באַלד זיינען זיי צוגעקומען צו מיר מיט טענות. צווישען די שרייער זיינען געווען שאַיע קאַטשאַי (וויינשטיין) אַ שטענדיגער שרייער, אהרן מיכל'ס, דער זקן־העיר, און זיין איידעם ישראל, דער זינקיווער רב האָט איהם מיטגעהאָלפען. צי עס האָט אימיצער פון זיי אויפגעקלעהרט די גויים, צי זיי האָבען זיך אַליין גע־כאַפּט, אָבער באַלד זיינען צוגעקומען מיינע געשוואוירענע גויים און מיר ערקלעהרט, אַז זיי האָבען מורא צו פאָהרען, ווייל זיי דאַרפען דאָך פאָהרען נעהענטער צום פראָנט, קען מען זיי נאָך דאָרט כאַפּען און שלעפּען צום פראָנט.

איך האָב זיי געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דער פראָנט איז שוין צו טיף אין גאַליציע, ביי די קאַרפּאַטען, און ס'איז קיין גע־פאַהר ניטאָ, אָבער זיי האַלטען זיך ביי זייערען, אַז זיי וועלען ניט פאָהרען, סיידען אויך די אידישע בעלי־עגלות וועלען מיט־פאָהרען מיט זיי.

כ'בין צוגעגאַנגען צו די בעלי־עגלות און גע'פועלט ביי זיי זיי זאָלען אויך פאָרען. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען אַלע פרומע אידען, זיינען זיי געגאַנגען צום רב און דוקא צום רב פון מיין קלויז, וועלכער איז אַ גרויסער פרומאַק.

דער רב האָט זיי ניט געהייסען פאָהרען.

איך בין אַוועק צום רב, איהם גוט מכבד געווען, אָבער ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינעם, אַז ער זעהט דאָ ניט קיין פאַל פון פקוח־נפשות מ'זאָל מעגען מחלל שבת זיין, אָבער נאָך אַ שטאַרקער קריגעריי, האָט ער בלויז נאָכגעגעבען אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָגט ניט יאָ און ניט ניין. זאָלען זיי טהאָן ווי זיי ווילען.

איצט האָב איך ערשט באַדאַרפט אָנהויבען קנעלען מיט די בעלי־עגלות, אַז מיר האָבען דאָך צו טהאָן מיט אַ שוטה און מ'קען זיך ניט רעכענען מיט זיין מיינונג, כאָטש ער איז אַ רב. הכלל, ס'איז געבליבען, אַז אויב מיר וועלען זיך אויפזעצען אויף יעדער בעל־עגלה'ס פוהר צו איין יונגערמאַן אויף יעדער פוהר, ס'זאָל ניט הייסען, אַז בלויז זיי זיינען מחלל שבת, וועלען זיי פאָהרען.

יונגעלייט צו פאָהרען איז מיר ניט שווער געווען צו קריגען און איך האָב אַרויסגעפּראָוועט אַרום אַכציג פוהרען מיט דעם אָנזאָג, אַז פריהער זאָלען זיי אויפנעהמען אַרימע פאַמיליעס, ווייל די רייכע וועלען פאַר אַ סך געלט אויך דאָרט קריגען פוהרען. און איצט האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען מיינע צרות, פון איין זייט האָב איך זיך באַדאַרפט אָבאָראַנייען (פאַרטיידיגען) קעגען די בעלי בתים, וואָס זיינען געווען קעגען דעם, ווייל די שטאָדט איז ניט בכח אויפצונעהמען אַכציג פאַמיליעס, ספּעציעל אָרימע, פון דער צווייטער זייט האָב איך באַדאַרפט באַזאָרגען וואוינונגען פאַר די אָנגעקומענע.

געוועהנליך, אויף די, וואָס איך האָב געהאַט אַ השפּעה, האָב איך באַשטעלט ביי זיי איין צימער צי צוויי, און די גרויסע בעלי בתים האָב איך געמוזט סטראַשען, אַז אויב זיי וועלען ניט איינשטימען ברצון הטוב, וועל איך ביי זיי רעקוויזירען אַ צימער, צי צוויי, ד. ה., איך וועל צו זיי אַריינוואַרפען אַ פאַמיליע און זאָלען זיי זי אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס.

פאַרנאַכט זיינען די פוהרען אָנגעקומען מיט צושראָקענע, הוילע און בלויזע פאַמיליעס, ווייל זיי האָבען געמיינט, אַז ס'איז אַ פראַגע בלויז פון עטליכע טעג און נאָכהער וועלען זיי זיך אומקעהערען צוריק.

איך האָב גע'פּועלט מיט גוטען און מיט בייזען און צושטעלט די פאַמיליעס און דאָך זיינען נאָך געבליבען פילע, וואָס האָבען ניט געהאַט, וואו אַהין צו טאָן זיך און איך האָב געמוזט דינגען ביי די גויים וואוינונגען און זיי צוזאָגען, אַז איך וועל צאָהלען חודש־געלט.

פטור געוואָרען מיט דער וואוינונג־פראַגע איז ערשט אָנט־שטאַנען פאַר מיר נאָך אַ ברענענדיגע פראַגע: ברויט! ניט נאָר האָבען זיי ניט געהאַט קיין געלט צו קויפען ברויט, נאָר אפילו פאַר קיין געלט איז ניט געווען וואו צו קריגען קיין ברויט.

און דאָ האָבען די „קלוגע" בעלי בתים זיך אָנגעהויבען צו רייצען מיט מיר. „נו, וואָס וועסטו איצט טהאָן? ווערען אַ בעקער"? „פאַר וואָס ניט"? — האָב איך זיי שאַרף אָפּגע־ענטפערט. „אָט וועט איהר באַלד זעהן, ווי איך ווער אַ בעקער".

איך האָב געהייסען ברייגגען פון דער מיהל עטליכע זעקלאַך מעהל צו ישראל דער מאַשטשיכעס (סודמאַן), וואו עס איז געווען אַ גרויסער אויוּוען צו באַקען מצות, באַשטימט זיינס אַ מיידעל, ברייגע, אַלס אויפזעהערין און צוגעשטעלט צו איהר נאָך עטליכע מיידלאַך און מ'האָט זיך גענומען באַקען ברויט.

באַמערקונג:

אין אַ בריעף פון אונזער שטאָדט, געדרוקט אין דער ניו יאָרקער צייטונג „דער פיהרער", זונטאָג, דעם 15טען אוי־גוסט 1915, שרייבט ראַצע לערנער וועגען דעם גירוש פון הוסיאַטין: „איז מען אַרויס פון אַלע בתי-מדרשים און געשיקט עגלות פון אַלע שטעדטלעך פאָהרט מען אָפּ קיין סמאָטריטש". די שרייבערין פון בריעף איז געווען אַן אַלטע פרומע פרוי און האָט חלילה ניט געמיינט צו שרייבען עפּעס, וואָס ס'איז ניט פּינקטלאַך, אָבער זי האָט געהערט ווי מ'ראַשט זיך מיט פוהרען האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַוודאי געשהאָן געוואָרען דורך די בתי-מדרשים און אַז מ'ראַטעוועט אידען, איז מסתמא פון אַלע שטעדט. איך האָב געשיקט פוהרען בלויז קיין הוסיאַטין, ווייל קיין אַנדערע גרעניץ-שטעדט זיינען ניט געווען נאָהענט צו אונז.

.7

## ווי אַזוי שפּייזט מען אַזוי פיל פאַמיליעס?

די עטליכע זעקלאַך מעהל, וואָס איך האָב געהייסען נעהמען פון מיין פאָטער'ס מיהל, און די עטליכע וואָלונטיר־מיידלאַך צו באַקען דאָס מעהל, האָבען געקענט לינדערען די באַלדיגע נויט. אָבער וואָס טהוט מען ווייטער? איך האָב דאָך ניט געקענט ערוואַרטען, אַז מיין פאָטער זאָל זיין אַ נדבן פאַר אַזוי פיל פאַ־מיליעס. ניט ער איז געווען בכח און ניט ער וואָלט געוואָלט, ווען אַפילו בכח. און אויך די וואָלונטיר־בעקער'נס זיינען דאָך ניט געווען קיין תכלית.

וואָס זשע טהוט מען פאַרט?

האָב איך גלייך אָרגאַניזירט אַ הילף־קאָמיטעט, סיי פאַר און־

זער שטאָדט אַליין, סיי פאַר די ארומיגע שטעדט, און יעדען פרייטאָג האָבען מיר געזאַמעלט חלה און יעדען מאָנטאג ברויט און אויך מזומן געלט אויף וויפיעל ס'האָט זיך געלאָזט, און אזוי ארום האָבען מיר יעדע פאַמיליע פאַרזאָרגט מיט ברויט, חלה און אַ פאָר רובעל מזומנים אויף שבת. איך האָב גערופען אַ זיצונג פון קאָמיטעט, איינגעלאַדען עטליכע פון די אַנטלאָפענע (בעזשענצעס) און אויסגעמאַכט אַ צעטעל פון אַלע פאַמיליעס און די פראָפאָרציאָנעלע הילף, וואָס יעדע דאַרף קריגען, און לויט דעם צעטעל האָט זיך אונזער קאָמיטעט אָריענטירט, ווייל מיר זיינען דאָך ניט געווען באַקאַנט מיט דער לאַגע פון יעדען באַזונדער.

כדי צו אָרגאַניזירען די הילף פון די ארומיגע שטעדט, האָבען מיר געמוזט, ראשית, פאָהרען אַהין אָרגאַניזירען דאָרט קאָמיטעטען, צונויפצונעהמען יעדען מאָנטאג און פרייטאָג ברויט און חלה, און אויך מזומנים אויף וויפיעל ס'לאָזט זיך, און שנית, געפינען בעלנים זיך איבערצונעהמען אלס יונים צו פאָהרען ברענגען דאָס ברויט.

אין יענע צייטען זיינען ארומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אידען שיקען אַריבער צו „קירה'ן" ברויט און גאָלד אונטער די פליגעל פון געגנז און קאַטשקעס. איז שוין זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז סתם שיקען אַ פוהר נאָך ברויט איז געווען אַ סכנה גדולה: מ'האָט געמוזט האָבען אַ יון — אַ סאָלדאַט — דערצו, אַז ס'זאָל גאָר קיין פראַגעס ניט זיין. אַזאַ בחור־סאָלדאַט האָבען מיר גע־קראָגען, אַ בלעכער'ס אַ בחור.

איך האָב זיך געמוזט ארויסלאָזען אין די ארומיגע שטעדט צו אָרגאַניזירען קאָמיטעטען, אַ זאַך, וואָס האָט געשמעקט ממש מיט סכנת־נפשות. פאַר אַ שמירה האָב איך באַדאַרפט אַ אידען מיט אַ שעהנער באָרד, וואָס קען רעדען פאָניע'ס לשון אויך, טאָמער דאַרף מען, און איך האָב געמוזט אָנקומען צו נחמן דער זנביל־יכעס (גאָלדשטיין), וועמען איך האָב אָנגעוואָרפען אַ פאַ־מיליע, על אפו ועל חמתו. אָבער ער איז געפאָהרען מיט מיר אין זיין געבורטס־שטאָדט, ליאַנצקאָרון, אַלס ערשטער פונקט. מ'האָט באַלד באַמערקט, אַז עפּעס צוויי נייע מענשען דרעהען

זיך ארום אין שטאָדט און דער פּריסטאַוו האָט שוין געפרעגט ווער ס'איז עפּעס דער ציצעליסט (איך) און דער פּאות'עוואַטער איד, וואָס דרעהען זיך אַרום איבער דער שטאָדט. ווען ער, נחמן, האָט דאָס דערהערט, האָט ער שוין מורא געהאַט עפּעס צו טהאָן און מיר האָבען איבערגעגעבען דער רבנים־פאַמיליע זיי זאָלען שוין אָרגאַניזירען דעם קאָמיטעט און פאַרזאָרגען, אַז אַלעס זאָל זיין גרייט ווען מיר וועלען אריינשיקען אַ פוהר.

וויטער האָט ער שוין ניט געוואָלט פאָהרען און זיך אומ־געקעהרט און איך בין אַליין אַריינגעפאָהרען קיין האָריניען. דאָרט האָב איך שוין מיט דער הילף פון מיינעם אַ באַקאַנטען, אַ פּועלי־ציוניסטישער טהוער און לעהרער, חבר דראַכלער, און מיט זיינע חברים שמוקלער און וואַקסמאַן אָרגאַניזירט די ערשטע הילף.

אָט אַזוי האָט זיך מיר איינגעגעבען צו אָרגאַניזירען הילף פון די ארומיגע שטעדטלאַך און מיר האָבען אויסגעהאַלטען די פאַמיליעס אין אַ משך פון אַ דריי חדשים, ביז ס'איז געקומען אַ שליח פון „יעקאָפּאַ", ה. גומענער, און מ'האָט אָרגאַניזירט אַ געגענד־קאָמיטעט, וועלכער האָט שוין אַראָפּגענומען די זאָרג פון די איצטיגע קאָמיטעטען.

ס'איז אויפגעקומען אַ פראַגע אויך פון גייסטיגע שפייז: וואָס טהוט מען מיט די קינדער?

מיר האָבען געוועהנליך אָרגאַניזירט אַ שולע, צוליב וועל־כען צוועק איך האָב רעקוויזירט די ווייבערשע שוהל פון דער זינקיוווער קלויז, אַלס דאָס גרעסטע פּלאַץ און צוליעב נאָך טעמים.

איציק דינציק, דער גבאי פון דער קלויז, האָט זיך שטאַרק געקאָכט. סטייטש? ווי קום איך, אַ טשאַרטקאָווער חסיד, צו ווערען בעל־הבית איבער זיין זינקאָווער קלויז?

אין אַ שעהנעם אָוועגט קומט מען צוגעהן און מען דער־צעהלט מיר אַז מ'האָט אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער ווייבע־רישער שוהל פון דער זינקאָווער קלויז. און אויף צומאָרגענס דאַרפען מיר שוין אריינגעהן מיט די קינדער אַהין לערנען.

איך האָב זיך גלייך אויפגעהויבען פון קאָמיטעט־זיצונג,

גענומען מיינעם אַ גרויסען שלאָס און אַ צוואַנג, אַוועק צו דער קלויז, אָפּגעריסען זייער שלאָס און אויפגעהאַנגען מיין שלאָס.

איך האָב זיך געריכט אויף צרות, ווייל דער גבאי, איציק דינצין, איז געווען אַ גרויסער שטאָדט בעל־הבית, אַ רייכער, אַ הייסער חסיד, און דער זינקאָווער רבי איז איינגעשטאַנען ביי איהם און ער איז נאָך געווען אַ גדלות'ניק און עקשן דערצו. גאַנץ פריה בין איך אַוועק, געעפענט די שוהל און געוואַרט מ'זאָל זי ניט צוריק פאַרשליסען ביז די קינדער וועלען זיך צונויפקומען.

ספעציעלע צרות האָב איך ערוואַרטעט, וואָס איך האָב זיך ערלויבט אַוועקצושטעלען דאָרט אַ פּליטע, צו קענען אָנוואַרעמען קאַווע פאַר די קינדער, ווייל מיר האָבען דאָך די קינדער אויך געמוזט שפּייזען.

אין יענער זייט האָט מען געדאַווענט און ניט געוואוסט וואָס דאָ טהוט זיך, ווייל זיי זיינען געווען זיכער אַז די ווייבער־רישע שוהל איז פאַרשלאָסען. אָבער, אַז די קינדער זיינען זיך צונויפגעקומען און ס'איז געוואָרען אַ שטיקעל טומעל, האָב איך געהערט, ווי דער גבאי האָט אַ געשריי געטאָן: „ווער איז עס דאָרט ?"

אימיצער האָט ארויפגעקלעטערט און אריינגעקוקט דורך די פענסטער, וואָס האָבען זיך געפונען הויך פון דעם דיל, נאָהענט צו דער סטעליע (סילינג) און אַ זאָג געטאָן: „ס'איז משה חכם".

איך האָב ערוואַרטעט געוואַלדעס און, פיללייכט, פּעטש, ווייל די זינקאָווער חסידים זיינען ברענענדיגע חסידים און שלעגער, אָבער דער נצחנ'דיגער גבאי האָט אָפּגעווישט די ליפּען און גע־מאַכט אַ שווייג. ער האָט געזעהן, אַז איך האָב איהם איבער־געכיטרעוועט און אָפּגעריסען דעם שלאָס, און אַז די קינדער זיינען שוין דאָ, איז שוין אַ חזקה און פאַרפאַלען. זיי וועלען דאָך ניט געהן ארויסטרייבען די קינדער, ווי ניקאָלאַי, ימח שמו, טרייבט אידען.

נאָכ'ן דאַווענען איז ער אריינגעקומען צו מיר מיט אַ טענה פאַר וואָס איך האָב ניט אָפּגענומען די טשאַרטקאָווער קלויז.

איך האָב איהם אָנגעגעבען לאָגישע סיבות, מיט וועלכע ער האָט געמוזט איינשטימען.

„אָבער וואָס הייסט עפּעס מאַכען אַ קיך פון אַ שוהל? מ'קען דאָך געבען דאָס געלט די עלטערען און די קינדער זאָלען עסען אין דער היים?"

איך האָב איהם איבערצייגט, אַז מיר מוזען דאָס טהאָן לטובת די קינדער און פאַרזאָרגענדיג אַלע קינדער מיט מילך און ברויט מיט פּוטער מיט אַמאָל קאָסט אונז פיעל ביליגער. און דערצו קענען מיר זיי געבען מעהר עסען, ווי ווען מיר זאָלען צעטיילען דאָס געלט צו ביסלאַך צווישען זייערע עלטערען, און מיר מיידען דערביי אויך אויס די שוועריגקייטען פון אַזאַ חלוקה.

מיט דעם בין איך אַריבער בשלום. איצט איז נאָך געווען די פראַגע פון שטערען דאָס דאַוונען.

איך האָב איהם פאַרזיכערט, אַז מיר וועלען האַלטען די קינדער אין אָרדענונג די גאַנצע צייט פונ'ם דאַוונען און דאָס דאַוונען וועט ניט געשטערט ווערען. און אַזוי איז געשליכטעט געוואָרען די פראַגע פון שפּייזען סיי די עלטערע, סיי די קינדער.

און אויב איך האָב געהאַט צרות צרורות, איז עס געווען פון שנאה און קנאה צווישען די פאַמיליעס, פאַר וואָס מ'גיט דעם מעהר און דעם ווענינער, דעם מיט מעהר כבוד און יענעם מיט ווענינער און סתם אַנדערע נאַרישקייטען, וואָס האָבען זיך אָבער איינגעגעסען אין די ביינער און געקענט פאַרוואַנדלען אַ מלאך אין אַ רשע־מרושע.

## 8.

# פּרינץ אָלדענבורגסקי שטערט אונזער פּלאַן, אָבער . . .

אין פריהערדיגען עפּיזאָד האָב איך דערמאָהנט, אַז מיר האָבען אָרגאַניזירט אַ געגענד־קאָמיטעט און אָראָפּגענומען די זאָרג פון די שטאָדט־קאָמיטעטען. שרייבען און ריידען איז אַ ביסעל גרינגער ווי טאָן, דעריבער וועל איך, אין דעם עפּיזאָד,

איבערגעבען, וואָס ס'איז אונז אויסגעקומען דורכצומאַכן איידער מיר האָבען זיך גענומען אָרגאַניזירען דעם געגענד־קאָמיטעט און ווי אַזוי מיר האָבען איהם אָרגאַניזירט.

ס'רעדט זיך אַזוי אָרגאַניזירען. צו רופען אַ פאַרזאַמלונג פון פאַרשידענע שטעדט, ווען קיין דריי מענשען האָבען ניט געטאָרט שטעהן אויף דער גאַס צוזאַמען, ווייל ס'איז געווען קריגס־צושטאַנד און אונזער געגענד האָט זיך גערעכענט ווי אַ קריגס־זאָנע, — איז ניט געווען קיין גרינגע זאַך.

ח' דראַכלער און איך האָבען באַשלאָסען אריינצופאָהרען קיין קאַמענעץ פאָדאָלסק און בעטען דר. אָקסמאַן, וועלכער האָט גע־שפּילט אין קאָרטען מיט'ן איספּראַווניק (דער שעף איבער אַלע פּריסטאַוועס), ער זאָל קריגען פאַר אונז אַן ערלויבעניש צו אָרגאַ־ניזירען הילף פאַר מלחמה־געליטענע.

אויף דער מכה איז דאָך נאָך געווען אַ פרישטש. מיר האָבען דאָך ניט געטאָרט אויסזאָגען, אַז מיר באַהאַלטען אויס און העלפען אַזעלכע, וואָס האָבען, לויט'ן מיליטערישען באַ־פעהל, געדאַרפט ארויסגעשיקט ווערען.

דר. אָקסמאַן האָט אונז פאַרזיכערט, אַז ער וועט גרינג פועל'ן אַזאַ ערלויבעניש, און ער האָט אונז געהייסען קומען דעם צווייטען טאָג נאָך אַן ענטפער. ווען מיר זיינען אריינגעקומען צו איהם אויף מאָרגען, האָבען מיר איהם געפונען ווייס ווי די וואַנט. פון קיין ערלויבעניש האָט ער שוין מיט'ן איספּראַווניק ניט גערעדט, ווייל יענער האָט איהם דערצעהלט, אַז ס'איז אָנ־געקומען אַ באַפעהל פון פּרינץ אלדענבורגסקי, וועלכער איז געווען דער שעף איבער דער סאַניטאַציע פון דער גאַנצער רוסי־שער אַרמיי, וואָס האָט געלויטעט אַזוי: „אַזוי ווי די אידישע דאָקטוירים האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו רואינירען די רוסישע אַרמיי דורך אָנגעשטעקטע מיט סיפיליס באַרימהערציגע שוועסטער, בכן זאָלען אָנגענומען ווערען די שטרענגסטע פּאָליציי־אישע מיטלען אַכטונג צו געבען אויף די אידישע דאָקטוירים און זייערע באַנעהמונגען און האַנדלונגען". נאָך אַזאַ ברוך־הבאָ האָט שוין דער אידישער דאָקטאָר, כאָטש אַ פּאַני־בראַט מיט'ן

איספראַווניק, ניט געקענט רעדען וועגען עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע פון קהל.

איך האָב באַלד אויסגעדריקט מיין מיינונג, אַז פּרינץ אָלדענבורגסקי איז אַ דייטשער שפּיאָן, און כדי צו פאַרדעקען זיין שפּיאָנסקע אַרבעט, דאַרף ער זיך צודעקען מיט אַ מאַנטעל פון פּאַטריאָטיזם אויפ'ן חשבון פון אידען. נאָך דער רעוואָלוציע האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען, אַז ניט נאָר ער אַליין איז געווען אַ שפּיאָן, נאָר די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אונטער דער קייסערין איז געווען אַ שפּיאָנסקע.

איז קיין ערלויבעניש האָבען מיר שוין ניט געקענט האָפען צו קריגען, אָבער אָרגאַניזירען אַ געגענד־קאָמיטעט האָבען מיר געמוזט. וואו זשע, מיינט איהר, רופען מיר דעם צוזאַמענפאָהר? דוקא נעבען גענעראַל־שטאַב פון ברוסילאָוו'ן, ביי דר. שילקרויט אין וואוינונג, איבער זיין אַפּטייק, וואו פאַרשידענע מענשען פלעגען אריינגעהן און ארויסגעהן נאָך מעדיצינען.

אָט אין אַזאַ געפעהרליכער צייט און אין אַזאַ געפעהרליכען פונקט האָבען מיר זיך באַדאַרפט צונויפקומען עטליכע צעהנדליג מענשען מיט אַ פאָרשטעהער פון דער „יעקאָפּאָ", פון פעטערבורג, אַ מיליטער־דאָקטאָר, פ. לאַנדער.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלען אָפּצוגעבען אַ באַריכט וועגען דער לאַגע און וועגען דער אַרבייט פון אָנפאַנג ביז איצטער, ווייל איך בין געווען דער ערשטער צו אָרגאַניזירען די הילף.

ווען איך האָב געזעהן, אַז ס'קומט שוין באַלד מיין רייהע אָפּצוגעבען דעם באריכט, האָב איך געגעבען אַ לאָז דורך אין מוח די אַלע געשעהענישען פונ'ם ערשטען טאָג אָן, כדי צו שילדערען אַ ריכטיג, בולט און קלאָהר בילד, און איך האָב דערפיהלט, אַז עפּעס אַ ריזיגע שווערינקייט רוקט זיך פון אַלע זייטען פון קערפּער צום האַלז און שטיקט מיך אויף צו דערוואַרגען. און ווען מען האָט געגעבען אַ רוף־אויס מיין נאָמען, האָב איך דערפיהלט, אַז ווי נאָר איך וועל עפענען דאָס מויל צו רעדען וועל איך אויספּלאַצען אין אַ געוויין.

איך בין ניט פון די וויינענדיגע נאַטורען. איך האָב אויף מיין לעבען קיינמאָל ניט געוויינט, חוץ איינמאָל, ווען אידען

האָבען אָנגעהויבען צו לויפען פון דער גרעניץ בשעת דעם אויס־ברוך פון מלחמה און גויים האָבען געלאַכט, שחקו על משבתנו, דעמאָלט האָב איך געוויינט פאַר פאַרדרוס פון די גויים׳ס גע־לעכטער איבער אונז.

איך האָלט בכלל וויינען פאַר אַ שוואַכקייט און דעריבער פאַר אַ בזיון פאַר אַ מענשען, וועלכער דאַרף זיין מוטיג אין אַלע אומשטענדען, און דאָ גאָר וויינען פאַר עטליכע צעהנדליג אידען! האָב איך זיך ניט אויפגעהויבען פון אָרט און ניט גע־עפענט דאָס מויל.

דר. לאַנדער, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פון פאַרזאַמ־לונג און געזעסען פונקט געגענאיבער מיר, האָט אַפּנים, אַלס דאָקטאָר, באמערקט מיין שווערע לאַגע, און ער האָט מיך גע־ראַטעוועט פון אַ צוזאַמענבּרוך. ער האָט גלייך ערקלעהרט, אַז ער דענקט, אַז ס׳איז מיר שווער צו שילדערען די לאַגע, דערי־בער וועט ער מיר בלויז שטעלען פראַגען. צוערשט האָט ער מיר געשטעלט אַזוינע פראַגען, וואָס איך האָב געקענט ענט־פערען בלויז מיט אַ שאָקעל פון קאָפּ אויף יאָ צי אויף ניין, און נאָכהער איז ער שוין אַריבער צו וויכטיגערע און מעהר דעטאַ־ליזירטע פראַגען, אויף וועלכע איך האָב שוין געמוזט ענטפערען מעהר־ווענ׳גער, און אָט אַזוי אַרום איז מיין באריכט פאַרוואַנ־דעלט געוואָרען אין אַ שאלות ותשובות־באריכט.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דאָס האָט גאָרנישט געשטערט צום עצם־הענין, וואָרים יעדער האָט געוואוסט די לאַגע און אויך די נויטווענדיגקייט פון אַ געגענד־קאָמיטעט און ס׳איז נאָר געווען אַ פראַגע ווי אַזוי אַזעלכען צו אָרגאַניזירען און איהם מאַכען צום פונקציאָנירען.

נאָכדעם, ווי מיר האָבען זיך אָפּגעפּאַרטיגט מיט די איבע־ריגע באריכטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן סדר־היום, האָבען מיר אויסגעאַרבייט אַ בודזשעט, אויסגעקליבען אַ קאָמיטעט און די אַרבייט איז געווען פאַרזאָרגט. איצט האָט מען שוין ניט באַדאַרפט די אַלע איינשטעלענישען צו שיקען פוהרען זאַמלען ברויט א. ד. גל.

די געלט־פראַגע איז געווען פאַרזיכערט פון דער „יעקאָפּאַ“,

און פון איצט אָן און ווייטער איז שוין בלויז געווען אַ פראַגע פון באוואָרעניש מיט דער אָרטיגער פּאָליציי און אויסהיטען זיך פון אַ מיליטערישׁ „גוט־אויג".

ס'איז דאָך גרינג צו פאַרשטעהן, אַז נאָך ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש'ס באַפעהלען, ארויסצושיקען אידען, ווייל זיי זיינען ניט געטרויבאַר, און נאָך פּרינץ אָלדענבורגסקי'ס באַפעהלען, אַז אידישע דאָקטוירים רואינירען כלומרשט די רוסישע אַרמיי, אַנ־שטעקענדיג זי מיט סיפיליס דורך קראַנקע בארעמהערציגע שוועסטער, איז שוין ניט געווען אַזוי אנגענעם און אַזוי גרינג אַנצופיהרען מיט אַזאַ הילף, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר איר ציל אויסצובאַהאַלטען און העלפען ארויסגעשיקטע, אַ הילף וואָס איז געווען אי געהיים און אי געגען די מיליטערישע פאַראָרד־נונגען.

נאָר אַזוי איז דאָך אונזער גאנצע לאַגע מדור דורות: דער רשע איז גוזר גזרות, און מיר, אידען עקשנים, שטרענגען אָן אַלע כחות און נעהמען אָן אַלע מיטלען זיי מבטל צו מאַכען.

דער אַסימילירטער דאָקטאָר אָקסמאַן, אַז ער האָט זיך אָנ־געשלאָגען אָן די ערשטע שוועריגקייטען, האָט ער זיך צוריק־געצויגען. אָבער מיר, נאַציאָנאַל־געשטימטע אידען, מיט דער ירושה פון עם־קשה־עורף'דיגקייט, האָבען זיך ניט דערשראָקען ניט פאַר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש'ן און ניט פאַר פּרינץ אָלדענ־בורגסקי. זיי האָבען זיך געטאָן זייערס, און מיר האָבען געטאָן אונזערס. איז אויב מיר האָבען ניט געקענט קריגען קיין ער־לויבעניש, האָבען מיר גערופען דעם צוזאַמענפאָר אָהן אַ דער־לויבעניש, און דוקא אין שכנות מיט'ן גענעראַל־שטאַב.

9.

## גענעראַל איוואַנאָוו שיקט אַ שטרענגען באַפעהל און איך מאַך אַ פירוש אויף איהם

ערב סוכות קום איך אריין אין הויז און טרעף ביי אונז אין זאַל אַ דעלעגאַציע פון עטליכע פון די אַנטלאָפענע און נאָך איידער איך קען עפּעס כאַפּען וועגען דעם, צוליב וואָס זיי זיינען

געקומען צו מיר, פּלאַצען אַ פּאָר פון זיי אויס אין געוויין און איך פאַרליר זיך, ווייל איך קען בכלל קיין געוויין ניט ליידען, בפרט געוויין פון מענער מיט ווייסע בערד. איך האָב אָבער תופס געווען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אַ מורא פאַר דער שטאָדטישער פּאָליציי, וואָס וויל זיי ארויסשיקען. איך האָב זיי קוים בארוהיגט, אַז זיי האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען, און אַז זיי זאָלען מיר דערצעהלען פּינקטלאך אין וואָס עס האַנדעלט זיך.

זיי האָבען זיך אַ ביסעל בארוהיגט און דערצעהלט, אַז דער אוריאַדניק האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט אַ שטרענגען באַפעהל פון פּריסטאַוו, אַז ער זאָל אַרויסשיקען אַלע אַנטלאָפענע, אָהן קיין שום תירוץ.

אַגב אורחא, איז כדאַי צו באמערקען, אַז חוץ די צרות, וואָס איך האָב געהאַט מיט פאַרזאָרגען לערך אַכציג פאַמיליעס מיט אַלעם נויטיגען, האָב איך נאָך געהאַט נאָך אַ צרה: די „האָזען". ד. ה. די בחורים, וואָס האָבען באַדאַרפט גהען אין מיליטער און האָבען זיך אויסבאַהאַלטען. געוועהנליך פלעגען פאַרקומען אַפטע אָבלאַוועס, זוכענישען אויף די „האָזען", און די פּאָליציי האָט שוין אַלע מאָל געלאָזט וויסען אין די הייזער, וואו עס זיינען געווען אַזוינע „האָזען". איצט זיינען צו די שטאָדטישע „האָזען" צוגעקומען אויך די „האָזען" פון די אַנטלאָפענע, וועגען וועלכע איך האָב געמוזט דערצעהלען דעם אוריאַדניק, כדי ער זאָל זיי אויך לאָזען וויסען, אין פאַל פון אַן אָבלאַווע. אַזוי ווי דער אוריאַדניק איז שוין געווען גוט באַקאַנט מיט די עלטערען פון די „האָזען", האָט ער זיי דערצעהלט וועגען דער נייער צרה.

איך האָב דער דעלעגאַציע געהייסען וואַרטען און איך בין אַוועק צום אוריאַדניק און זיך איבערצייגט, אַז נישט ער און נישט דער פּריסטאַוו וועט איצט ניט קענען מיר העלפען מיט עפּעס, ווייל עס איז דאָ אַ שטרענגער באַפעהל פון קאָמאַנדיר פון דרום־מערב'דיגען פראָנט, גענעראַל איוואַנאָוו, בזה הלשון:

„אַזוי ווי עס האָבען זיך דערטראָגען קלאַנגען צום הויפּט־שטאַב פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אַז פיעלע אידען זיינען אַנט־לאָפען פון די גרעניץ־שטעדט און באַהאַלטען זיך אויס אין די אַרו־

מיגע שטעדט, בכן זאָל די פּאָליציי אָננעהמען די שטרענגסטע מיטלען, אַז אַלע ניט־תושבים (ניע אָסיעדליע אַביוואַטעלי) זאָלען אַרעסטירט און ארויסגעשיקט ווערען״.

דער פּריסטאַוו האָט געזאָגט, אַז ער קען מעהר גאָר ניט טהאָן, — ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין אייגען פּעלכעל, — סיידען דער איספּראַווניק זאָל איהם ערלויבען. איך בין צוריק־געקומען און געהייסען דער דעלעגאַציע אַהיימגעהן און זיך ניט זאָרגען, ווייל עס איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז אַלעס וועט זיך אויס־לאָזען בכי טוב. איך האָב זיי געהייסען דערווייל וואַרטען אַ פּאָר טעג, ביז איך וועל זיך זעהן מיט׳ן איספּראַווניק.

איך האָב באַפוילען אין אַלע ארומיגע שטעדט, אַז מ׳זאָל מאָרגען, בשעת דאַוונען, צונויפזאַמלען וויפיל עס איז נאָר מעגליך, כדי צו האָבען כאָטש גענוג געלט זיי מיטצוגעבען, אויב מיר וועט זיך נישט איינגעבען בטל צו מאַכען די נייע, שטרענגע גזרה. און אין דער זעלבער צייט האָב איך אַוועקגעשיקט אַ פּאַטשט (אַ פוהר פון וואָלאָסט — גמינע) קיין קופּין צו ברענגען מיין פריינט, אַהרון וויינבוים, וועלכער איז געווען אַ גוטער־ברודער מיט׳ן איספּראַווניק.

יום־טוב אין דער פריה איז צוגעפאָהרען צו אונז אַ בריטשקע מיט אהרן וויינבוים (זיינע בריף פון רוסלאַנד זיינען געווען גע־דרוקט אין „הדואר״ אונטער דעם נאָמען: בן עמרם). אין שטאָדט האָט עס געמאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק. אַ איד פאָהרט אריין אין שטאָדט אום יום־טוב! מען האָט אָבער פאַר־שטאַנען, אַז עפּעס וויכטיגעס האָט געמוזט געשעהן. ריידען דער־פון האָט מען אָבער ניט געטאָרט. אַזוי שנעל ווי איך האָב איבערגעגעבען אהרון וויינבוים׳ען וועגען וואָס דאָ געהט, זיינען מיר ביידע תיכף אַוועקגעפאָהרען צום איספּראַווניק קיין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק.

מיט אַ כאַבאַרל פון בלויז ניינציג רובעל, וואָס ער האָט געגעבען דעם סעקרעטאַר (געוועהנליך, חוץ דעם חבר׳שען שמועס וואָס וויינבוים האָט געהאַט מיט דעם איספּראַווניק) האָבען מיר ארויסגעקראָגען אַ פּאַפּירעל „נאָ רוקו״ (אין דער האַנט אריין)

צום פּריסטאַוו, אין וועלכען עס איז דערקלעהרט געוואָרען וואָס אַזוינס ניט־תושבים מיינט. „ניע אָסיעדליע אָביוואַטעליע" (ניט־תושבים), איז דערקלערט געוואָרען אין דעם פּאַפּירעל, זיינען אַזעלכע, וואָס באַזיצען ניט קיין באַוועגליכעס פאַרמעגען".

באוואָפענט מיט אָט דעם פּאַפּירעל, בין איך שוין אַוועק צום פּריסטאַוו, וועלכער האָט געוואוינט אין אַן אַנדער שטאָדט, אין מאַקאָווע, עס איהם דערלאַנגט און איהם איבערצייגט, אַז לויט דעם פּירוש פון דעם איספּראַווניק, פאַלען די אידען ניט אַרונ־טער אונטער דער קאַטעגאָריע פון דעם באפעהל פון גענעראַל־שטאַב, ווייל זיי אַלע האָבען דאָך פאַרמעגען, ווי מעבעל, בעט־געוואַנט א. ד. גל.., און אַלעס איז געבליבען ווי געווען.

עס איז גאָר ניט צו באַשרייבען די שמחה, ווען איך האָב צוריקגעבראַכט די נייע בשורה, אַז זיי בלייבען, ווייל פון די געלט־זאַמלונגען אין די שוהלען בשעת דעם דאַווענען האָבען זיי דאָך פאַרשטאַנען, אַז איך בין ניט געווען אַזוי זיכער, צי איך וועל קענען אָפּשרייען די נייע גזירה, וואָס זיי האָבען פארשטאנען פון די רייד פון דעם אוריאַדניק, אַז זי וועט מוזען דורכגעפיהרט ווערען.

דער יום־טוב סוכות איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּורים. איך ווייס ניט צי די אידען אַמאָל האָבען זיך געקענט מעהר פרעהען, ווען המנ'ס גזירות זיינען צוריסען געוואָרען, ווי דיע האָבען זיך געפרעהט איצט.

די זאַמלונג פון געלט, וואָס איז אָנגעגאַנגען בשעת'ן דאַווענען, סיי ביי אונז אין שטאָדט, סיי אין די ארומיגע שטעדט, האָבען אַזוי צעשרויפט די אידען און ארויסגערופען אַזאַ מיטגעפיהל צו די אַנטלאָפענע, אַז מען האָט גאָר ניט באַדאַרפט שטאַרק ווירקען אויף קיינעם בייצושטייערען. יעדערער האָט געגעבען לויט זיין יכולת.

עס איז כדאַי צו פאַרצייכענען איין קוריאָזען פאַל, וואָס איז פאַרגעקומען אין אַ קליין שטעדטעלע, באַלין (אין גאַנצען ארום 20—30 פאַמיליעס).

געוועהנליך איז מען דאָרט אויך ניט אָפּגעשטאַנען פון דער

מצווה, און איין איד האָט מנדב געווען אַ האַלבען רובעל (פופציג קאָפּיקעס).

אַז עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די ביטערע גזירה איז בטל און די אידען בלייבען אויף די ערטער, איז דער איד, וואָס האָט מנדב געווען דעם האַלבען רובעל, געקומען מוצאי יום־טוב און געבעטען מען זאָל איהם אָפּגעבען דעם האַלבען רובעל צוריק, ווייל דאָס האָט ער געהאָט אָנגעגרייט אויף קויפען מעהל צו באַקען ברויט פאַר דער וואָך. ווען ער האָט דערהערט וועגען דעם אומגליק, האָט ער באשלאָסען אַ ביסעל אונטערצופאַסטען מיט די קינדער אין משך פון דער וואָך, און האָט אָוועקגעגעבען דעם לעצטען האַלבען רובעל. אָבער, אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען און די גזרה איז בטל, איז דאָך שוין בלויז אַ פראַגע צו העלפען אָרימע לייט, דאַן איז ער אליין אַ גרעסערער אָרעמאַן און ער דענקט ניט, אַז עס איז יושר'דיג, אַז זיינע קינדער זאָלען ליידען הונגער.

אָט ביז וואַנען דער אומגליק פון די אידען האָט דערגרייכט, און וויפיעל אָנשטרענגונג ניט נאָר דער דאָזיגער איד, נאָר פילע אַנדערע, האָבען געמאַכט צו לינדערען די נויט און העלפען די אומגליקליכע.

.10

## מיין נבואה ווערט מקוים, אָבער מיין פּלאַן פאַלט דורך

אָנגעזאָרגט זיך געננוג פאַר אַנדערע און געזעהן, אַז זיי זיינען שוין, מעהר־ווייניגער, פאַרזאָרגט, ווייל פון „יעקאָפּאַ" איז שוין אָנגעקומען באשטענדיגע שטיצע, האָב איך שוין אַ טראַכט געטהאָן וועגען זיך אַליין; איך האָב געפיהרט די סטראַטעגיק פון די אַרמייען, און פאַרגעסען אין דער סטראַטעגיק וועגען זיך אַליין.

ווען איך האָב ארויסגעזאָגט דאָס אַפּיקורסות, אַז פאַניע גנב

וועט אין גיכען מוזען רופען די בלויע בילעטען, האָבען מיך די „פּאַניאַקעס" געוואָלט קורע כדג זיין, און אפילו ביי די „קירה־ניקעס" האָט זיך עס אויך ניט פאַטופּעט אין מוח.

פאָניע דאַרף זיך שלאָגען צוואָנציג יאָהר, אַז ער זאָל דאַר־פען אָנקומען צו די בלויע בילעטען. און אַז אָך און אַז וועה וועט שוין זיין צו איהם, אויב ער וועט שוין דאַרפען אָנקומען צו זיי. „אָך און וועה וועט טאַקע זיין צו איהם, ער וועט דאַרפען אָנ־קומען צו זיי ניט אין צוואָנציג יאָהר אַרום און אפילו ניט אין צוויי יאָהר אַרום".

אַזוי ווי איך בין געווען אַ בלויער בילעטניק, האָב איך באַשלאָסען אַריבערכאַפּען זיך קיין רומעניע. די פראַגע איז בלויז געווען, ווי אַזוי טהוט מען עס?

אין דער פראַגע האָט מיין פאָטער גראַדע געהאַלטען מיט די „פּאַניאַקעס", ווייל ער האָט ניט געוואָלט, איך זאָל אַוועק־פאָהרען, חוץ דער געפאַהר פון שמוגלען די גרעניץ. אָבער מיך האָט די פראַגע באַאונרוהיגט און איך האָב געטראַכט וועגען אַ פּלאַן. איך האָב באַשלאָסען, אַז איך פאָהר קיין ברישטאַן און פון דאָרט זיך אַריבערכאַפּען קיין רומעניע. מיינער אַ קאָזין און מיינער אַ שכן זיינען מיט מיר מיטגעפאָהרען און מיין פאָ־טער געוועהנליך אויך, ווייל אַזוינע יונגע חברה ווי מיר, איז גלייכער געווען זיך צו וואַרפען וואָס ווייניגער אין די אויגען און דאָס האָט מיין פאָטער באַדאַרפט טהון די אַרבייט פאַר אונז, אונטערצוזוכען אַריבער־שמוגלער. מיין פאָטער האָט אויסגע־פונען, אַז דעם רב'ס אַ בחור געהט אויך זיך אַריבערשמוגלען, האָט ער שוין גערעדט מיט די זעלבע מאַכערס. און איך האָב שוין דאָ ניט פּרובירט חוקר ודורש זיין, ווייל דער רב קען דאָך זיינע שטאָדט מענשען און געטרויעט זיי זיין בחור, איז וואָס זשע איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבען? ווייל מורא האָבען איז געווען פאַר וואָס. טאָמער זיינען די אַריבערשטעלער שווינד־לער און נעהמען צו דאָס געלד און גיבען אונז איבער אין די הענט. הגם די מאַכערס זיינען געווען צוויי אידען מיט בערד, איינער טאַקע מיט אַ גרויסער, קאַלטענעוואַטער און איינער מיט אַ קליין געלבלאָך, ציגען, צי שדכן־בערדעל, דאָך האָב איך זיך

אויף די בערד ניט געוואָלט פאַרלאָזען און וואָלט נאָך געווען פריהער גוט חוקר ודורש געווען. אָבער דער רב מיט זיין בחור האָט מיך באַרוהיגט און אויך מיין פאָטער האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דער רב וועט דאָך ניט איבערגעבען זיין בחור, (מיר דאַכט זיך גאָר אַ בן־יחיד, צי אַ בן־זקונים), אויב ס'זאָל ניט זיין זיכער, און צו ליגען אין שטוב פאַרשפאַרט און עסען ברינזע מיט מאַמעליגע, איז אויך ניט געווען אַזוי געשמאַק און מיר האָבען באַשלאָסען צו פאָהרען מיט די מאַכערס.

איך האָב אָפּגערעדט מיט מיינע צוויי חברים, אַז טאָמער כאַפּט מען אונז, זאָלען מיר זאָגען, אַז מיר האָבען געוואָלט אַריבערפאָהרען זוכען אַרבעט. און אַזוי ווי צום מיליטער־דינסט האָבען מיר נאָך קיין שייכות ניט געהאַט, אַלס בלויע בילעטניקעס, וועלען מיר זיך שוין ווי עס איז אַרויסדרעהען פון שטראָף.

איך האָב אָפּגערעדט מיט מיין פאָטער, וואָס פאַר אַ סימנים מיר וועלען איבערגעבען דעם סאָלדאַט, וואָס וועט אונז אַריבער־שיפען דעם פרוט, כדי ער זאָל וויסען אויף זיכער צי מיר זיינען שוין פון יענער זייט און דאָ הייסען אַרויסגעבען די אידען דאָס געלט, וואָס ער האָט איינגעלעגט פאַר'ן אַריבערשטעלען אונז איבער די גרעניץ.

אנשטאָט דעם איד מיט דער גרויסער באָרד, איז געקומען דער מיט'ן ציגען בערדעלע און אונז צוגעפיהרט צו אַ פוהר, אויף וועלכער ס'איז געזעסען אַ מיידעל, וועלכע איז דער גוטער ברודער מיט'ן סאָלדאַט, וואָס דאַרף אונז אַריבערפיהרען. איידער מיר האָבען זיך אויפגעזעצט, איז צוגעקומען דער צווייטער מאַכער, שיכור'לאַך, און זיך עפּעס דורכגערעדט מיט דעם ציגען־בער־דעל און מיר איז עפּעס ניט געפעהלען זייער דורכרעד, ווייל איך האָב בכלל פיינד אַ שכור, און אַ שכור'ן אידען קען איך אינ־גאַנצען ניט סובל זיין. נאָר אַז מען זיצט שוין אויף דער פוהר, פאָהרט מען שוין. דאָס ציגען־בערדעל האָט אונז דערצעהלט די גאַנצע נאַכט, פאָהרענדיג צום דאָרף לאַפּאַטין, ווי אַזוי דאָס מיידעל האָט שוין אַריבערגעשטעלט טויזענטער מענשען. און וואָס מעהר נסים ונפלאות ער האָט דערצעהלט וועגען איר, מער פאַרדעכטיג איז מיר געוואָרען די מעשה: עפּעס האָב איך גע־

פיהלט, אַז מען פיהרט אונז איבערגעבען אין די הענט אַריין, אָבער איך האָב פאַרטריבען די אַלע בייזע געדאַנקען, ראשית מחמת דעם רב און זיין בחור און שנית, ווייל דאָס מיידעל איז געווען נאָך אַ יונגע מיידעל — און אַ שעהנע אויך — און עס האָט זיך מיר ניט געגלויבט, אַז אַזאַ מיידעל זאָל זיין פעהיג אויף אַזאַ שענדליכען טהאָט.

מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַפאַטין און עס איז שוין גע־ווען אָרום צוויי אַזייגער ביינאַכט. דער סאָלדאַט האָט שוין באַ־דאַרפט וואַרטען אויף אונז דאָרט אין הויז, אָבער ער איז ניט געווען. מיר האָבן געטראָפן דאָרט איין אַלטיטשקע פרוי, דער מיידעל'ס אַ באָבע, און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן דער פרוי אין די אויגען, און דערזעהן דעם צער, וואָס האָט פון זיי אַרויסגע־קוקט, האָט מיר עפעס געטאָן אַ שניט אין האַרץ ווי מיט אַ מעסער.

איך האָב געזאָגט מיינע חברים, אַז איך דערקען אין דער באַבושקעס אויגען, אַז מ'געהט אונז איבערגעבען אין די הענט. און דאָ איז דער סאָלדאַט ניטאָ. אויף משיח'ן וואָלט מען ניט באַ־דאַרפט אַזוי אַרויסקוקען, ווי מיר האָבען אַרויסגעקוקט אויף דעם סאָלדאַט.

מיינע חברים האָבען געזאָגט, אַז די באַבושקע האָט פשוט רחמנות אויף אונז און דאָס מיידעל וועט מסתמא באַלד ברענגען דעם סאָלדאַט. יעדע מינוט איז געווען אַ יאָהר. עס האָט שוין אָנגעהויבען צו שאַריען אויף טאָג. ערשט דער סאָלדאַט וואַרפט זיך אַריין און רופט אונז. אַז מען רופט, מוז מען געהן. מיר האָבען באַדאַרפט אַרונטערגעהן אַ הויכען באַרג, דאָרט אַריבער־געהן אַ טייכעל און נאַכהער אַריבערגעהן אַ צווייטען באַרג און דאַן ערשט צוקומען צום פרוט, וועלכען איך האָב אָנגעזען פונ'ם ערשטען באַרג און וועלכער האָט מיר אַזוי געלאָקט.

ווען מיר זיינען שוין געווען אַראָפגעגאַנגען דעם באַרג און באַדאַרפט אַריבערגעהן דאָס טייכעל, האָב איך דערהערט, ווי פונ'ם מיטען באַרג, הינטער אונז, האָט אימיצער געמאַכט אַ פאַרשטיקטען טומעל. איך האָב ניט געקענט כאַפען, צי איז דאָס געווען אַ פליעסקען מיט די הענט, צי אַ טופען מיט די פיס, צי

עפּעס אַנדערש, אָבער איך בין שוין געווען זיכער, אַז דאָס איז עפּעס אַ סיגנאַל וועגען אונז, אַז מ'זאָל אונז כאַפּען.

איך האָב שוין פאַרגעסען צו קוקען אויף די שטיינער, איבער וועלכע מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען דאָס טייכעל האָב זיך פאַר־נעצט די פיס (און דאָס איז שוין געווען הערבסט צייט מיט אַ שנעעלע), אָבער איך בין נאָכגעגאַנגען נאָהענט צום סאָל־דאַט, ער זאָל זיך ניט קענען אַרויסדרעהען און אונז איבערלאָזען.

דער סאָלדאַט האָט אונז ניט געפיהרט אַריבער דעם צווייטען באַרג, נאָר אַרום און אַרום, און ווען מיר זיינען שוין געווען פון יענער זייט באַרג, זיינען מיר געווען שוין נאָהענט צום פּרוט, אָבער איך האָב דערזעהן אַקעגען זיך לערך אַ האַלבע ווערסט די טאַמאָזשנע, די גרעניץ־סטאַנציע. נאָך איידער איך האָב באַוויזען אויסצוטראַכטען, צי פיהרט ער אונז ניט גלייך אין די הענד אַריין, צי פּילייכט, איז דוקא דאָ דאָס זיכערסטע פּלאַץ אונז אַריבערצושמוגלען, האָב איך דערהערט אַ גאַלאָפּ פון פערד און שוין דערזעהן, אַז פינף רייטער לויפען גלייך אויף אונז. האַלטענדיג אַן אויג אויפ'ן סאָלדאַט, האָב איך געזעהן, ווי ער אַנטלויפט פאָראויס, בין איך נאָך איהם. די חברים מיט'ן רב'ס בחור זיינען געלאָפען אויף צוריק. די סאָלדאַטען האָבען גע־זעהן, אַז איך לויף צו זייער סטאַנציע, האָבען זיי מיך געלאָזט און זיי האָבען נאָכגעיאָגט יענע. דער סאָלדאַט איז אָבער ערגעץ אַריין ווי אין דער ערד אַריין און איך שטעה דאָ אַזוי נאָהענט צום פּרוט. אַ שווימער בין איך אַ גוטער, לויף איך גלייך צום פּרוט. דער מוח האָט שנעל געאַרבעט, צי וועל איך קענען אַריבערשווימען דעם פּרוט, וועלכער איז אי אַ ברייטער טייך, אי אַ שנעל־לויפענדער און איך געה אָנגעפּעלצט מיט אַ פוטערל, אָבער דאָס האָט מיך ניט געקימערט. איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מיין גוטען שווימען. אַן אַנדער פראַגע האָט מיר געעגבערט דעם מוח, טאָמער שיסען די סאָלדאַטען אויף מיר, אָבער דאָס האָב איך באַשלאָסען וועלען זיי ניט טהאָן, ניט וועלענדיג מאַכען קיין טרע־וואָגע (טומעל), אויף דער גרעניץ, און איך בין געלאָפען שנעל צום טייך. אָבער וואָס נעהענטער איך בין געקומען צום טייך, אַלץ טיפער האָב איך געזונקען אין אַ זומפּ, און איך האָב מורא

געהאַט, אַז איך וועל דערטרונקען ווערען, נאָך איידער איך וועל צוקומען צום טייך. דערווייל האָב איך שוין דערהערט אַ קול פון אַ סאָלדאַט:

— „העי, וואוהין לויפסטו דאָרט? דו וועסט דערטרונקען ווערען. קעהר זיך אום"! — איך האָב געכאַפּט אַ קוק צוריק און געזעהן, אַז די סאָלדאַטען פיהרען שוין די מחותנים און אפילו איך זאָל קענען צולויפען צום טייך, וועט אַ סאָלדאַט אויף אַ פערד מיך קענען אָניאָגען, איידער איך וועל אַריין אין טייך אַריין. הכלל, איך האָב זיך אומגעקערט און שוין געגאַנגען גלייך צו דער סטאַנציע. און ווען איך האָב געזעהן ווי אַ סאָלדאַט האָט דערלאַנגט מיין קאָזין אַ בוכצע מיט'ן פריקלאַד (דאָס הענטעל פון דער ביקס), ער זאָל געהן שנעלער, האָב איך עס שוין געמאַכט נאָך שנעלער און דער ערשטער אַריין אין סטאַנציע, כדי ניט צו קריגען קיין פריקלאַד.

דאָרט האָט מען אונז ערשט מכבד געווען מיט עטליכע נאַהייקעס, אַלס אַן אַדערוף און צוגעזאָגט, אַז דאָס געדעכטע וועט ערשט קומען, סיידען מיר וועלען זיי איבערגעבען דאָס גאַנצע געלט, וואָס מיר האָבען ביי זיך און אויך די סימנים וואָס מיר דאַרפען צוריקשיקען, אַז מ'זאָל דאָרט אַרויסגעבען דאָס געלט.

דאָס פאָדערען די סימנים איז שוין געווען פאַר מיר אַ קלאָהרער באַוויז, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגעשמועסטע זאַך אונז איבערצוגעבען אין די הענט.

.11

## מי־גאָראָק — קומט איהם נאַהאַיקעס

דער סאָלדאַט וואָס האָט אונז מכבד געווען מיט'ן אַדערוף, האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען ניט ריידען איינס צום אַנדערען און אַרויס פון אונזער צימער אין אַ צווייטען, כדי פון דאָרט, אַפנים, זיך אונטערצוקוקען, צי מיר כאַפּען זיך ניט און פאַרען זיך ניט מיט געלט, וועט ער שוין וויסען, וואו מיר האָבען עס

באַהאַלטען. באַלד איז ער אַריינגעקומען און זיך גלייך גענומען צו מיין שכן, שלמה שפּיאַלטער, און איהם אַריינגעצימבעלט עטלי־כע נאַהאיקעס און בשעת זיין שרייען איז אים אַרויסגעפאַלען אַ גאָלדען פינפערעל פונ׳ם מויל, וואָס ער האָט מסתמא באַמערקט פון יענער זייט טיר, אַז ער האָט עס אַריינגעלעגט אין מויל.

„אַהאַ, דו שמוגעלסט אַרויס דעם קייסערס גאָלד צום שונא״ האָט ער אָנגעהויבען צו ריטשען (רעווען) און געצימבעלט נאַ־האַיקעס און נאָכהער ערשט געהייסען זיך איהם אויסטאָן נאַקעט און אים גענומען אין צווייטען צימער אַריין און פון דאָרט האָבען מיר באַלד דערהערט קולות עד לב השמים: מען האָט איהם גע׳ממית׳ט אָהן אַ שיעור, ווייל אין העמד האָט מען געפונען נאָך עטליכע גילדענע פינפערלאך איינגענעהט.

צוריקקומענדיג האָט ער זיך גענומען צו מיר. איך האָב געהאָט מיין געלט, ראַנישען, קירה׳ס געלט, איינגענעהט אין די קישעלאך פון די אַקסלען פונ׳ם רעקעל (מיינע איין ערפינדונג) און באַלד געכאַפּט זיך אויסטאָן און אַוועקגעוואָרפען דאָס רעקעל אָן אַ זייט און אָנגעהאַלטען דאָס אויסטאָן זיך און אַלעס אַרויפ־געוואָרפען אויפ׳ן רעקעל. „דו דאַרפסט זיך ניט אויסטאָן, זאָגט דער סאָלדאַט צו מיר, גיב בלויז דאָס געלט״. „דאָס געלט, זאָג איך איהם, האָב איך צוגעבונדען צום פוס און דעריבער מוז איך אַלעס אויסטאָן, כדי צו קענען אַראָפּלאָזען די תחתונים און צוקומען צום געלט״. ער איז געוואָרען מלא שמחה. ער האָט געמיינט, אַז דאָ קריגט ער אַריין די אמת׳ע מאַטמוינע, ערשט איך בינד אָפּ אַ האַנט טיכעל פון פוס און דאָרט געפינט זיך בלויז פערציג רובעל.

—„דאָס איז דאָס גאַנצע געלט?״ — פרעגט ער מיר פאַר־וואונדערט און אין כעס. „ווען מיר זאָלען זיין רייך, זאָג איך אים, וואָלטען מיר דאָך ניט געפאָהרען קיין רומעניע זוכען אַרבעט״.

ער האָט אָנגעהויבען אַרומטאַפּען מיין קוטשמע, צי איז ניט באַהאַלטען עפּעס אין אונטערשלאַג און אויך מיין טוליפּעל, און דאָ טיאָכקעט מיר דאָס האַרץ טאָמער קומט ער צו צום רעקעל. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט: „נו, און וואו איז דער סימן״? איך נעם אַרויס פון מיין הויזען קעשענע אַ קנעפּעל און גיב אים: „וואָרש! (דו ליגנערסט). דאָס איז ניט קיין סימן!״

און ווײל שוין אויפהויבען די נאָהאַיקע. „הער זיך אײן, זאָג איך צו איהם, קוק זיך פריהער צו צום קנעפּעל, ווּעסטו זעהן, אַז דאָס איז אַ ריכטיגער סימן. האָסטו שוין געזעהן אַזאַ קנעפּעל ?" פרעג איך איהם. דאָס איז געווען אַ ספּעציעל קנעפּעל, וואָס מען האָט עס געקענט צוטשפּען, ניט דאַרפענדיג דאָס צונעהען. ער האָט עס באַטראַכט, אַז ס'איז טאַקע אַ טשיקאַווע קנעפּעל און עס אָנגענומען פאַר'ן סימן. ערשט ער הויבט אָן באַזוכען די קעשענעס און נעמט אַוועק מײן זײגער'ל, וואָס איז געווען דער אמת'ער סימן און געווען בײ מיר זעהר טײער, ווײל עס האָט געהאַט אַ ציפער־בלאַט מיט'ן אלף־בית, און דערפאַר האָב איך אָפּגערעדט דאָס צו געבען פאַר אַ סימן, ווײל איך האָב גערעכענט, אַז אין רומעניע קען מען עס בײ מיר סײ ווי ווּעלען צונעמען, וועל איך עס דערמיט ראַטעווען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז סײ דאָס געלט, סײ דאָס זײגער'ל און די איבעריגע חפצים, וואָס מען נעמט צו בײ אונז, ווי מעסערלעך און דעסטגלײכען, וועט מען אונז אָפּגעבען אין ליפּקאַן, די נאָהענטע שטאָדט, וואוהין מ'וועט אונז שיקען אין דער דאָרטיגער טורמע.

אָפּגעפאַרטיגט זיך מיט מיר, האָט ער מיר זיך געהײסען צוריק אָנטאָהן און זיך גענומען צום רב'ס זוהן, פרעגענדיג איהם וויפיעל ער איז אַלט. דערהערט די יאָהרען, האָט ער אַרויסגע־פּלאַצט אין אַ פרעהליכער רציחה „מי־גאָדאָק" (מײן יאָהר), איך דין עס דעם קײסער און דו ווילסט גאָר אַנטלויפען פון מי־ליטער־דינסט". קנאַק־האַק! בראַק מיט דער נאָהאַיקע. דער בחור האָט זיך געדרעהט ווי אַ שלאַנג און ער האָט איהם ניט אָפּגעלאָזט. גע'ממית'ט און גערעוועט: „מי־גאָדאָק"! „מי־גאָ־דאָק"! פון אײן זײט געוואַלדעוועט יענער דאָרט און מיר ווײסען ניט, וואָס מען טהוט אים דאָרט אַזוינס און פון דער צווײטער זײט, דער דאָ, און איך זעה, אַז ער וועט איהם פאַרקריפּלען און דאָ געה זײ אַ מליץ יושר צווישען אַזוינע מערדער! אָבער איך האָב ניט אויסגעהאַלטען, כאָטש איך האָב געקענט דערמיט ווענדען די רציחה אויף זיך אַליין. איך האָב צוגערופען דעם סאָלדאַט און אים געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער איז ניט באַגאַנגען קײן פאַר־ברעכען געגען קײסער. „ער דאַרף דאָך ערשט שטעהן צום מי־

ליטער קומעדיגען יאָהר און דערוויל זעהסטו דאָך, אַז ער איז אַן אָרימאַן: האָסט געפונען ביי איהם עטליכע רובעל, איז ער גע־צוואונגען אַריבערצוגעהן זוכען אַרבעט, אָבער צום מיליטער־דינסט וועט ער נאָך צוריקקומען. ער איך דאָך נאָך אַ יונגער בחור, ווי דו, דאַרפסטו דאָך האָבען אַביסעל איינזעהעניש מיט אים". הכלל, עפּעס די רציחה האָט זיך אין אים איינגעשטילט און ער האָט זיך גענומען צו מיין קאַזין. אויך ביי איהם איז געווען איינגענעהט דאָס געלט, ווי ביי מיר, און געהאָט פון אויבען אויף בלויז עטליכע צעהנדליג רובעל און זיי איהם אָוועקגעגעבען. ער האָט געהאָט אַ טאַבאַטשניצע מיט ציגאַרען און איהם מכבד געווען מיט זיי. הכלל, ער איז שוין געוואָרען אַ גוטער ברודער און אונז געזאָגט, אַז מען וועט אונז באַלד שיקען קיין ליפּקאַן און דאָרט וועט מען אונז אָפּגעבען דאָס געלט מיט די חפצים.

פאָהרענדיג קיין ליפּקאַן, האָב איך אָפּגערעדט מיט די חברים מיר זאָלען זאָגען אין טורמע, אַז מיר האָבען דער'הרג'עט אַן אָר־ראַדניק, ווייל איבער יאַלדען, ד. ה. ניט קיין רוצחים, צי לכל־הפחות גנבים, האָבען זיך די טורמעניקעס אידיעקיוועט. אָבער פאַר רוצחים, ספּעציעל אַזוינע וואָס קענען דער'הרג'ענען אַן אָר־ראַדניק, האָט מען געהאַט דרך ארץ. מען האָט אונז געבראַכט קיין ליפּקאַן ניט אין טורמע, נאָר אין אַרעסט־הויז ביים וואָלאָסט (גמינע), אונז אָפּגעגעבען דאָס געלט, אָבער ניט די חפצים, און מען האָט אונז אַריינגעוואָרפען אין אַ חדר צווישען עטליכע צעהנד־ליג אַרעסטירטע, וועלכע זיינען געלעגען, אָנגעטאָן אין די פּעל־צען, ווייל ס'איז געווען קאַלט, אויף אַ מין סטאַפּטשאַן,אַ ברייטע ברעט אַזעלכע, די לענג פון אַ מענשען.

די אַרעסטירטע זיינען געלעגען מיט די קעפּ צו דער וואַנט און מיט די פיס צו דער ברייט פון דער ברעט, אָנגעפּאַקעוועט, ווי הערינג און אַט צווישען די פּעלצען האָבען מיר זיך באַדאַרפט אַריינשטופּען צו שלאָפען. איך האָב זיך אָוועקגעלייגט אויפן רוקען, ווייל אויף דער זייט האָבען די ריחות פון די פּעלצען מיר קיין מנוחה ניט געגעבען און געלעגען, ווייל שלאָפען האָב איך געוויינליך ניט געקענט. אין מיטען נאַכט האָב איך ערשט דער־פיהלט, וואָס עס מיינט דער באַריהמטער רוסישער טורמע־צעבער.

ווען די כאַמולעס מיט די פעלצען האָבען אָנגעהויבען צו געהן לאָזען די השתנה אין דעם צעבער, האָבען די שאַרפע ריחות ממש מיך געשניטען ווי מיט מעסערס, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל עס ניט אַריבערטראָגען ביז אינדערפריה.

גאַנץ פריה, מיר זיינען שוין קוים אַרויס פון דעם גיהנום און זיך אַרומגעוואַשען, ערשט ס'קומט צו צו אונז אַ טורמעניק, אַ ריז, אַ כוליגאַן און דערצעהלט אונז, אַז ער איז דער הויפּט, דער ראש המדברים צווישען די אַרעסטירטע, און באַשטימט אונז צו וואַשען דעם צעל און אַרויסטראָגען דעם צעבער. „לא מיט אַ ספּאָדיק, זאָג איך. דער קייסער צאָהלט דינער, און זיי דאַרפען עס טאָן, ניט מיר. און איך וועל עס ניט טאָן". „ניין"? — פרעגט ער, און נעמט ארונטער דעם גאַרטעל. אַ קינד איז עס געווען אַ זיבען פוסיגער און מיין קאָזין און שכן (דעם רב'ס זוהן האָט מען צוריקגעשיקט קיין בריטשאַן) האָבען איינגעשטימט און זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיר האָט ער דערלאַנגט עטליכע גאַרטלען, אָבער ער האָט געזעהן, אַז מיין עקשנות און געשריי נאָך טורמע דינער, איז שטאַרקער פון זיין רציחה מיט די גאַרטלען און האָט מיך אָפּגעלאָזט.

באַלד איז אָנגעקומען מיין פאָטער און אונז דערציילט, אַז מען האָט געוואָלט ביי אים אַרויסנאַרען דאָס געלט, ווייל דער רב'ס בחור און מיין שכן האָבען איבערגעגעבען די אמת'ע סימנים. אָבער אַזוי ווי איך און מיין קאָזין האָבען געשיקט פאַלשע סימנים, האָט ער שוין זייער געלט אויך ניט געגעבען. מיין פאָטער האָט אונז דערציילט, אַז מען שיקט אונז מיט'ן עטאַפּ אַהיים. מיר האָבען אים איבערגעגעבען דאָס איינגענעהטע געלט און אים גע־הייסען אַהיים פאָהרען. אַבי מיר וועלען קומען צו אונזער פּריס־טאַוו, וועלען מיר שוין זיין פריי. מיין פאָטער איז אַוועקגעפאָה־רען, אָבער אונז האָט מען ניט געשיקט גלייך אַהיים, נאָר גאָר נע־הענטער צו קירה'ס גרעניץ־שטאָדט, קיין נאָוואָסעליץ.

.12

# מיר ווייסען ניט אונזער שיקזאַל אָבער מיר קעהרען אַ וועלט

מיר זיינען אָנגעקומען קיין נאָוואָסעלעץ אויך אין אַ וואַלאַסט־אַרעסט־הויז און דאָרט געטראָפען נאָך אַזעלכע פויגעל ווי מיר. באַלד האָט מען אָנגעבראַכט נאָך אַ טראַנספּאָרט בחורים, טאַקע נאָוואָסעלצער, צווישען זיי אברהם פּאָליאַקמאַן און משה קויפמאַן, קינדער פון די רייכסטע שטאָדט בעלי־בתים. און כאָטש עס איז געווען אַ גוטע אורזאַך מורא צו האָבען, אַז מען וויל אונז שיקען צום פראָנט (וויל, וואָס האָט מען אונז עפּעס געשיקט נעהענטער צום פראָנט?) דאָך האָבען מיר אַלעס פאַרגעסען און זיינען אריין אין אַ פרעהליכער שטימונג. מיר זיינען שוין עטליכע צעהנדליג בחורים, און מיר האָבען געקענט שלאָפען אָפּגערוקט איינער פונ׳ם צווייטען און מיר האָבען געהאַט שטרוי־זעק און אַלע געווען סאַמע אידען. נו, האָבען מיר געמאַכט פונ׳ם וואָלאַסט אַ ירושלים. מיר האָבען איבערגעקעהרט אַ וועלט, געזונגען און געטומלט, אַז דער שרייבער פונ׳ם וואָלאַסט פלעגט אונז קומען בעטען, מיר זאָלען ניט אַזוי טומלען, ספּעציעל ניט ביינאַכט, ווייל מיר לאָזען ניט שלאָפען דעם עולם.

עס האָט זיך באַלד געיאָוועט עפּעס אַ שטאָדט־פּאַרזאָרגער, ה׳ ריינעס מיט עטליכע מיידלאך און אונז געבראַכט אַ סעודה׳לע, כסעודת שלמה המלך בשעתו, וואַרעניקעס מיט פּרוכטען מיט ניס א. ד. גל.

אַלע מיידלאך פון שטאָדט פלעגען געהן שפּאַצירען לעבען וואָלאַסט הערען אונזער געזאַנג און די מעהר בראַווע, פלעגען זיך אַריינכאַפּען צו אונז, צווישען זיי גאַנץ שענע, און דאָס אַרעסט־הויז איז גאָר פאַרוואַנדעלט געוואָרען פאַר אונז אין אַ מין „קלוב־הוז״.

מיר האָבען זיך גאָר ניט געפיהלט ווי אַרעסטאַנטען. פונ׳ם הויף האָבען מיר טאַקע ניט געטאָרט אַרויסגעהן, אָבער פונ׳ם הויז אויפ׳ן הויף האָבען מיר געקענט געהן פראַנק און פריי, ווייל די

קרעניצע איז געווען אויפ'ן הויף און מיר פלעגען זיך געהן וואַשען צו דער קרעניצע.

ווען מען האָט אָנגעבראַכט צו אונז אין שטאָדט די ערשטע קירה'ס געפאַנגענע און איך האָב געזעהן ווי זיי וואַשען זיך אין דרויסען אויף דער קעלט (הערבסט־צייט), האָב איך שטאַרק רחמנות געהאַט אויף זיי.

איצט איז שוין געווען פיעל קעלטער מיט אַן אויסגע־פאַלענעם שנעע און אַז איך פלעג זיך געהן אינדערפריה אַרומ־וואַשען צו דער קרעניצע, האָב איך ערשט געפיהלט, אַז עס איז גאָר גאַנץ געשמאַק צו וואַשען זיך מיט קאַלטע וואַסער אויף דער קעלט אין דרויסען.

ה' ריינעס האָט אונז פאַרזאָרגט מיט גוטע אָנבייסענס זעהר אָפט און מיר האָבען זיך געפיהלט ווי אין דער היים. די זאָרג וועגען אונזער שיקזאַל איז אויך פאַרקלענערט געוואָרען דורך דער אָנוועזענהייט פון די רייכע שטאָדטישע קינדער, וויסענדיג אַז זייערע רייכע עלטערען וועלען זיך שוין סטאַרען, אַז מ'זאָל אונז צום פראָנט ניט שיקען. דאָך האָט מיר עפּעס ניט געשמעקט דער עסק, וואָס מען האַלט אונז אַזוי לאַנג. מיר זיינען אָפּגע־זעסען דאָרט אַ דריי וואָכען צייט. אין דעם משך איז אָנגעקומען אַ ידיעה אין וואָלאָסט, אַז מען רופט בלויע בילעטען. דאָ האָט שוין געקענט זיין אַ געפאַהר פון דעזערטירונג פון מיליטער־דינסט, אָבער אַזוי ווי מען האָט נאָך ניט גערופען אונזערע יאָהרען, נאָר די אינגערע, זיינען מיר נאָך געווען אויסער געפאַהר אונז צו באַשולדיגען אין אַבזיכטליכער דעזערטירונג.

איך האָב איבערגעגעבען ה' ריינעס'ן, אַז ער קען אָנווייזען אונזער פאַל, אַלס פאַרטיידיגונג פון די איבעריגע, אַז דאָ איז ניט געווען קיין פראַגע פון וועלען אויסמיידען מיליטער־דינסט, נאָר פון זוכען אַרבעט. אַ סימן מיר זיינען (אַלע דריי) בלויע בילעטניקעס און פון עלטערע יאָהרען, אַזוי אַז מיר האָבען ניט געהאַט קיין שום אורזאַכע מורא צו האָבען פאַר מיליטער־דינסט. אָבער מיט'ן רוף פון די בלויע בילעטען צום מיליטער, איז דער אַרגומענט מיינער אָפּגעשוואַכט געוואָרען. אָבער אַזוי

ווי אונזער יאָהר איז נאָך ניט אַריינגעגאַנגען אין דער קאַטעגאָריע, האָט עס נאָך אַלץ געקענט דינען אַלס אַן אַרגומענט.

מיר האָבען טאַקע פאַרבראַכט פרעהליך די צייט אין דעם וואָלאָסט און חוץ דעם געלעגער אויפ'ן דיל, האָט אונז גאָר ניט געפעהלט. דאָך איז יעדער טאָג, ספּעציעל יעדע נאַכט, געווען ווי אַ יאָהר. אויב עטאַפּ, האָט מען אונז באַדאַרפט גלייך אַהיים שיקען און דאָרט בין איך שוין געווען זיכער וועלען מיר אַפילו קיין מינוט ניט זיין אונטער אַרעסט.

איך האָב צוביסלאַך אויסגעפּאַמפּעט ביים שרייבער, אַז מען האַלט אונז, ווייל די פּאָליציי קען זיך ניט אייגענען אַליין, וואָס צו טהאָן מיט אונז, און מען האָט זיך אָנגעפרעגט אין קיעוו, וואָס צו טהאָן מיט אונז און דעריבער געדויערט אַזוי לאַנג.

צו די דריי וואָכען איז אָנגעקומען אַ באַפעהל פון קיעוו, אַז די, וועלכע באַלאַנגען צו מיליטער־דינסט, זאָל מען גלייך איבערשיקען צום מיליטער־דינסט און די איבעריגע זאָל מען מיט'ן עטאַפּ אָפּשיקען צו דער פּאָליציי, וואו זיי באַלאַנגען און דאָרט וועט שוין די פּאָליציי זיי איבערגעבען צום געריכט, פאַר וועלען שמוגלען די גרעניץ. דער שרייבער האָט אונז באַלד גע־לאָזט וויסען די ידיעה, וואָס איז געווען פאַר אונז אַ גוטע בשורה. געהן מיט'ן עטאַפּ האָט ראשית געקענט געדויערען עטליכע וואָכען און שנית האָט עס געמיינט זיך אויסוואַלגערען נאָך אין עטלי־כע וואָלאָסטען. און ניט אומעטום טרעפט מען אַזאַ גוטען וואָלאָסט ווי דאָ.

איך האָב אָנגעהויבען איינצו'טענה'ן מיט'ן שרייבער ער זאָל אונז שיקען גלייך צו אונזער פּריסטאַוו, אָבער ער האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט ניט קיין רעכט, ער קען אונז שיקען בלויז צום ווייטערדיגען, נאָהענטסטען וואָלאָסט, אָבער ניט אַזש קיין פּאָדאָ־ליער גובערניע (מיר האָבען זיך געפונען אין בעסאַראַביע).

איך האָב איהם פאָרגעשלאָגען, אַז מיר וועלען באַצאָהלען פאַר אַ פאַיעטאָן און אויך פאַר אַ פּאָליציאַנט, ער זאָל אונז באַ־גלייטען ביז צו אונזער פּריסטאַוו, און מיר וועלען איהם פיין באַ־לוינען דערפאַר.

דער פאָרשלאָג איז איהם געפעהלען געוואָרען און מיר האָבען

זיך אויפגעזעצט אויף אַ פֿאַיעטאָן מיט אַ פּאָליציי־באַגלייטער און קאַטאַי (וויאָ) אַהיים.

דער פּאָליציי־מאַן האָט אונז איבערגעגעבן צום פּריסטאַוו, גענומען ביי איהם אַ קבלה און זיך צוריק געפֿאָהרען.

דער פּריסטאַוו האָט מיר אָנגעהויבען זאָגען מוסר: „דו, פֿאַן חכם, זאָלסט גאָר טהאָן אַזאַ נאַרישקייט צו וועלען אַנטלויפען און נישט ערפֿילען דיין בירגערליכע פֿליכט צו קייסער״?

„הער זיך איין, גוטער ברודער, זאָג איך צו איהם, מוסר וועסטו מיר זאָגען, ווען וועסט זיצען ביי אונז אין זאָל ביי אַ גוט גלעזעל משקה, איצט נעם בעסער די פּאַפּירען און צוּרייס זיי. איך וויל ניט האָבען קיינע משפּטים, וויל ביז דער משפּט וועט אַרויסקומען, קען מען דערווייל רופען אונזער יאָהר, בלויע בילעטניקעס, און דאַן קען מען שוין צוטשעפּען צו אונזער דיעלאָ (קייס) די פֿראַגע פֿון דעזערטירונג און איך וועל זיי ניט קענען זאָגען קיין מוסר, אַז עס איז ניט ריכטיג, וויל מיר האָבען געוואָלט אַריבער נאָך איידער מען האָט געטראַכט צו רופען בלויע בי־לעטען״.

„צוּרייסען די פּאַפּירען קען איך ניט, זיי וועלען שוין אַזוי פֿאַרלעגט ווערען, אַז קיין שד וועט זיי שוין ניט געפֿינען. פֿאָהרט אַהיים און געדענקט ניט צו טהאָן נאָכאַמאָל אַזאַ נאַרישקייט״. און אין צוויי שטונדען אַרום זיינען מיר שוין געווען אין דער היים.

.13

## ניקאָלאַיס מפּלה טראָגט זיך שוין אין דער לופֿט

אָנפֿאַנג ניינצעהן הונדערט זיבעצעהן האָט זיך שוין געפֿיהלט אין דער לופֿט, אַז ניקאָלאַיס מפּלה דערנעהענטערט זיך.

די מפּלות אויפ׳ן פֿראָנט, די שושקעריי, אַז דער קייסעריג׳ס סאַניטאַציע אָפּטיילונג איז אַ נעסט פֿון שפּיאָנאַזש און זי אַליין איז געווען אונטער חשד, די מעשה ראַספּוטין וועגען וועלכער די קלאַנגען זיינען געווען, אַז ניט נאָר האָט ער אינטימע, געשלעכט־

ליבע באַציהונגען מיט דער קייסערין, נאָר אויך מיט איהרע טעכטער־מיידלאך, חוץ דעם, וואָס קיין פרוי פון דער הויכער גע־זעלשאַפט האָט זיך ניט אויסגעדרעהט פון זיין איינפלוס און גע־שלעכטליכער באַציהונג, אַזוי, אַז דאָס האָט אויפגערעגט אַלע מע־נער, סיי מיניסטאָרען, סיי קניאַזען סיי גענעראַלען. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג אויף ניקאָלאַי׳ס סוף, ווייל ער האָט באַשיצט ראַספּוטינען, אונטער וועמענס כלומר׳שטער רעליגיעזער השפעה ער און די קייסערין האָבען זיך געפונען.

דאָס, וואָס קניאַז יוסופּאָוו און דער שוואַרץ־מאה׳ניק, פּוריש־קעוויטש, האָבען פאַרנאַרט ראַספּוטינען צו קניאַז יוסופּאָוו אין פּאַלאַץ און איהם דאָרט דערשאָסען, ווי אַ משוגע׳נעם הונט, איז געווען דער ערשטער אָנזאָג, די ערשטע שוואַלב, פון ניקאָלאַי׳ס מפּלה.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען טראָגען קלאַנגען, אַז אין פּעטער־בורג איז עפּעס ניט רוהיג, אָבער ווער האָט זיך געקענט רעכענען מיט קלאַנגען אין אַזאַ צייט? אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך בין געוואָהר געוואָרען פון אַ זיכערען קוואַל פון ברו־סילאָוו׳ס שטאַב, אַז ער האָט געקראָגען אַ טעלעגראַמע פון ראָד־זיאַנקאָ׳ן, דעם פאָרזיצער פון דער דומע, ווי אַזוי ער וועט זיך באַציהען צו אַ רעוואָלוציע. מען האָט מיר אויך איבערגעגעבען זיין קורץ־און־שאַרפען ענטפער:

„צאַריו אי אָטעטשעסטוואו, גאָטאָוו סלוזשיט״ (דעם קייסער און דעם פאָטערלאַנד בין איך גרייט צו דינען). דאָס איז געווען אַ דיפּלאָמאַטישער ענטפער, ווייל ער האָט דאָך ניט געוואוסט, וואָס דאָרט קומט פאָר. ער האָט געמיינט, אַז עס וועט ווערען אַ קאָנ־סטיטוציאָנע מאָנאַרכיע מיט׳ן קייסער, באַגרעניצט אין זיין מאַכט.

אָבער מיר האָבען שוין דערפיהלט מיט אונזער ספּעציעלען חוש, אַז דאָס מיינט אַ סוף צו ניקאָלאַי׳ען.

באַלד האָט ער געקראָגען אַ צווייטע טעלעגראַמע, מעהר קלאָהר, ווי די ערשטע, און ער האָט שוין געענטפערט, אַז ער איז גרייט צו דינען דעם פאָטערלאַנד, אפילו אָהן דעם קייסער.

די נייעסען פון מפּלות האָבען געיאָגט איינע די צווייטע מיט בליץ־שנעלקייט. אָט האָבען מיר געהערט אַז ניקאָלאַי וועט אָפּ־

דאַנקען לטובת דעם יורש־עצר, נאָכהער — לטובת זיין פעטער, נאָכהער, האָט ער אינגאַנצען אָפּגעדאַנקט, אָהן קאָנדיציעס, לויט דער אויפפאָדערונג פון זיין אייגענעם קריגס־מיניסטער, גוטש־קאָוו און גענעראַל רוזסקי, וואָס דאָס מיינט, אַז ס'איז ניט געווען קיין פאָלק־און מיליטער־רעוואָלוציע, נאָר איין הויף־רעוואָלוציע. נאָכהער האָבען מיר שוין געהערט אַז ער איז אַרעסטירט און פאַר־שיקט, א. אז. וו. און א. א. וו.

די שמחה ביי אידען איז גאָר ניט צום באַשרייבען. בפרט, אַז מיר האָבען געהערט, אַז די מאַכט האָבען איבערגענומען די לאַנג־באַוואוסטע, צו אונז, קעמפּער פאַר פרייהייט, ווי קערענסקי, צע־רעטעלי, ראָמאַשווילי, א. ד. ג., דאָס איז געווען פאַר אונז אַ זיכערער באַוויז, אַז קיין געפאַהר פאַר אידען איז ניט וואָהר־שיינליך.

מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו פייערען די רעוואָ־לוציע. מיר האָבען דאָך ניט געקענט אָפּשטעהן פון די גרעסערע שטעדט. ראשית האָט זיך דאָך די שמחה געריסען צו איין אויס־דרוק און שנית האָבען מיר דאָך ניט געקענט אַרונטערפאַלען אונ־טער חשד, אַז מיר זיינען ניט קיין רעוואָלוציאָנערען.

אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָך נאָך געווען אַ מורא טאָמער לאָזט זיך נאָך אויס אַ בוידעם פון דער גאַנצער רעוואָלוציע און ניקאָלאַי ווערט נאָך צוריק מושל, וועט ער זיך דאָך אין די אידען געוויס נוקם זיין.

מיר האָבען נאָך געדענקט די רעוואָלוציע פון ניינצעהן הונ־דערט און פינף, ווען די גויים האָבען געשריגען, אַז די אידען האָבען געקרוינט אַ צאַר און אַ צאַרינע, ווייל די הויפּט־רעדנער אויף די גאַסען זיינען געווען אַ אידישער בחור און אַ אידישע מויד. אָט דאָס כלומר'שטע אידישע „קייסערליך" פאַר־פאָלק, האָט אונז גענוג צרות פאַרשאַפט.

אָבער איצט האָט זיך עפּעס געפיהלט, אַז דאָס איז אַ רעוואָ־לוציע אין דעם אמת'ן, און אַז ניקאָלאַי האָט שוין קיין געלעגענ־הייט זיך אומצוקעהרען צו דער מאַכט. ספּעציעל האָט אונז באַ־רוהיגט דאָס, וואָס ניט בלויז אידען האָבען זיך געטומעלט מיט דער רעוואָלוציע, נאָר אויך די גוי'אישע אינטעליגענץ, סיי די

רוסישע, סיי די אוקראַאינישע און סיי די פּוילישע, האָבען זיך אויך גע׳רעש׳ט מיט דער רעוואָלוציע, אַזוי אַז מיר האָבען שוין ניט געקענט מורא האָבען, אַז די גויים וועלען זאָגען, אַז דאָס איז אַ זשידאָווסקע צאַרסטוואָ (אַ אידישע מלוכה).

ספּעציעל איז אונז גרינג געוואָרען אויפ׳ן האַרצען, ווען מיר האָבען געקראָגען אַ באַפעהל פון קאָמענעץ־פּאָדאָלסק, אַז מיר זאָלען צוגרייטען אַ קבלת־פּנים פאַר דר. בלאָנסקי, וועלכער פאָהרט צו אונז.

דר. בלאָנסקי איז געקומען צו אונז אין שטאָדט נאָך אין ניקאָלאַי׳ס צייטען. אָבער זיין אויפפיהרונג האָט אַרויסגערופען ביי אונז אַ פאַרדאַכט. מיר האָבען געזעהן, אַז ער שטרעבט זיך אָן צו פיהרען אַן אונטערערדישע רעוואָלוציע־אַרבעט. פון דער צווייטער זייט האָבען מיר מורא געהאַט, טאָמער איז ער אַ שפּיאָן־פּראָוואָקאַטאָר.

אָבער אַזוי ווי ער איז איינגעשטאַנען ביים קאַסירער פון אונזער מיהל, האָב איך איהם געקענט נאָכקוקען און אויסגעפונען, אַז ער איז טאַקע אַ רעוואָלוציאָנער, אַן עס־ער־אָוועץ, און מיינט עס ערנסט. דאַן האָב איך זיך באַפריינדעט מיט איהם, אָנגעוויזען שקצים פון דערפער אויף וועמען ער קען זיך פאַרלאָזען און איהם אַרויסגעהאָלפען מיט ראַט און טהאַט, אויף וויפיל ס׳איז געווען מעגליך פאַר מיר.

אָפּזייענדיג אַ שטיקעל צייט ביי אונז און פיהרענדיג גוטע אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, איז ער פּלוצים, אין איין שעהנעם טאָג, פאַרשוואונדען אָהן אַ זיי געזונט. איך האָב דעמאָלט געהאַט געענוג שלאָפלאָזע נעכט: האָב מורא געהאַט טאָמער איז ער פאַרט געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר און איצט וועט ער אונז אַלע איבערגעבען צו דער מאַכט, און איך בין נאָך געווען אַ תנא דמסייע צו דער שעהנער פּראָוואָקאַטאָרישער אַרבייט.

אָבער ס׳זיינען אַוועק וואָכען און חדשים און: אין קול ואין עונה. דעמאָלט בין איך שוין געווען זיכער, אַז ער איז קיין פּראָוואָקאַטאָר ניט געווען און האָב בלויז איבערגעטראַכט, טאָמער איז מען געפאַלען אויף זיין שפּור און איהם אַליין אַרעסטירט און פאַרשיקט, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

איצט קענט איהר זיך שוין אויסמאָהלען מיין שמחה, ווען איך האָב דערהערט, אַז בלאָנסקי איז דאָ אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק און איז אַ הויפּט־מאַכער פון דער רעוואָלוציע און קלויבט זיך צו קומען צו אונז אין שטאָדט, וואו ער האָט געאַרבעט אַ שטיק צייט אונטערערדישע אַרבעט לטובת דער רעוואָלוציע. און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו געבען איהם אַ שעהנעם קבלת־פּנים.

.14

## „עטאָ בילאָ פּאָסליע מאָליטווי"

ניט קוקענדיג דערויף וואָס די רעוואָלוציע איז שוין גע־ווען אין פולען ברען, האָט דאָך נאָך געטיאָכקעט אין האַרץ, טאָמער קערט זיך אום די רעאַקציע און איך האָב נאָך געדענקט פון ניינצעהן פינף דאָס וואָרעניש און דעם פאָרוואורף פון די על־טערע מענשען: „איהר צוציקעס מיט די פעינדלאך!" און ווי אַזוי געהט מען עס מקבל פּנים זיין אַזאַ אָנגעלעגטען גאַסט, ווי דר. בלאָנסקי, אָהן פעינדלאך?

האָב איך פאַרטראַכט צוויי פלענער אין פאַל פון אַ נויט, ד. ה. אויב די רעוואָלוציע פּאַלט דורך: 1) אָנשטאָט אַ פאָן האָב איך געמאַכט אַ גרויסען וויס־בלויען פלאַקאַט און די פאָן איבער־געלאָזט צו די רוסען און אוקראַאינער. 2) איך בין אַוועק צום מיראָוואָי סודיאַ (ריכטער), וועלכער איז געווען אַ פּראָקוראָר (אַטוירני דזשענעראַל) אין מאָסקווע, נאָר מחמת זיין קראַנקהייט (פּאַראַליטש), איז ער דערנידערט געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ ריכטער און קאָמאַנדירט צו אונז אין שטאָדט, און אים אַריינגע־נומען אין קבלת פּנים קאָמיטעט. טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, די רעוואָלוציע פּאַלט דורך און מ'וועט אונז איבערגעבען צום גע־ריכט, וועט ער שוין געפינען וועגען ווי אַזוי אונז פריי צו לאָזען. אגב־אורחא איז כדאי צו דערצעהלען ווי אַזוי איך בין געוואָרען אַזאַ גוטער ברודער מיט'ן ריכטער. צוויי יורידישע אויפטהור־עכצען כאָטש איך בין ניט געווען קיין אַדוואָקאַט און נאָך אַ יונגער

בחור דערצו איינע, וואָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿען פֿיעל רוהם און אַנערקענונג און די צווייטע וואָס האָט מיר אויך געשאַפֿען אַ נאָמען אָבער אין דערזעלבער צייט עגמת־נפש, האָבען מיך שטאַרק באַפריינדעט מיט'ן ריכטער, וועלכער איז געווען אַ שטיקעל ליי־בעראַל, כאָטש אַן אמת'ער פּאַניאַק און פּאַטריאָט

מיין זיידע איז געווען אַ בויער פון מיהלען, פשוט'ע ראָזע־ווע, ד. ה. צו מאַלען קאָרען פאַר ברויט. חוץ ער האָט זיך גענומען בויען אַזאַ מיהל ביי אונז אין שטאָדט, האָט ער געזעהן, אַז ער האָט גענוג וואַסער קראַפט אַוועקצושטעלען אַ גרויסע וואַל־צאָווע (צו מאַלען ווייץ־ווייס מעהל) מיהל. האָט ער צוגענומען שותפים, וועלכע האָבען איינגעלעגט מזומן פופצען טויזענט רובעל און ער האָט אויסגעבויט אַ מיהל פאַר לערך פופציג־זעכציג טויזענט רובעל (דאָס איבעריגע געוועהנליך אויף אויס־צוצאָהלען). פאַר די פופצעהן טויזענט רובעל האָט ער און נאָך צוויי זין אַרויסגעגעבען וועקסלען (נאָוטס), אויסגעשטעלט אויף צעהן יאָהר שפּעטער, טאָמער קען די הכנסה פון דער מיהל ניט אָפּצאָהלען זיי פריהער. אָבער די מיהל איז געווען אַזאַ ערפאָלג, אַז אין ערשטען יאָהר האָט זי אָפּגעצאָהלט אַלע חובות. ווענען איז עס געלעגען אין מוח ביי אַזוינע גוטע געשעפטען צוריקצומאָנען די וועקסלען? זיינען זיי געבליבען ביי די שותפים, וועלכע האָבען מיט יאָהרען שפּעטער דורך אַ שותפות־קריגעריי איינגעבען די וועקסלען אויף מיין פאָטער, וועלכער האָט איבערגענומען דאָס חלק פונ'ם זיידען און פון איינעם פון די ברידער, וועלכע זיינען געשטאָרבען, אַרויסגעקריגען אַן איספּאָל־ניטעלנעם ליסט און געלעגט אַן אַרעסט (אַטעטשמענט) אויף מיין פאָטער'ס חלק אין מיהל.

איך האָב דערציילט דעם ריכטער דעם גאַנצען אמת, אָבער ער האָט גאָרניט געקענט טאָן, ווייל געגען אַ וועקסעל איז ניט דער־לאָזבאַר קיין עדות. ער האָט מיר געגעבען אָנצוהערען, אַז ווען איך האָב עפּעס וואָס ניט איז אַ געשריבענע זאַך אין דעם ענין, וועט ער שוין קענען מאַכען אַ דיעלאָ (קייס) און צולאָזען עדות אויך.

איך האָב איבערגעטראַכט, אַז ער וויל אויספּרובירען מיין

אָרענטליכקייט מיט דער אָנצוהערעניש און איהם געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין געשריבענע דאָקומענטען, כאָטש ס'איז געווען אַמאָל אַ בריוו צו מיין פאָטער פונ'ם עלטערען ברודער (פון אַן אַנדער שטאָדט), אַז ער זאָל אָפּנעהמען די וועקסלען, אָבער איך וויס ניט, וואו דער בריעף איז אַהינגעקומען.

איבערגעטראַכט האָב איך אויסגעטראַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו מאַכען אַ דיעלאָ אָהן געשריבענע באַווייזען. אויף צומאָרגענס בין איך אַוועק צום ריכטער און איהם געזאָגט, אַז איך וויל ער זאָל אַרויסרופען בלויז די, אויף וועמענס נעמען די וועקסלען זיינען אויסגעפילט, און קיינע אַנדערע עדות, און דורך זיי אַליין, וועל איך באַווייזען, אַז די וועקסלען זיינען געווען איינגעלעגט ביי זיי בלויז אַלס פאַרזיכערונג אויב די מיהל וועט ניט אָפּצאָהלען דעם חוב און אַז זיי האָבען קיינמאָל קיין מזומן געלט ניט געגעבען דעם זיידען און דעם פעטער אין דער האַנט.

דער ריכטער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיין פאָרשלאַג, ווייל זיי וועלען אַליין דאָך ניט דערצעהלען דעם אמת. אָבער איך בין באַשטאַנען אויף מיינעם, אַז איך וועל זיי אַזוי פאַר־דרעהען, אַז זיי וועלען מוזען דערצעהלען דעם אמת, און ער האָט מיר צוליב געטאָן.

ער האָט זיי אַרויסגעשיקט פּאָוויעסטקעס (סופּינאָס) און זיי זיינען ניט געקומען. איז ער שוין געוואָרען אין כעס און זיי גע־שיקט אַנדערע פּאָוויעסטקעס (סופּינאָס) און באַפוילען, אַז אויב זיי וועלען ניט קומען, וועט ער זיי ברייגנען מיט'ן עטאַפּ.

די גאַנצע שטאָדט האָט אָנגעפּאַקט דעם געריכט־זאַל און מ'איז געשטאַנען אַרום די פענסטער צו זעהן און הערען ווי אַזוי איך וועל בטל מאַכען וועקסלען אָהן געשריבענע דאָקומענטען, אָהן עדות, בלויז פון דעם עדות זאָגען פון די, וואָס באַזיצען די וועקסלען, איבערהויפּט ווען יענער צד האָט געהאַט אַ פאַרזיכע־רונג פון באַוואוסטע אַדוואָקאַטען, אַז געגען וועקסלען קען מען גאָר ניט טאָן און געקומען אין געריכט מיט אַ גראָבען סוואָד־זאַקאָנאָוו (שולחן־ערוך), דאָס צו באַווייזען און פאָדערען אַרויס־צעוואַרפען די „דיעלאָ".

אויף זייער אויפפאָדערונג אַרויסצעוואַרפען די דיעלאָ, האָב

איך געענטפערט, אַז איך וועל ניט רופען קיינע עדות, בלויז אויספרעגען זיי אַליין, דריי זקנים מיט ווייסע, לאַנגע בערד.

איך האָב צוויי פון זיי אַרויסגעשיקט פון חדר און דעם על־טערען אַ פרעג געטהאָן: — „זאָג נאָר, ווּעמען האָסטו געגעבען דאָס געלט? דעם אַלטען חכם, דעם זיידען הייסט עס, צי ראובן חכם" (דעם עלטסטען זוהן)? מיר איז ניט געווען קיין חילוק, וואָס ער וועט ענטפערען. נאָכהער — „וואו האָסטו געגעבען דאָס געלט? אין קאָמענעץ בשעת שרייבען דעם קאָנטראַקט, צי אין סמאָטריטש"? (דאָס וואוין־אָרט פון מיינע אייגענע). ווייטער קיין חילוק ניט פאַר מיר, וואָס ער וועט ענטפערען. איך האָב דער־נאָך אַריינגערופען דעם צווייטען עדות:

— „ווּעמען האָסטו געגעבען דאָס געלט? ראובן חכם, צי וועלוועל חכם (דער פאַרשטאָרבענער ברודער)?

קיין חילוק, וואָס ער וועט ענטפערען.

— „און וואו האָסטו געגעבען דאָס געלט? אין קופין (זייער וואוין־אָרט), צי אין סמאָטריטש" (אונזער וואוין־אָרט)?

אַריינגערופען דעם דריטען עדות — „ווּעמען האָסטו געגעבען דאָס געלט? דעם אַלטען חכם, צי וועלוועל חכם? און וואו האָסטו געגעבען דאָס געלט? אין קאָמענעץ, צי אין קופין"?

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יעדער האָט אָנגעגעבען אַן אַנדער שטאָדט און אַן אַנדער נאָמען.

דער ריכטער האָט מיר תיכף אַרויסגעגעבען אַן אָרדער אַרונ־טערצונעמען דעם אַרעסט און ערקלערט די וועקסלען בטל.

אַן אַנדער פאַל:

די ציוניסטען האָבען זיך צושלאָגען אין דער טשאַרטקאָווער קלויז מיט די חסידים. די לעצטע האָבען זיי אָנגעקלאָגט צום ריכטער און ס'האָט זיי געדראָהעט דריי חדשים טורמע.

איך בין אַוועק אין קלויז און ערקלעהרט די חסידים, אַז אויך זיי וועלען קריגען צו דריי חדשים, ווייל אַ געשלעג אין מיטען דאַוונען נעהמט אַריין אויך די געשלאָגענע.

הכלל, איך האָב געמאַכט שלום און אָפּגערעדט, אַז מ'זאָל זאָגען, אַז דאָס געשלעג איז געווען נאָכ'ן דאַוונען.

דער ערשטער עדות, אַ איד אַ למדן, יאַנקעל גלאַנץ, אויס־

געזעהן ווי אַ רבי'לע, האָט גלייך פון אָנפאַנג אַ זאָג געטאָן: „עטאָ בילאָ פּאָסליע מאָליטווי" (דאָס איז געווען נאָכ'ן דאַוונען) און נאָך געגעבען אַ דרעה מיט'ן גראָבען פינגער, ווי אַ קינדביים ערשטען חומש־פאַרהער, באַטאָנענדיג דעם „פּאָסליע". און אַזוי איציק ברוך'ס, בערל לייבעלע'ס און די איבעריגע.

דאָס ליגען זאָגען פון עדות־קלעגער איז געווען בולט. דער ריכטער האָט מיר געגעבען אַ וואונק און איך בין אַריין צו איהם אין צימער.

— „נו? — פרעגט ער מיך — פרומע אידען און זאָגען פאַלש עדות".

„פּעדאָט דאַ ניע טאָט" — זאָג איך איהם (טאַקע אַזוי און דאָך ניט אַזוי). אַז מען האָט זיך באַדאַרפט שלאָגען, האָט מען דאָך באַדאַרפט אויסטאָן די טליתים, הייסט עס, אַז דאָס דאַוונען האָט זיך געענדיגט, און אַ קלויז איז ניט אַ סינאַגאָגע, ד. ה. ניט הייליג".

די דיעלאָ (קייס) איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען.

.15

# אַ סאָציאַליסט באַווייזט כוליגאַניזם און אַ סאָציאַליסטקע ווערט דערפאַר אַ ציוניסטקע

אַזוי ווי עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט צו אונז אין שטאָדט אַ שגץ — אַ סעמינאַריסט, אַ סאָציאַליסט און אָנגעהויבען פּרעדיגען סאָציאַליזם און זיך ראַשען מיט דער רעוואָלוציע. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די מייד־לאך האָבען אָנגעהויבען צו קלעפּען אַרום אים, ראשית ווייל עס איז סתם געווען אַ מנהג, אַז מיידלאך האָבען געקלעפּט אַרום אַ פרעמדען בחור, (און בשעת אַזאַ רעוואָלוציע אויסברוך איז דאָך אַ שגץ אויך אַ בחור), און שנית איז ער טאַקע געווען אי אַ שעה־נער, אין אַ שעהן רעדנער און ראַדיקאַלעכץ איז דאָך געוואָרען די לעצטע מאָדע. איך האָב עפּעס ניט געהאַט קיין צוטרויען צו

דעם שגץ. ווייל איך האָב בכלל ניט געדולדעט די גוי'אישע גייסטליכע און ער איז דאָך געווען אַ סעמינאַריסט, ד. ה. געלע־רענט אויף גלח, און כמעט אַלע גלחים זיינען געווען אַנטיסעמי־טען, ספּעציעל די אוקראַאינישע, און ער איז געווען איין הונדערט פּראָצענטיגער אוקראַאינעץ — סאַמאָסטינעץ, ד. ה. פאַר אַ באַ־זונדערע אוקראַאינישע מלוכה.

באַזונדערס האָט מיך פאַרדראָסען אויף איהם, וואָס ער האָט מיר קאַליע געמאַכט מיין אַרבעט אין מיטען דערינען, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעהויבען אַריבערצופיהרען איין אַמעריקאַנער מיי־דעל (וואָס איז געקומען פון אַמעריקע און פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער מלחמה און אָנגעקומען צו אונז אין שטאָדט מיט די אַנטלאָ־פענע) פון סאָציאַליזם צום ציוניזם.

זי איז געווען אַזאַ פאַרברענטע סאָציאַליסטקע, (זי איז געווען די ערשטע צו אָרגאַניזירען די וועסט־מאַכערינס אין ניו יאָרק) אַז ווען איהר פאָטער איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק און זי איז דורכגעגאַנגען מיט איהם דורכ'ן „פאָרווערטס בילדינג", האָט זי איהם געזאָגט: „זעהסט, פּאַפּאַ, דאָס איז אונזער בילדינג". דער פאָטער איז ניט קיין נאַרישער איד, האָט ער זי גלייך גע־פרעגט: „אפשר וועט מען אונז דערוויילע אָפּגעבען אַ צימער אין אייער בילדינג?"

נו, פאַרשטעהט איהר דאָך שוין, וואָס פאַר איין אַרבעט איך האָב געהאַט אַזאַ מיידעל אַריבערצופיהרען פון סאָציאַליזם צום ציוניזם. בפרט, אַז עס איז ערשינען דער סאָציאַליסטישער משיח אין דער פאָרם פון דער רעוואָלוציע. און דאָ איז נאָך צוגעקומען אַזאַ שלאַק, אַ סעמינאַריסט — אַ סאָציאַליסט, צימבאַליוק. מיין מיינונג, אַז אפילו אַזאַ טיפּ קען זיין אַן אַנטיסעמיט איז באַטראַכט געוואָרען אַלס אַלטמאָדיש, אָפּגעשטאַנען און רעאַקציאָנעריש. איך האָב אָבער אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז ער איז נישט דאָס, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאַר, אָבער באַווייזען עס האָב איך ניט גע־קענט, ביז ס'איז געקומען דער קבלת פּנים פאַר דר. בלאָנסקי.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָב איהם געלאָזט געהן מיט דער אוקראַאינישער פאָהן אין פאָראויס און זיינע גוים נאָך איהם.

די אידען (חוץ דער דעלעגאַציע) זיינען געגאַנגען צום סוף מיט'ן בלוי־ווייסען פלאַקאַרט.

מיר זיינען געגאַנגען מקבל־פנים זיין דר. בלאָנסקי צו דער בריק, צו וועלכער עס האָט געפיהרט אַ טאָל־וועג און בייביידע זייטען, אויף בערג, צוויי רייהעס דירות . . . די בערג זיינען געווען באַזעצט מיט מענשען־קוקערס אויפ'ן פּאַראַד, און דער טאָל־וועג, וועלכער האָט זיך געצויגען אויף אַ לענג, פון אַ צוויי־דריי גאַסען (בלאָק), איז געווען אָנגעפילט מיט די מאַרשירער.

נאָכדעם ווי די דעלעגאַציע האָט אויפגענומען דר. בלאָנסקי ביי דער בריק, און ער האָט זיך געוועהנליך צוקושט פריהער מיט די אידען, זיינע אַלטע פריינט, (אַ זאַך וואָס האָט אפשר אַרויסגע־רופען אייפערזוכט), האָט זיך די דעלעגאַציע קוים דורכגעשלאָגען צו דעם צווייטען עק פון די מאַרשירער, ד. ה. צום הינטערגרונט, און די אַלע מאַרשירער האָבען זיך בלויז אומגעקעהרט מיט די פּנים'ער צוריקצו־וועגס, אַזוי, אַז די טרעגער פונ'ם אידישען פלאַקאַרט, וואָס זיינען געגאַנגען אַהינצו פון הינטען זיינען איצט אויסגעקומען אין פראָנט. נאָך איידער מיר האָבען באַוויזען צו צוקומען מיט דר. בלאָנסקי נאָהענט צו אונזער פלאַקאַרט, האָט זיך דער סעמינאַריסט - סאָציאַליסט, מיט דער אוקראַאינישער פאָהן זיך געטאָהן אַ רייס דורך מיט זיין פאָהן אונטער אונזער פלאַקאַרט, מיט אַזאַ רציחה, וואָס זיין פאָהן איז אויסגעקומען הינטער אונזער פלאַקאַרט, אַז ער האָט אַזש אונזער פלאַקאַרט צו־ריסען און אַרויס מיט זיין פאָהן אין דער פראָנט צו זיין אויך דאָ דער ערשטער. די אָפענע אַנטיסעמיטישע רציחה, וואָס איז ניט געווען באַרעכטיגט, ווייל מיר זיינען דאָך ניט שולדיג געווען, וואָס אונזער פלאַקאַרט איז אויסגעקומען אין פראָנט, ווייל דער עולם האָט זיך ניט געקענט אויסדרעהען צוליב דער ענגשאַפט, האָט אַביסעל אָפּגעקיהלט דאָס רעוואָלוציאָנערישקייט פון די מיידלאך בכלל און פון דער אַמעריקאַנערין בפרט.

און נאָך דער געשיכטע איז מיר שוין ניט געווען שווער צו באַקעהערען די אַמעריקאַנערין צום ציוניזם.

זייענדיג אויפגערעגט פון דעם גראָביאַנסקי טהאַט און וואָס

מיר זיינען געבליבען אָהן אַ צייכען פון רעוואָלוציאָנערישקייט מחמת דעם צעריסענעם פּלאַקאַרט, האָב איך שוין פאַרגעסען אין ריכטער, דורך וועלכען איך האָב בדעה געהאַט דורכצופיהרען די מאַרשירער, כדי איהם צו פאַרשאַפען נחת־רוח, און האָב געפיהרט די מאַרשירער גלייך אין וואָלאָסט אַריין . . . (גמינע), פון וואַנען דער עולם איז זיך צוגאַנגען.

דער ריכטער איז געווען אויסער זיך פון צער, וואָס איך האָב ניט דורכגעפיהרט דורך איהם די פּראָצעסיע, ער זאָל זי קענען זעהן. „ווען טרעפט זיך אַזאַ פאַל?" — האָט ער געהאַט טענות צו מיר. און אַז ער האָט שוין יאָ דערלעבט די רעוואָלוציע און ס'איז פאַרגעקומען אַזאַ גראַנדיעזע פּראָצעסיע, אָנגעפיהרט פון זיינע פריינד, זאָל ער פאַרלירען די געלעגענהייט זי צו זעהן מיט זיינע אויגען.

די טענה איז געווען אַ גערעכטע און איך האָב איהם געמוזט דערצעהלען דעם אמת, אַז איך בין שוין געווען צופרידען וואָס גיכער פּטור צו ווערען פון דער פּראָצעסיע אין מיין פליכט דורכ־צופיהרען די פּראָצעסיע דורך איהם.

איז כאָטש ער האָט זיך געקאָכט, וואָס ער האָט פאַרלוירען אַזאַ היסטאָרישע געלעגענהייט, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען מיין פאַר־לעגענהייט און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל עס געדענקען, אַז ווען מען טהוט אַ קראַץ אַן אוקראַאינער, אַפילו אַ סאָציאַליסט, שפּרינגט אַרויס אַ כמעלניצקי.

מיר האָבען דעריבער שוין בכלל געקראָגען אַ חשד אויף זיין רעוואָלוציאָנערישקייט און באַשלאָסען זיך צו דערווייטערען פון איהם, טאָמער איז ער אַ פּראָוואָקאַטאָר, און איך האָב צוגעזאָגט דעם ריכטער, אַז איך וועל זעהן צוביסלאַך איהם דערווייטערען פון אירגענד וועלכער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וואָס עס וועט אונז אויסקומען צו טהאָן. דער ריכטער, דער גוי, האָט באַלד תופס געווען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט אַן אַנטיסעמיט. ניט אַזוי גרינג איז מיר אָבער אָנגעקומען איינצושטודירען דעם געדאַנק מיט די רעוואָלוציאָנערע בחורים, בפרט מיט די מיידלאַך.

אָבער איך האָב אים צוביסלאַך דערוויטערט און קיין טעות ניט געמאַכט. אין פעטליוראַ'ס צייטען איז ער געוואָרען אַן אָנפיה־רער פון אַ באַנדע, וואָס ער אַליין האָט אָרגאַניזירט און געדראָהעט אונזער שטאָדט מיט פאַרניכטונג.

.16

# די ערשטע קרבנות פון דער סלאָבאָדע

אונזער שמחה מיט דער רעוואָלוציע, מיט דער פרייהייט (סלאָבאָדאַ, אין פשוט'ן גוי'איש) איז באַלד פאַרשטערט געוואָרען דורך צוויי אידישע קרבנות אין אַ נאָהענטען, צו אונז, דאָרף. די גויים, ווערענדיג באַפרייט פון דעם יאָך און נויט, אונטער וועלכען זיי האָבען זיך געפונען פאַר הונדערטער יאָהר, האָבען אויסגעטייטשט די סלאָבאָדא (פרייהייט) אַלס אַ מין הפקרות־צושטאַנד, וואָס, איש כל הישר בעיניו יעשה (יעדער קען טהאָן, וואָס ער וויל). אַ דערדריקענדען איינדרוק האָט געשאַפען די ידיעה, אַז משה קאָרענבליט, צי משה קאַבאַן, ווי מען האָט איהם גערופען, ווייל ער איז געווען געזונט, ווי אַ ריז, האָט מען דער־הרג'עט אויף אַ שוידערליכען אופן. די גויים פון דאָרף האָבען איהם אויסגעשטאָכען די אויגען מיט אַ גראַבליע (אַ גאָפּעל, וואָס מען שטעכט אָן אויף איהם סנאָפּעס) און איהם געצוואונגען צו לויפען פאַר זיין פרוי און קינדער אין די אויגען, און איהם אַזוי צוביסלאַך גע'ממית'ט, ביז זיי האָבען איהם דער'הרג'עט. נאָכהער האָבען זיי דער'הרג'עט זיינעם אַ שוואָגער אויך.

און דאָס אַלץ דורך אַ צופאַל פון אַ רעוואָלווער־שאָס. כאָטש דער גוי, וואָס דער שאָס האָט איהם געטראָפען און פאַרוואונדעט, האָט געטענה'ט, אַז זיי זיינען ניט שולדיג. אַז ס'איז געוואָרען פרייהייט, האָט שוין יעדער בחור'עץ זיך אַרומגעשפּילט מיט אַ רעוואָלווער. אַזוי האָט איינער פון די יאַקרייסים (יקרות, אַ צונאָמען אַזעלכער) זיך אויך אַרומגעשפּילט מיט אַ רעוואָלווער, אויסגעשאָסען און פאַרוואונדעט אַ גוי. דער בחור האָט זיך

דערשראָקען און זיך באַהאַלטען, האָבען די גויים גענומען זיין שוואָגער און איהם אַזוי דער׳הרג׳עט און נאָכהער אויך דעם בחור. די ידיעה האָט אַריינגעוואָרפען אונזער שטאָדט אין אַ קאָשמאַר־צושטאַנד. ראשית, ווייל ער איז געווען פון אונזער שטאָדט, און שנית, ווייל ער איז געווען זעהר אַ חשוב׳ער איינוואוינער פון דעם דאָרף און, אַז מען האָט געקענט זיך באַגעהן מיט אַזאַ רציחה מיט אַן אייגענעם מענשען, וואָס זשע קען שוין טרעפען, ווען אַזוינע ווילדע רוצחים זאָלען זיך אַריינרייסען אין אַ שטאָדט צו מאַכען אַ פּאָגראָם. און די פּאָגראָמען פון ניינצעהן דריי — ניינצעהן פינף פון יענער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, זיינען נאָך געווען פריש אין אונזער זכרון און געשטאַנען בולט פאַר אונזערע אויגען.

דאָס נקמה־געפיהל האָט געברענט אין מיר און איך האָב געקלעהרט צו אָרגאַניזירען אַ גרופּע חברים אַרויסצופאָהרען און אונטערצוצינדען דאָס דאָרף פון אַלע זייטען, אָבער איך האָב זיך באַרעכענט, אַז צוריקגעהאַלטענקייט איז מעהר שכל׳דיג אין אַזאַ צושטאַנד.

דער פאָטער פון דעם בחור, נחמן יקרות, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק דורכגעפאָהרען דורך ניו יאָרק (קיין טעקסאַס), האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט יאָ גענומען נקמה אין דעם דאָרף. בשעת די פּאָליאַקען זיינען אַריין צו אונז אין פּעטליוראַ׳ס צייטען, האָט ער דערצעהלט איינציגע פּוילישע אָפיצירען די געשיכטע מיט אַ צוגאָב פון אַ פּאָר טויזענט רובעל און זיי זיינען אַוועק אין דעם דאָרף, אַרעסטירט עטליכע צעהנדליג גויים, וועלכע האָבען אָנטייל גענומען אין דער הריגה, זיי אַוועקגעפיהרט און מ׳האָט ניט געוואוסט, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

די הריגה פון די צוויי אידען איז אָבער ניט געווען קיין פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם. ס׳איז בלויז געווען אַ פראַגע פון פרייגעלאַזטער ווילדקייט, ווייל ניט נאָר אידען זיינען די צעיושעטע גויים געווען גרייט צו הרג׳ענען, נאָר אויך זייערע אייגענע גייסטליכע. עס זיינען אַריינגעקומען צו אונז אין הויז איינציגע, דוקא אָנגעזעהענע, בעלי בתים, סיי שטאָדטישע (מעשטשאַנעס), סיי פון די אָרומיגע דערפער און, שמועסענדיג אַזוי וועגען דער

סלאָבאָדע, האָבען זיי געזאָגט, אַזוי זיך מיט אַ גרינג לעבער'ל, אַז זיי האָבען גערופען אַ סכאָד (אַ פאַרזאַמלונג) אין וואָלאָסט (גמינע־הויז) און זיי געהען אַהינצו איינלאַדען דעם גלח פון אונזער שטאָדט צום סכאָד און זיי וועלען איהם דאָרט דער־הרג'ענען.

וויסענדיג, אַז אידען האָבען פיינט גלחים, האָבען זיי געמיינט, אַז מיר וועלען זיין צופרידען און עס וועט אונז הנאה־טהאָן דאָס שטיקעל אַרבעט, וואָס זיי קלויבען זיך צו טהאָן.

דער גלח איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן אין די אַכציגער און אַ וואוילער גוי דערצו, און ער האָט אַלע מאָל, בשעת צורו־דערנישען און פאָגראָם־שטימונגען, געוואָרענט זיינע צאַן־קדשים ניט צו דערוועגען זיך עפּעס טהאָן שלעכטס צו אידען און אַלע מאָל פאַרהיט אונזער שטאָדט פון צרות.

איך האָב אַ וואונק געטהאָן צו מיין פאָטער, ער זאָל האַלטען די ערלים אין פאַרצויגענעם שמועס, און איך האָב זיך אַרויסגע־שאַרט, אַוועק צום גלח, איהם דערצעהלט די געשיכטע און איהם געוואָרענט, ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו געהן צום סכאָד (פאַר־זאַמלונג) און ער זאָל זיך בעסער אויסבאַהאַלטען פאַר אַ שטיקעל צייט.

דער גלח האָט מיר זעהר געדאַנקט און טאַקע גלייך אַוועק פון זיין הויז זיך באַהאַלטען. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָט נאָך מיין פאָטער אָנגעהאַלטען דעם שמועס מיט די ערלים.

איך האָב נאָך געפּרוּאווט זיי אויפקלעהערען די ניט ריכ־טיגקייט פון אַזאַ טהאָט, ספּעציעל געגען אַזאַ גלח, אַן אַלטען מאַן און אַ פיינעם מאַן, אָבער זיי האָבען גאָר ניט געקענט פאַרשטעהן, פאַר וואָס איך זאָל גאָר וועלען פאַרטיידיגען אַ גלח.

אָבער באַלד האָט זיך דערפיהלט דער דוך פראַוויטעלסטוואָ (גייסט פון רעגירונג), אַז פרייהייט מיינט טאַקע פרייהייט און ניט קיין הפקרות, און אַז אַלע זיינען גלייכע מיוחסים, און ס'האָט זיך צעטראָגען אַ גייסט פון חבר'שאַפט און ברודערשאַפט איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון רוסלאַנד און ס'האָט זיך טאַקע איינגעשטעלט אַן אמת'ע פרייהייט און אַן איבערפלוס פון גוטס־

קייט און גוט־ברודערשאַפט האָט זיך געפּיהלט אויף טריט און שריט.

מיר, אידען, האָבען ערשט איצט אָנגעהויבען דערפּיהלען דעם טעם, וואָס ס׳מיינט אַן אָרענטליכע רעגירונג און אַ פריי לאַנד.

אפילו עלטערע מענשען, וואָס האָבען נאָך אַלץ געמיינט, אַז קייסער איז קייסער און אָהן אַ קייסער איז גאָר ניט געמאָלט קיין אָרדענונג און קיין מעגליכקייט צו לעבען רוהיג, האָבען אויך געמוזט מסכים זיין, אַז די פריהייט, פאַר וועלכער מיר, צוציקעס, האָבען שטענדיג געאַרבייט, איינשטעלענדיג דאָס לעבען, איז טאַקע ניט קיין שלעכטע זאַך, אַבי ס׳זאָל נאָר ניט פאַרשטערט ווערען.

די אַלטע ניקאָלאַיעווסקי פּריסטאַווס און אוריאַדניקעס זיי־נען נאָך אַלץ געבליבען אויף זייערע ערטער (כאָטש מיט אַ פּנים פון אָפּגעשלאָגענע הושענות), ווייל צו די קלענערע שטעדט האָט זיך די פריהייט־ידיעה דערטראָגען שפּעטער, ווי צו די גרויסע, און דאָס איז נאָך געווען עפּעס אַ שטיקעל דיסהאַרמאָניע, אָבער אין גיכען איז אויך צו דעם געקומען אַ סוף.

.17

## אברהמ׳צי מיליציאָנער

עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו דערטראָגען קלאַנגען צו אונז, אַז אין אַנדערע שטעדט האָט מען שוין אָפּגעשאַפט די סאָטסקעס, סטראַזשניקעס (פּאָליציי־לייט), אוריאַדניקעס (שעפּס איבער די סטראַזשניקעס) א. ד. גל., און אויף זייער אָרט אָרגאַניזירט מען מיליציעס. אין איין שעהנעם אין דער פריה שטעהען מיר אַזוי אַ גאַנץ רעדעל מיט אידען אין מיטען מאַרק און מ׳קאָכט זיך מיט דער רעוואָלוציע און מיט דער פריהייט און מיט די קלאַנגען וועגען די ארונטערגעזעצטע פּאָליציי־לייט.

פלוצים קומט אָן דער פּריסטאַוו, אַ גוי אַ געזונטער, כמעט אַ זיבען־פוסיגער, אַ ברייט־ביינעגער, אַ ריעז. און אַזוי ווי דער פּריסטאַוו געהט זיך אַזוי נאָך אַלץ מיט זיין פּאָנישער גדלות,

רוקט זיך ארויס פון אונזער רעדעל אברהמ'צי חיים סטאָליערס, אַ קליין, דאַר יונגערמאַנטשיקעל, א קוצעפּינדריק'ל, אַ מין גרוגרת דרבי צדוק, בלייך ווי אַ טשוכאָטניק (שווינדזיכטיגער), אויסקוקענדיג געגען פּריסטאַוו ווי דוד געגען גלית'ן, לויפט צו גלייך צום פּריסטאַוו, טהוט אַ כאַפּ זיין שווערד און רייסט זי אָפּ פון איהם און טהוט זי אָן אויף זיך. דער פּריסטאַוו האָט אָפּ־געווישט די ליפּען און זיך אָפּגעטראָגען און אברהמ'צי איז גע־בליבען שטעהן אין מיטען מאַרק, אָנגעטאָן מיט דער שווערד, וועלכע האָט זיך אינגאנצען נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד און געמאַכט איהם אויסקוקען ווי אַ פּאַרזעהעניש.

די העזה אָבער און דער מוט, וואָס ער האָט ארויסגעוויזען, ארונטעררייסענדיג די שווערד פון פּריסטאַוו אָהן אפילו אַ וואָרט ארויסרעדענדיג צו איהם, האָט איהם גלייך דערהויבען אין די אויגען פון אַלעמען און איהם געקרוינט אַלס העלד מיט אַ נאָמען, וואָס איז איהם פאַרבליבען עד היום הזה: אברהמ'צי מילי־ציאָנער.

קומענדיג צו זיך פון דעם איבערראַשענדען טהאַט, האָבען שוין אידען אָנגעהויבען צו חקירה'נען: אפשר איז דאָס געווען אַן עוולה? סטייטש? אַ איד זאָל גאָר געהן און טהאָן אַזאַ זאַך? מ'האָט נאָך אַלץ געציטערט פאַר'ן קייסער'ס שאָטען, טאָמער, ווי די זאַך מאַכט זיך? אָבער דאָס שווייגען פון פּריסטאַוו און דאָס שנעלע אָפּטראָגען זיך זיינס איז געווען דער בעסטער באַ־וויז, אַז מ'האָט שוין ניט וואָס מורא צו האָבען, ווייל זיי, די פּאָניעס, ווייסען דאָך זיכער, וואו זיי האַלטען אין דער וועלט, און אַז זיי האָבען אַזוי מורא און לאָזען זיך אזוי באהאנדלען, איז אַ סימן, אַז זייער סוף איז שוין געקומען אויף אַן אמת. מיר האָבען באַלד זיך גענומען אָרגאַניזירען אַ שטאָדט־מיליציע און דער אוריאַדניק מיט די סטראַזשניקעס זיינען געבליבען ווי אָפּגעשמיסענע. אברהמ'צי איז געוועהנליך געוואָרען דער העלד פון דער שטאָדט. וואו מ'איז געגאַנגען און וואו מ'איז געשטאנען האָט מען רק גערעדט פון אברהמ'צי מיליציאָנער. פון איין זייט, האָט מען זיך באצויגען צו איהם מיט באוואונדערונג און, פון דער צווייטער זייט — מיט ביטול און געלעכטער. ווער

ס'איז דאָס, מישטיינס געזאָגט, געוואָרען דער שומר פון אָרדע־נונג! ווייל כאָטש ס'איז שוין אָרגאַניזירט געוואָרען אַ שטאָד־טישע מיליציע מיט פּאַסענדע חברה, האָט מען זיך דאָך נאָך אַלץ ניט געקענט באַפרייען פון'ם ערשטען איינדרוק און אברהמ'צי'ס גייסט האָט נאָך אַלץ געשוועבט אין דער לופטען און מ'האָט זיך פון איהם ניט געקענט באַפרייען. בלויז דער אָנבליק זיינער האָט ארויסגערופען לעכערליכקייט און חוזק־באַציאונג, כאָטש מ'האָט נאָך אַלץ באַוואונדערט זיין טהאַט, דאָס אַראָפּרייסען די שווערד.

און ניט נאָר אַ מיליציע האָבען מיר אָרגאַניזירט. באַלד האָבען זיך געיאָוועט אַ פּאָר שקצים, סאָלדאַטען צו אָפּיצירען, און פאָרגעשלאָגען צו גרינדען אַ רעוואָלוציאָנערע מיליטער־אָפּ־טיילונג און זיי וועלען זיין די לעהרער. איז, ראשית, ווער האָט עס געקענט וואָגען אָפּזאָגען אַזאַ רעוואָלוציאָנערען פאָרשלאַג? און שנית איז עס טאַקע געווען אַן ענין, וואָס האָט געלאָקט. איין קלייניגקייט! עפּעס שפּילען זיך אין סאָלדאַטלאַך מיט טשי־נען (טיטולען), ווי אונטערפּראָפּאָרשטשיקעס, פּראָפּאָרשטשיקעס א. ד. גל., מיליטערישע טשינען.

יונגוואַרג פאַר אַזאַ עסק איז ניט געווען שווער צו קריגען, בפרט אַז אַלע מיידלאַך פון דער שטאָדט זיינען געגאַנגען זעהן, ווי מ'מאַרשירט און מ'מאַכט פאַרשידענע איבונגען. און ניט נאָר מיידלאַך, קינד און קייט זיינען געגאַנגען, אַלט און יונג, פרויען און מיידלאַך. ס'איז געווען ליהודים.

און פּונקט ווי אין ניקאָלאַי'ס צייטען האָבען אידען אָנגע־נומען אַלע מיטלען זיך ארויסצודרעהען פון מיליטער־דינסט, האָ־בען זיי איצט געקלעהרט וועגען אַ געלעגענהייט צו ערפילען די בירגער־פליכט צו דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, און די גע־לעגענהייט האָט ניט פאַרזאַמט. קערענסקי האָט טאַקע באַלד גערופען אַ מאָביליזאַציע ביז פינף און פערציג יאָהר.

נו, נו! האָבען זיך עס עפּעס אַ לאָז געטאָן אידען פון אַלע עקען. אידען אָהן בערד און אידען מיט בערד. מ'איז געלאָפען ווי צו אַ חתונה. די מיליטערישע בעאַמטע, וואָס זיינען ס'רוב געבליבען פון ניקאָלאַי'ס צייטען, האָבען זיך גאָר ניט געקענט אָפּלויבען דעם פּאַטריאָטיזם פון די אידען און ניט געקענט

תופס זיין, ווי אַזוי די אידען זיינען פלוצים פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען פון טרוסען (פּהדנים) אין וואַגער און אויפגעהערט מורא האָבען פאַר מיליטער־דינסט.

זיי האָבען נאָך געדענקט די ניט־לאַנג פאַרגאַנגענע פאָניעס צייטען, ווען אידען זיינען געקומען פאַרקריפּעלטע, צעשעדיגטע, אַבי ניט צו דאַרפען געהן אין מיליטער. די ליבעראַלערע פון זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז אידען קענען ניט האָבען קיין אינ־טערעס צו געהן אָוועקגעבען דאָס לעבען פאַר אַ לאַנד, וואָס גיט זיי ניט קיין בירגער־רעכט און מאַכט נאָך פּאָגראָמען אויף זיי, אָבער די אַנטיסעמיטען פלעגען זיך באַציהען מיט ביטול און מיט חוזק און זיך וויצלען איבער די אידען און זייערע חסרונות. אַז ס'איז נאָר אריינגעקומען אַ איד, האָט שוין באַלד איינער אַ געשריי געטאָן „אַנוקאַ, זאַסוויסטי!״ (אַ נו, טהו נאָר אַ בלאָז!), ווייל פילע אידען פלעגען זיך מאַכען „אויערען״, ד. ה. זיך געלעכערט דעם אויערען־באַראַבאַן (הייטעל) דורך אריינלאָזען טראָפּענס אַלין (אַ מין שאַרפער מאַטעריאל ווי קאַרבאָל). אַנדערע האָבען זיך איינגעשניטען אַן אָדער אין אָרעם, צוזאַמענגעבונדען די האַנט ווי אַ דליד און אַזוי געלאָזט זי פאַרוואַקסען. אַנדערע האָבען זיך געמאַכט באַנדורעס־געבריכען. ס'זיינען געווען ערטער, וואָס האָבען גע'שמ'ט מיט זייערע באַנדורע־מאַכער. למשל, באַר־דיטשעווער באַנדורעס זיינען געווען אַ שם־דבר. ווער שמועסט באַלטער זיינען געווען גאָר אַי, אַי, אַי.

פילע זיינען פלוצים געוואָרען וואַלד־מענשען און די צווייגען האָבען זיי „צופעליג״ אויסגעשטאָכען אַן אויג. און דאָס האָט גאָר געטאָן דער שטאָדט־רופא, וועלכער האָט מיט אַ פשוט'ער נאָדעל אויסגעשטאָכען דאָס שוואַרצאַפּעל. פילע האָבען געקראָגען די געלזוכט, געוואָרען געל ווי וואַקס (דורך אַ פּראָשעק אַזאַ), און פילע האָבען געהאַט די כרכשתא (ארויספאַלעכץ פון אונטער־לייב). דאָס איז שוין גאָר געווען אַ זאַך צום לאַכען. אָט איז געשטאַנען איינער און אַ מאַך געטאָן: „הם!״ און אַ זאָג געטאָן: „אָט האָב איך עס!״, ד. ה. ער האָט שוין דאָס אונטערלייב אין די תחתונים. דאָס איז געווען אַ רעפּעטיציע אַזאַ. און נאָך

פאַרשידענע מינים אויפטהועכצער, אַזוי אַז קיין איד אַזעלכער האָט ניט געקענט צוגענומען ווערען אין מיליטער.

אָבער איצט זיצען די זעלבע אַנטיסעמיטען, און אידען קומען און מעלדען גאָרניט קיין חסרונות, אפילו ווען זיי האָבען אַזעלכע פון פריהער, און בעטען זיך גאָר מ'זאָל זיי נעהמען אין מיליטער. אידען האָבען דעמאָלט געגעבען אַ גרעסערען פראָצענט סאָל־דאַטען פון די גויים. דאָס האָט שוין איבערצייגט אפילו די אַנטיסעמיטען, אַז די כלומרשטע אידישע פחדנות איז געווען אַ רעזולטאַט פון ניקאָלאַי'ס באַגרעניצונגס־פּאָליטיק, וואָס האָט די אידען אַזוי פאַרביטערט געגען איהם.

.18

# איך דערקען ברוסילאָוו'ס פאַלשקייט און די סאָלדאַטסקע שנאה

איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז קערענסקי און אַלבערט טהאָמאַ, אַ פראַנצויזישער מיניסטער, צי אַ פאָרשטעהער, פון פראַנקרייך, קומען צו פאָהרען קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק צו רעדען צו דער אַרמיי, איידער זי וועט אונטערנעהמען אַ נייע אָפענסיווע אויפ'ן גאַליצישען פראָנט. קאַמענעץ איז בלויז אַ דרייסיג ווערסט (קילאָמעטער) פון אונזער שטאָדט און איז די גובערניאַלע שטאָדט און איך בין דאָרט געווען אַן אָפטער גאַסט. זעלבסטפאַרשטענד־ליך, אַז איך האָב ניט דורכגעלאָזט די געלעגענהייט צו הערען קערענסקי'ן און טהאָמאַ'ן. עד היום קלינגט מיר נאָך אין די אויערען טהאָמאַ'ס וואונדערבאַרע פראַנצויזישע רעדע. קערענסקי איז אויך געווען אַ וואונדערבאַרער רעדנער פונ'ם טיפּ אַקטיאָרען־רעדנער, און ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז יעדעס וואָרט איז מיר געפעלען געוואָרען און געוואונען מיין פולען צוטרויען.

אַנדערש האָב איך זיך באַצויגען צו דער מעלדונג, אַז גע־נעראַל ברוסילאָוו וועט אַדרעסירען די אַרמיי, איידער זי וועט ארויסמאַרשירען צום פראָנט.

עפּעס האָב איך ניט געהאַט קיין צוטרוי צו ברוסילאָוו'ן. איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער איז ער נאָך געטריי דעם קייסער און טאָמער וועט מען נאָך מאכען אַ קאָנטער־רעוואָלוציע, און איך האָב באַשלאָסען צו שטעהן נאָהענט צו איהם און קוקען איהם אין די אויגען בשעת ער וועט רעדען, צי מיינט ער ערנסט, צי איז עס בלויז אַן אָנשטעל אַזאַ.

אזוי ווי ברוסילאָוו האָט באַדאַרפט אַדרעסירען די אַרמיי לעבען „גיגאַנט״ (אַ מואווינג פּיקטשור־הויז), און איך בין איינגעשטאַנען דאָרט אויפ'ן הויף ביי מיינע אַ מומע, (בתיה גיטלעס), האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו שטעהן ביים סאַמע צאַפּען און איך האָב טאַקע פאַרנומען אַ פּאָזיציע לעבען איהם און געקוקט איהם גלייך אין די אויגען בשעת זיין רעדען.

ער האָט געהאַט קליינע גנב'ישע אויגעלאַך, קלוגע, לויפענדיגע, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער באַזעסען אַ פעהיגקייט צו פאַרבאָרגען דעם אינערליכען געפיהל און איך האָב בשום אופן ניט געקענט כאַפּען צי מיינט ער ערנסט, צי ניט. דאָך איז ביי מיר געבליבען אַן איינדרוק, אַז ער מיינט נישט ערנסט מיט זיין נייעם פּאַטריאָטיזם פון דער רעוואָלוציע.

אָפּגעפאָרטיגט זיך מיט איהם, בין איך אַוועק פאַראויס צו פאַרנעהמען אַ פּאָזיציע צו האָבען די מעגליכקייט צו זעהן די גאנצע אַרמיי דורכמאַרשירען, כדי צו קענען באָאָבאַכטען ווי אַזוי זיי האַלטען מיט דער רעוואָלוציע.

די סאָלדאַטען האָבען מאַרשירט זינגענדיג דאָס נייע רעוואָלוציאָנערע ליד, אָבער פון די בליקען וואָס זיי האָבען געוואָרפען אויף אונז, שטעהענדע אויף די טראָטואַרען, האָב איך ארויסגעלייענט שנאה צו אונז, וואָס דער רוב איז באַשטאַנען פון אידען, און דערפאַר האָב איך גערעכענט, אַז די אַרמיי איז נאָך אַלץ אַנטיסעמיטיש.

עס קען זיין, אַז דאָס איז ניט געווען קיין אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר פּשוט אַן אייפערזוכט־געפיהל צו אונז, וואָס מיר בלייבען דאָ און זיי דאַרפען נאָך אַלץ געהן אויפ'ן פראָנט. אָט דעם זכות געפין איך איצט אויף זיי. דעמאָלט, אָבער, האָב איך עס אָנגענומען אַלס אַ סימן פון שנאה צו אידען.

ווי באוואוסט, איז קערענסקי'ס לעצטע אָפּענסיווע (ער איז געווען קריגס־מיניסטער) דורכגעפאַלען מיט אַ קנאַק און די אַרמיי האָט אָנגעהויבען לויפען אין אַ פּאַניק פון גאַליציע צוריק קיין רוסלאַנד. ס'איז געווען אַזאַ דעמאָראַליזאַציע, אַז אויף דער גרעניץ אין הוסיאַטין (קירה'ס הוסיאַטין) האָט דער באַד־גוי זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער בריק און באַפוילען די אָפּטרעטענדע סאָלדאַטען איהם אָפּצוגעבען דאָס געוועהר, און זיי האָבען עס געטאָן, כאָטש דער באַד־גוי איז ניט געווען באוואָפענט און איז געווען בלויז איינער אליין.

די סאָלדאַטען אויפ'ן פראָנט, פונקט ווי מאַנכע גויים הינ־טער'ן פראָנט, האָבען אָנגענומען די „סלאָבאָדע" פון דער רעוואָ־לוציע אַלס הפקרות און האָבען פארלוירען יעדען געפיהל פון דיסציפּלין.

קערענסקי האָט נאָך געוואָלט ראַטעווען די סיטואַציע מיט שעהנע רייד און מיט אַקטיאָרישע זשעסטען, אָבער ס'איז ניט געגאַנגען. מ'האָט איבערגעגעבען דעם פאָלגענדען פאַקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין לעמבערג, וואוהין קערענסקי איז געלאָפען ראַטעווען דעם פראָנט פון צעפאַלען ווערען און איז אליין אפילו אריינגעקראָכען אין די שוץ־גראָבענס אין די ערשטע רייהען פון פראָנט.

אַ סאָלדאַט איז צוגעקומען צו איהם מיט די הענט אין די קעשענעס און גע'טענה'ט, אַז מעהר וויל ער זיך ניט שלאָגען, ער וויל געהן אַהיים.

האָט זיך קערענסקי צו איהם געווענדעט בזה הלשון:

„זאָג נאָר, דו ווייסט, אַז דו רעדסט צום קריגס־מיניסטער? צו סוכאָמלינאָוו'ן (ניקאָלאַי'ס קריגס־מיניסטער) וואָלסטו אויך אַזוי גערעדט, שטעהענדיג מיט די הענט אין די קעשענעס? די רעוואָלוציע דאַרף ניט אַזוינע סאָלדאַטען ווי דו! מאַרש! אַהיים!"...

דער סאָלדאַט האָט זיך פאַרשעהמט, זיך אויסגעצויגען, ווי אַ סאָלדאַט דאַרף שטעהן פאַר זיין העכערען טשינאָווניק, האָט זיך ענטשולדיגט און געבעטען, אַז ער וויל געהן צוריק אויפ'ן

פראָנט, אָבער קערענסקי האָט איהם מעהר ניט געוואָלט האָבען אין דער אַרמיי.

דער צוריקטריט פון דער אַרמיי איז געווען אין אַ געפעהרליכער אומאָרדענונג. מ'איז געלאָפען פון אַלע זייטען אין אַ שרעקליכען, כאַאָטישען געלאַף, פּשוט ווי מ'לויפט פון אַ שרפה. יעדע מיליטערישע אָפּטיילונג האָט געטאָן מיט דער אַמוניציע, וואָס זי האָט אליין געוואָלט. יעדער סאָלדאַט האָט זיך גענומען וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. האָט איינער געדינט אין דער פּוליעמיאָטנער קאָמאַנדע (מאַשין־גאַנס), האָט ער גענומען אַ פּוליעמיאָט און עס אַוועקגעשענקט אָדער פארקויפט פאַר אַ נישטיגער סומע. דאָס זעלבע איז געווען מיט ביקסען און אפילו מיט האַרמאַטען. פילע אידישע סאָלדאַטען האָבען זיך אויך באַנוצט מיט דער אַלגעמיינער סומאַטאָכע און האָבען איבערגעגעבען אידען אומזיסט, צי פאַר געלט, געוועהר פאַר זעלבסט־שוץ צוועקען.

איך האָב זיך שוין געפונען דעמאָלט אין אָדעס און בייגעוואוינט אַן אסיפה, וואו ביאַליק האָט זיך געבעטען, בדמעות שליש ממש, ביי די אידישע סאָציאַליסטען, זיי זאָלען איינשטימען צו גרינדען עטליכע אידישע קאָרפּוסען, וואָס זאָלען קענען אָנהאַלטען אָרדענונג און פאַרהיטען פון פּאָגראָמען, ווייל ס'האָט זיך געפונען אַ רוסישער גענעראַל, וואָס האָט זיך אונטערנומען אַזוינע קאָרפּוסען צו אָרגאַניזירען. אָבער די סאָציאַליסטען, סיי די בונדאָווצעס, סיי אפילו די פּועלי־ציון, זיינען ארויס מיט געוואָלדעס געגען נאַציאָנאַל־בורזשואַזנע פּאָלקען, און האָבען אונז ,ציוניסטען, פאַרשריען אַלס רעאַקציאָנערען דערפאַר וואָס מיר וואַגען גאָר פאָרצושלאָגען די אָרגאַניזירונג פון אידישע קאָרפּוסען, און פון דעם שעהגעם פאָרשלאַג איז גאָר נישט געוואָרען. ווער ווייסט ? ווען ס'גיט זיך איין צו אָרגאַניזירען אַזעלכע קאָרפּוסען, וואָלטען אפשר נישט נאָר פאַרמיטען געוואָרען די שפּעטערדיגע גרויזאַמע שחיטות אויף אידען, נאָר גאַנץ רוסלאַנד וואָלט אפשר פאַרהיט געוואָרען פון דעם צעפאַל, און גאַנץ אייראָפּע וואָלט פילייכט אַן אַנדער פּנים געהאַט.

אָבער די אָפּוועזענהייט פון אידיש־פּאַטריאָטישען געפיהל ביי אידען, ספּעציעל ביי די, וואָס האָבען זיך ליב תמיד צו

רייבען אין ראַדיקאַלאַכץ־יחוס, האָט גורם געווען דערצו, וואָס מיר האָבען פאַרלוירען איינע פון די שעהנסטע און בעסטע היס־טאָרישע געלעגענהייטען, און זיינען נאכהער אויסגעזעצט געווען צו שחיטות פון קליינע ווילדע באַנדעס, וואָס די קלענסטע זעלבסט־שוץ־אָרגאַניזאַציע וואָלט זיי געקענט פאַרניכטען און ניט לאָזען זיי זיך צעוואַקסען אין אַ גרויסען מאַסשטאַב. מיר זיינען גע־בליבען הפקר, צעטיילט און אָפּגעריסען איינער פון אַנדערען, אָהן אַ שום פאַרבינדונגס־מעגליכקייט, און זיינען פאַרניכטעט געוואָרען איינציגווייז, צו ביסלאַך.

.19

## דער עסטרייכישער קאָנסול אַנערקענט מיך אַלס פריינד

אין אָדעס איז מיר אויסגעקומען איינצושטעהן ביי מיינעם אַ באַקאַנטען, יחזקאל קליטשמאַן, פון הוסיאַטין, אַ שטרענג אָר־טאָדאָקסישער איד, מיט אַ טאָכטער רחל, אַ אשה צנועה אויף וועמעס גורל ס'איז אויסגעפאַלען אריינצופאַלען צו אַ מאַן אַ בונדאָוועץ. חוץ זיין בונדישקייט איז ער געווען אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ קיאָסק (פייפער־סטענד), איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי איהם אין קיאָסק, צוליב די פאַרשידענע צייטונגען וואָס איך האָב געוואָלט לייענען, און איך האָב זעלבסטפאַרשטענדליך זיך כסדר ארומגעקריגט מיט איהם, ווי דער מנהג איז געווען צווישען אַ ציוניסט און אַ בונדאָוועץ.

איך האָב אין אָדעס געלערענט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען אינסטיטוט (נאָוואָראָסיסקי מעזשדונאַראָדני אינסטיטוט). אין אַ געשפרעך מיט דעם בונדאָוועץ, האָב איך איהם אַמאָל ערקלעהרט, אַז איך האָב אויסגעקליבען דעם אינסטיטוט, וואו מ'האָט שטור־דירט אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען, שפראַכען א. ד. גל., און מ'האָט געקענט זיין סיי אַן אַדוואָקאַט, סיי אַ קאָנסול, ווייל איך בין געווען זיכער אַז נאָך דער מלחמה וועט די וועלט־מאַפּע איבער־

געמאַכט ווערען און מיר, אידען, וועלען קריגען ארץ־ישראל. נו, גרייט איך זיך צו זיין אַ קאָנסול פון רוסלאַנד, צי פון אַן אַנדער לאַנד, אין ארץ־ישראל, ווייל אַלע וועלען זוכען אָנצו־קניפּען האַנדעלס־באַציהונגען מיט ארץ־ישראל, וואָס וועט ווערען אַ צענטראַל־פּונקט פון מסחר צווישען דריי קאָנטינענטען.

דער בונדאָוועץ האָט, זעלבסטפאַרשטענדליך, זיך אויסגע־לאַכט פון מיין גאַנצען ציוניזם און פון מיין חלום וועגען אַ אידישער מדינה, און פון מיין קאָנסול־פּאָזיציע אודאי און אודאי, ווייל דאָס איז נאָך געווען מיט עטליכע חדשים פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דער גאַנצער ענין ציוניזם האָט נאָך אויסגע־קוקט ביי די „רעאַל־פּאָליטיקער" (און די בונדאָוצעס זיינען דאָך זיכער געווען מאַטעריאַליסטישע „רעאַל־פּאָליטיקער"!) ווי אַן אוטאָפּיע.

אין איין שעהנעם נאָכמיטאָג געה איך אזוי צום קיאָסק און דער בונדאָוועץ לויפט מיר אַנטקעגען מיט אַ גדולה: „די אידע־לאך פון דיין אידישער מדינה אַנטלויפען שוין און זיינען שוין צוריקגעקומען אַהער אין גלות אריין". צוערשט האָב איך גע־מיינט, אַז ס'איז בלויז אַ בונדישע צו־להכעיס'ערײ, אָבער ער האָט מיר ערנסט פאַרזיכערט, אַז צוויי ארץ־ישראל־אידען האָבען זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט אויף דער ציוניסטישער קאַנצעלאַריע און ער האָט מיר אָנגעוויזען וואו זיי געהען. כ'האָב זיי אָנגע־יאָגט, און כ'האָב אויסגעפונען, אַז דאָס זיינען טאַקע געווען צוויי אידען פון ארץ־ישראל, פון צפת.

זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז זיי זיינען נאָר־וואָס אָנגע־קומען, צוזאַמען אַ פּאַר הונדערט נפשות, און זיי וואַלגערען זיך אין פּאַרט, אָהן עסען, ווייל פון דער שיף, אויף וועלכער זיי זיינען געפאָהרען דריי טעג פון קאָנסטאַנצאַ, האָט מען זיי ארויסגע־וואָרפען. זיי זיינען אַנטלאָפען פון צפת, און אַזוי ווי זיי זיינען עסטרייכישע בירגער ווילען זיי פון דאַנען פאָהרען צוריק קיין עסטרייך.

איך בין גלייך אַוועק מיט זיי צו אוסישקינ'ען, אריינגע־גאַנגען אַליין צו איהם און זיך געהאַלטען אַן עצה מיט איהם. ווי זיין שטייגער איז, האָט ער אָנגענומען אַן ערנסטע מינע און

האָט מיר קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז אידען, וואָס אַנטלויפען פון ארץ־ישראל, וויל ער ניט העלפען (אָדער מ׳דאַרף זיי ניט העלפען — איך געדענקט שוין ניט פּינקטליך זיין ענטפער).
איך האָב גענומען מיט איהם איינ׳טענה׳ן, אַז ראשית איז עס אַ פראַגע פון שפּייזען הונגעריגע, ואין בודקין למזונות; שנית איז עס אַ פראַגע פון פקוח־נפש, ווייל ווען די נאַכט וועט צופאַלען וועלען פאַרט־גנבים און מערדער (און אָדעס איז דאָך געווען באַרימט מיט זיי) זיי צוראַבעווען און אפשר נאָך באגעהן הריגות און פאַרגוואַלטיגונג פון פרויען.
דאַן האָט אוסישקין ארויסגענומען הונדערט רובעל און עס מיר געגעבען צו קויפען ברויט פאַר זיי. אָבער טהאָן, האָט ער געזאָגט, קען ער גאָרניט, און ער האָט מיר געראַטען צו געהן צום עסטרייכישען קאָנסול.
אַז איך בין געקומען צום עסטרייכישען קאָנסול, איז איהם זעהר געפעהלען געוואָרען, וואָס איך אינטערעסיר זיך מיט זיינע בירגער, אָבער היינט איז שוין צו שפּעט. ערשט מאָרגען וועט ער זעהן עפּעס טאָן. איך האָב איהם אויפגעקלעהרט וועגען דער סכנה פון לאָזען די פּליטים איבערנעכטיגען אין אַזאַ געפעהר־ליכען פּלאַץ, און ער האָט איינגעשטימט מיט מיר גלייך אַראָפּ־צופאָהרען צום פּאָרט. איך האָב די צוויי אידען גלייך צוריק־געשיקט אָנזאָגען דאָרט די גוטע בשורה, אַז מיר וועלען באַלד קומען זיי העלפען. און איך האָב געוואָרט אויפ׳ן קאָנסול ער זאָל פאַרענדיגען זיין אַרבעט און קענען פאָהרען מיט מיר צום פּאָרט.
דערווייל האָט אָנגעהויבען צופאַלען די נאַכט. מיר האָבען גענומען אַ דראָזשקע און זיך געלאָזט צום פּאָרט. אויפ׳ן וועג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בעקערַיי און געקויפט ברויט. (אַגב אורחא, אויב ס׳וועט פעהלען אין אוסישקינ׳ס אַרכיוו אַ קבלה אויף די הונדערט רובעל, וועט עס זיין מיין שולד, ווייל איך האָב איהם ניט געבראַכט קיין קבלה). ווען מיר זיינען אָנ־געקומען צום פּאָרט איז שוין געווען פינסטער און פון דער־ווייטענס האָבען זיך שוין געהערט קולות־געוואַלדען, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מ׳ראַבירט שוין די אידען.
מיר זיינען שנעל צוגעפאָהרען צום פּלאַץ פון וואַנען די

געוואָלדען האָבען זיך געטראָגען. דער קאָנסול האָט זיך אַליין פאַרלוירען און מורא געקראָגען, אָבער ער האָט אַ פייף געטאָן, און איך האָב באַמערקט, ווי סילועטען לויפען צו דער שיף מיט רענצלאַך אין די הענט.

מיר זיינען באַלד אַריין אין שיף, געפונען די רענצלאַך (טשע־מאָדאַנעס), אַרעסטירט די רויבער און אַוועקגעשטעלט אַ וואַך אַרום די אידען, צו היטען זיי איבער נאַכט, ביז איך וועל צו־מאָרגענס זיי קענען ערגעץ וואו באַשטאַטען. אין אַדעס בין איך דאָך געווען אַ גר, און האָב דעריבער ניט געהאַט די השפעה און דעם כח, וואָס ביי מיר אין שטאָדט און צו וועלכער קלויז איך בין געקומען מ׳זאָל אָפּגעבען די ווייבערישע אָפּטיילונג פאַר די פּליטים, האָט מען מיר געוועהנליך אָפּגעזאָגט. בלויז אין איין קלויז האָט זיך מיר איינגעגעבען צו פּועל׳ן זיי אַריינצולאָזען, אָבער דאָרט איז געווען פּלאַץ נאָר פאַר אַ קליינער צאָל. איך בין נאָכ־אַמאָל אַוועק צום קאָנסול, איהם דערצעהלט די שוועריגקייט צו קריגען פּלעצער, וואו זיי איינצואָרדענען, דעריבער, האָב איך איהם ערקלעהרט, איז זיין חוב מיר איבערצוגעבען אַ קאַזאַרמע. צוערשט האָט ער זיך געקווינקעלט ווייל ער איז דאָך ניט מעהר ווי אַ קאָנסול און דאַן איז געווען קריגס־צושטאַנד און אַ קאַ־זאַרמע איז דאָך שוין אַ מיליטער־ענין און געפינט זיך אין דער מיליטער־זאָנע, אָבער באַלד האָט ער איינגעזעהן, אַז ס׳ביטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. ער האָט אַראַנזשירט אַ קאַזאַרמע פאַר מיר און מיר אַרויסגעגעבען אַ פּאַפּיר בזה־הלשון:

„דאָס איז געגעבען צו ה׳ משה חכם, פאַרשטעהער פון דער אָדעסער קהלה, (כאָטש איך האָב ניט גערעדט צו איהם אין נאָ־מען פון דער קהלה, אָבער ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך מוז זיין זייער פאַרשטעהער) אַן אמת׳ער פריינד אונזערער און זאָרגער פאַר אונזער בירגער־פּליטים. דעריבער ווערען אויפ־געפאָדערט סיי די ציווילע, סיי די מיליטער מאַכט, איהם פריי דורכלאָזען וואוהין און מיט וואָס און וועמען ער וועט קומען און איהם אַרויסהעלפען מיט אַלעס מעגליכעס״.

האָבענדיג דאָס פּאַפּירעל, בין איך אַראָפּגעפאָהרען צום

פּאַרט און אַריבערגעפיהרט אַלעמען אין דער באַשטימטער קאַ־זאַרמע.

אין דער קאַזאַרמע האָב איך ערשט צייט געהאַט זיך אומצו־קוקען אויף די אינטערעסאַנטע טיפּען און די פּאַרבענרייכע כּאַלאַ־טען פון איין זייט און אויף דער בלייכקייט (בלאַסקייט) פון איי־ניגע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבען אויסגעקוקט, ווי אויפגעשטאַנענע מתים פון קברים, פון דער צווייטער זייט.

ס׳האָט זיך פאַר מיר אויפסניי איבערגעחזר׳ט די געשיכטע פון צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר: די פאַרזאָרגונג פון פּליטים, ניט האָבענדיג די דאָרטיגע באַקאַנטשאַפט און השפּעה און זייענדיג אַליין אַ גר. איצט האָב איך שוין טאַקע באַדאַרפט אָנקומען אויף אַן אמת׳ן צו דער קהלה און פּריוואַטע גוטהערציגע כלל־טוער און כלל־טוערינס און די פראַגע איז ווי ס׳ניט איז פאַרזאָרגט גע־וואָרען.

איך וועל ביז׳ן טויט ניט פאַרגעסען דעם איינדרוק וואָס ס׳האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך בין געקומען דעם צווייטען טאָג און געטראָפען קינדער, פאַרדעקט די גאַנצע פּנים׳ער מיט פליגען און בלויז די אויגען האָבען געקוקט אויף מיר אומבאַוועג־ליך און בעטענדיג רחמים אויף שטום־לשון. דאָס זעלבע ביי איי־ניגע קראַנקע מענער און פרויען. אוי! וואָס מענשען קענען איבערטראָגען.

.20

## אוסישקין הייסט מיר בלייבען אין גלות

אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, אַזוי האָט דורכגענומען אַלע אידען פון אָדעס די בשורה, אַז ענגלאַנד האָט צוגעזאָגט די אידען ארץ ישראל דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אַן אמת׳ע משיח׳ישע אויפטרייסלונג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אידען. מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו פייערען די שמחה מיט אַ ריזיגער גאַסען־דעמאָנסטראַציע. אוסישקין האָט באַשטימט

זשאַקאָבי׳ן, (אַן ענערגישער בחור וואָס האָט אויך אָנגעפיהרט מיט דער זעלבסט־שוץ) אַלס אָרדענונג־מייסטער און די סטודענטען, אַלס אָרדנונג־האַלטער. מיר האָבען געמוזט האָבען גענוג אָרדנונג־היטער, ווייל דער „בונד״, אונטער מערעזשינ׳ס השפעה, האָט געסטראַשעט צו וואַרפען באָמבעס אין דער פּראָצעסיע. איך האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע סטודענטען פון אינטערנאַציאָנאַלען אינסטיטוט, עס־דע־קאָווצעס און עס־ער־אָווצעס, וועלכע זיינען גאָר געווען אַסימילאַנטען, אָבער די שמחה האָט זיי אויך פאַרכאַפּט און זיי האָבען זיך געלאָזט כאַפּען פון מיר אויף דער ווענטקע, און מיר האָבען פאַרנומען אַ פּאָזיציע ביים אַרויסגאַנג פון קוליקאָווע־פעלד, וואוהין אַלע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס זיינען זיך צונויפגעקומען פון דאָרט צו מאַרשירען איבער די גאַסען פון אָדעס, ספּעציעל דורך — דעם פּלאַץ פון ענגלישען קאָנסולאַט.

אין פראָנט פון דער צוויי־הונדערט טויזענדיגער פּראָצעסיע האָבען געמאַרשירט באַרמהערציגע שוועסטער, מלחמה־אינוואַלידען און מלחמה־וועטעראַנען און אַ דאַנק זיי האָבען די בונדאָווצעס ניט געוואַגט אויסצופיהרען זייער סטראַשונאָק צו וואַרפען באָמבעס, ווייל די סאָלדאַטען האָבען זיי געלאָזט וויסען, אַז אויב עפּעס וואָס ס׳ניט איז פאַר אַ שטערונג ס׳זאָל ניט געשעהן, וועט זייער הויפּט־קוואַרטיר אויפגעריסען און פאַרניכטעט ווערען.

אויף דער פּראָצעסיע קען מען זאָגען, ווי אויף שמחת בית־השואבה, אַז ווער ס׳האָט ניט געזעהן די שמחה, האָט קיין שמחה אין זיין לעבען ניט געזעהן.

ס׳האָט אויך ניט געפעהלט קיין טשיקאַווע ערשיינונג. אַן אַלטער וועטעראַן־ציוניסט מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישען אויסזעהן, פראַנקפעלד, צוזאַמען מיט משה ליקערמאַן, (עפּעס אַ מאָדנער איד — אַ טשודאַק) האָבען זיך אַריינגעזעצט אין אַ בריטשקע און מיטגעפאָהרען מיט דער פּראָצעסיע און געבלאָזען שופר.

אַלע טראָטואַרען (סיידוואָקס), וואו די מאַרשירער זיינען דורכגעגאַנגען, זיינען געווען פאַרפלייצט מיט אידען און אידענעס, קינד און קייט, וועלכע האָבען געוויינט פאַר פרייד. און ניט נאָר אידען זיינען געווען אין די גאַסען אויך קריסטען. מ׳קען זאָגען

בלי גוזמא אַז כמעט גאַנץ אָדעס האָט אַן אָנטייל גענומען אין דער אידישער שמחה.

די אמת'ע שמחה האָט זיך ערשט אָפּגעשפּילט לעבען ענגלי־שען קאָנסול, וואו ער און אוסישקין האָבען געהאַלטען רעדעס. די שמחה האָב איך ניט געקענט בייוואוינען, ווייל מיין אָרדנונגס פּלאַץ איז אויסגעקומען זעהר ווייט פון דאָרט. דער יצר־הרע האָט מיך טאַקע שטאַרק אָנגערעדט איך זאָל פאַרלאָזען מיין פּלאַץ און צולויפען אַהין צום ענגלישען קאָנסולאַט, אָבער דאָס — דיסציפּלין־געפיהל האָט גובר געווען דעם יצר־הרע און איך בין געבליבען אויף מיין פּלאַץ. דערפאַר אָבער האָב איך שפּעטער געקראָגען מיין שכר אויף דער וועלט, ווען מיינער אַ פריינד, ראבינאָ, (אַ כוּדאָזשניק, מאָהלער), האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך געזעהן אין דעם פילם וואָס מ'האָט גענומען פון'ם פּאַראַד. עפּעס האָב איך אין דעם מאָמענט דורכגעלעבט ווי מ'זאָגט דאָ, אַ טריל (אויפרעגונג). איך בין באַלד אַוועק אין דעם פּלאַץ און טאַקע געקראָגען אַ מאָדנע געפיהל, זעהענדיג זיך אַליין, (ווי איך קאָמאַנדעווע מיט די אויטאָמאָבילען, אויסצומיידען אַ צוזאַמענ־שטויס), זעהר בולט און קלאָהר.

(מערקווירדיג, ווי דער שיקזאַל האָט אונז נאָכאַמאָל צוזאַמענ־געבראַכט, אין אַ צוועלף יאָהר אַרום דאָ, אין ניו יאָרק, ביי אַ טרויער־פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע בנוגע ארץ ישראל.

דאָס איז געווען, מיר דאַכט, אין 1929. אַ דעמאָנסטראַציע גערופען פון רעוויזיאָניסטען געגען ענגלאַנד, אַלס פּראָטעסט גע־גען די פּאָגראָמען אין ארץ ישראל. איך בין אָנגעקומען צו די פראָנט־מאַרשירער. איך טו אַ קוק: ראבינאָ! מיט גרויס פרייד בין איך צו צו איהם און ער איז געווען איבערראַשט פון מיין פּלוצלינגער ערשיינונג, ווי איך פון זיינער און אָט אַזוי האָבען מיר שוין מאַרשירט אין פאָראויס פון דער דעמאָנסטראַציע, דער אַלטיטשקער ירושלים'ער נסים באַכער אין דער מיט און מירביידע אין די זייטען).

דער שמחה האָט באַלד נאָכגעפאָלגט אַ נייע ידיעה — בשורה. און דאָ איז שוין געווען מלאך רע בעל־כרחו יענה אמן. אָט טאַקע דער בונדאָוועץ, וואָס האָט זיך פריהער דערלעבט אין

מיר אַ נקמה, האָט מיר איצט אָנגעזאָגט די בשורה, ווען איך בין צוגעקומען צו זיין קיאָסק, אַז מ׳שמועסט, אַז ס׳איז שוין באַשטימט אַ אידישער מיניסטעריום פאַר ארץ ישראל מיט סאָקאָלאָוו׳ן אַלס אויסערען מיניסטער און אוסישקינ׳ען אַלס מיניסטער פון ערד־אַרבייט.

דאָס איז שוין ביי מיר געווען אַ צווייערליידיגע פרייד, אי די אַלגעמיין אידישע, אי מיין פּערזענליכע. איך האָב דאָ גלייך דערזעהן פאַר זיך אַ געלעגענהייט צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. ווער מיר לערנען? וואָס מיר לערנען? צוליב וואָס ענדיגען? אַז ארץ ישראל, אַלס אידישע מדינה, שטעהט שוין פאַר די אויגען. איך בין גלייך אַוועק צו אוסישקינ׳ען זיך ערקונדיגען צי איז טאַקע אמת דער קלאַנג. ווער נאָך קען דאָס וויסען זיכערער ווי ער, אַלס בעל־דבר אַליין? איהם האָט מען דאָך זיכער געמוזט לאָזען וויסען וועגען דעם.

אוסישקין האָט זיך אויף זיין שטייגער גערעדט קאַלטבלוטיג און רוהיג: „ראשית, ווייס איך ניט צי די גאַנצע געשיכטע איז אמת. שנית, ווייס איך ניט צי איך בין באַשטימט אַלס מיניסטער״. און בנוגע מיין פאָרשלאַג ער זאָל מיך מיטנעמען מיט זיך, אויב ס׳זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז ער איז יאָ באַשטימט מיניסטער און וועט יאָ אָפּפאָהרען קיין א״י, אויך דעמאָלט וואָלט ער מיך ניט מיטגענומען. „מיר וועלען דאַרפען אויסגעשטודירטע מענשען פאַר אונזער מדינה און דו מוזט בלייבען דאָ און ענדיגען״. ווען ער טראָגט אַרויס געגען מיר אַ טויט־אורטייל, ווייס איך ניט צי עס וואָלט געווען געווירקט אויף מיר ערגער, ווי אָט דער פשוט׳ער אָפּזאָג און זיין שטרענגער באַפעהל צו בלייבען אין גלות. ער האָט אָבער גערעדט אין אַזאַ טאָן, אַז איך האָב געזעהן, אַז אַרגומענטירען מיט איהם איז אַרויסגעוואָרפענע רייד און בין אַוועק אבל וחפוי ראש. דאָס לערנען איז מיר שוין ניט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין. איך בין אַרומגעגאַנגען צורודערט און רק געטראַכט וועגען אַ פּלאַן, ווי אַזוי איך זאָל זיך קענען אַרויסכאַפּען פון רוסלאַנד און פאָהרען קיין ארץ ישראל, ווייל סתם זיך אויפזעצען און פאָהרען האָט מען דאָך ניט געקענט, ווייל די מלחמה איז דאָך ניט געווען פאַרענדיגט.

פאַר מיין בונדאָוועץ האָב איך געוועהנליך ניט אויפגעדעקט דעם סוד, אַז די געשיכטע איז דערוויייל בלויז אַ קלאַנג און ער האָט מיר נאָר געשיט זאַלץ אויף די וואונדען: „איצט, אַז איהר האָט שוין אַן אייגענע מדינה מיט אַן אייגענער רעגירונג, וועסטו שוין קענען פאָהרען קיין ארץ ישראל, און אויך ווערען אַ מי־ניסטער, דיין פריינד אוסישקין וועט דיך שוין פאַרזאָרגען".

איך האָב מיר נאָך געמאַכט האַרץ און איהם צוריקגעקי־בעצט: „ניין! איך וועל ניט פאָהרען קיין ארץ ישראל. איך וועל זיין דאָ אַ קאָנסול פון דער אידישער מדינה און אַכטונג געבען אַז אייערע חברים, סאָציאַליסטען, זאָלען ניט מאַכען קיין פאָגראָמען אויף אייך, אָדער ניט נוצען אייך אַלס „שמירעכץ פאַר די רעדער פון דער רעוואָלוציע" (אַ באַוואוסטער בונדיסטישער לאָזונג אַזעלכער).

מיר, ציוניסטען, האָבען דאָך נאָך אַ שטיקעל צייט געלעבט אין דער אנגענעמער אילוזיע פון אַן אייגענער מדינה מיט אַ שוין באַשטימטער, אייגענער רעגירונג. ווי אַזוי האָט מען גאָר געקענט צווייפלען אין דעם, אַז מ'האָט שוין אָנגערופען אפילו די נעמען פון די שוין באַשטימטע מיניסטאָרען?

מיר האָבען בלויז אַרויסגעקוקט אויף אַ שנעלער ענדע פון דער מלחמה, כדי מיר זאָלען קענען זעהן אונזער ציוניסטישען אי־דעאַל פאַרווירקליכט.

.21

## איך שלאָג פאָר אַ סימפּאַטיע סטאַטשקאַ־סטרייק פאַר די באָלשעוויקעס

מיר זיינען געווען אין אָדעס אָפּגעריסען פון די אַנדערע טיילען פון רוסלאַנד, אָבער ס'איז געווען אַזאַ שטימונג, אַז יעדען האָט געצויגען צו וואָס מעהר רעוואָלוציאָנערישקייט. בפרט אַז אוקראַינע איז געווען פאַרנומען דורך די דייטשען מיט העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, זייער דאַמי. דעריבער איז געווען זעלבסטפאַר־

שטענדליך, אַז ווען די באָלשעוויקעס האָבען געפיהרט אַן אָנגריף אויף קיעוו (די הויפּט שטאָדט פון העטמאַן) און פון דאָרט אויף אָדעס, אַז דאָס זאָל אַרויסרופען סימפּאַטיע צו זיי.

איך האָב דאַן פאָרגעשלאָגען אין אונזער אינסטיטוט אַ סימ־פּאַטיע־סטרייק פאַר די באָלשעוויקעס. אַזאַ פאָרשלאַג, קומענדיג פון מיר, האָט אַרויסגערופען ערשטוינונג. די אידישע סטודענטען האָבען געוואוסט, אַז איך בין דער מזכיר פון „החבר״ (אַ ציוניס־טישע סטודענטען אָרגאַניזאַציע) און די גויאישע האָבען גע־וואוסט, אַז איך בין אַ ציוניסט, פון דער דיסקוסיע איבער דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס פּראָפעסאָר רענענקאַמף האָט מיט מיר געהאַט אויפ׳ן צווייטען טאָג, נאָך דעם מאַרש־פּאַראַד לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ערקלעהרענדיג, אַז דאָס וואָרט: האָום־לאַנד, איז אַזוי נעפּעלדיג, אַז דאָס וועט שאַפען אַ סך צרות די אויסטייטשער פון אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ ווען אַזאַ פראַגע וועט אַרויפקומען אויפ׳ן סדר־היום.

דערהערענדיג אַזאַ פאָרשלאַג, האָבען פילע פון די סטודענ־טען, עס־דע־קאָווצעס און עס־ער־אָווצעס א. ד. ג., מיך פאַר־וואָרפען מיט פראַגען, ראשית, ווי קום איך, אַ ציוניסט, צו זיין אין סימפּאַטיע מיט באָלשעוויקעס? שנית, צי ווייס איך, אַז די באָל־שעוויקעס וועלען ברענגען צרות מיט זיך?

איך מוז זיך מודה זיין, אַז גערעכט זיינען געווען דאַמאָלס זיי, ניט איך, אָבער דאַמאָלס האָב איך עס ניט באַגריפען, זייענדיג נאָך אונטער דעם היפּנאָז פון דער קערענסקי־רעוואָלוציע, וועלכע די באָלשעוויקעס זעצען פאָרט.

בנוגע מיין ציוניזם האָב איך זיי ערקלעהרט, אַז ס׳האָט גאָר ניט צו טאָן מיט באָלשעוויזם, ווייל דאָס לעצטע איז אַן עקאָנאָמי־שער פּראָבלעם און דער ציוניזם, אַ פּאָליטישע אידעע. און בנוגע באָלשעוויזם, האָב איך זיי אַריינגעקיבעצט, אַז דאָס איז, ווייל זיי זיינען ווייס־הענדיגע (בעליע רוטשקי), און זיי האָבען מורא, אַז ס׳וועט זיי אויסקומען צו אַרבייטען. אַזעלכע און עהנליכע פראַזען האָבען אַזוי לאַנג געקלונגען אין אונזערע אויערען, אַז מיר האָבען זיי אָנגענומען אַלס אַקסיאָמעס.

געוועהנליך האָב איך זיך ניט געלאָזט איבערצייגען פון די לאָגישע אַרגומענטען פון די עס־ער־ און עס־דע־קאָווצעס, ווייל איך האָב פשוט ניט געגלויבט, אַז רעוואָלוציאָנערען קענען האַנד־לען ניט עהרליך און ניט יושר׳דיג. און אַ סימפּאַטיע־סטרייק איז טאַקע געררופען געוואָרען, ווייל די מעהרהייט האָט זיך ניט צוגעהערט צו קיין לאָגיק, בלויז צו זייערע אימפּולסיווע געפיהלען.

ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און די באָלשעוויקעס האָבען זיך דערנעהענטערט קיין אָדעס, סיי פון דער יבשה־זייט, סיי דורכ׳ן ים און דורכ׳ן ים זיינען זיי טאַקע אַריינגעקומען צוערשט.

דאָס איז געווען אַ שעהנער זוניגער טאָג און די מלחמה איז אָנגעגאַנגען אויף די גאַסען פון אָדעס, ספּעציעל אויף דער הויפּט גאַס, פּושקין־גאַס, דורך וועלכער די באָלשעוויקעס האָבען זיך געריסען צום הויפּט־וואָקזאַל (באַהן סטאַנציע).

דער ענין איז געווען פון איין זייט שרעקליך און פון דער צווייטער — פאַרכאַפּענד־אַמוזירענד. בלויז צוויי גאַסען אַוועק זיינען מיר געשטאַנען אויף די טראָטואַרען (סיידוואָקס) און צוגע־קוקט ווי די סאָלדאַטען לויפען איינגעבויגען מיט אויסגעשטרעקטע ביקסען פאַר זיך, לויפען אַהין, לויפען אַהער אָהן אַ ציעל און אָהן אַן ענד, אַזוי האָט אונז, צוקוקער, אויסגעוויזען און מיר זיינען געשטאַנען און זיך גע׳חידוש׳ט: אָט דאָס מיינט מלחמה?

אָבער פּלוצים איז אויפ׳ן צווייטען עק פון מיין טראָטואַר אַוועקגעפאַלען אַ שייגעץ, ווען אַ קויל האָט געטראָפען גלייך אין קאָפּ אַריין. נאָך איידער מיר זיינען צוגעלאָפען צו איהם איז ער שוין געווען טויט. צי דאָס האָט איינער פון די סאָלדאַטען אויף דער פּושקין־גאַס אומיסטען אַראָפּגעשאָסען צו אונז, ווייל מיר, פּוסטע־פּאַסניקעס שטעהען און קוקען און נעמען ניט קיין אָנטייל אין דער מלחמה? צי דאָס איז געווען, וואָס מ׳רופט, אַ שאַלאָוו־ליווע פּוליע, (ד. ה. אַ ווילדע קויל) וואָס שפּרינגט אַמאָל אין דער זייט, וואוהין מ׳וויל גאָר ניט זי זאָל געהן, אָבער אַזוי, צי אַנ־דערש, דאָס האָט אונז דערמאָנט אַז אַ שלאַכט, וואָס קוקט אפילו אויס פשוט און אַמוזירענד, איז אויך געפעהרליך און מיר זיינען שוין אַריין אין די הייזער. ספּעציעל ווען מיר האָבען שוין געהאַט

פיעל צער, פון אַזאַ שאַלאָוואָליווע פּוליע, וועלכע האָט אַוועקגע־הרג׳עט איינע פון אונזערע בנות ציון־היקרות, פריילין ראַבינאָ־וויטש, אַ שוועסטער פון באַוואוסטען יחזקאל ראַבינאָוויטש, איצט אין ניו יאָרק.

די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט אָדעס און זייער גענעראַל, מוראַוויאָוו, האָט גלייך אַ סטראַשע געטאָן, אַז ער וועט ניט לאָ־זען אַ שטיין אויף אַ שטיין. און באַלד האָב איך דערזעהן די אמת׳ע פאַרצונע פון די באָלשעוויקעס. מ׳האָט גלייך אָנגעהויבען צו אַרעסטירען מענשען, רעכטס און לינקס, און זיי אַוועקפיהרען צו די צוויי מיליטער שיפן, איגאָר און אַלמאַז, און זיי דאָרט אַרונטערלאָזען אין ים אַריין.

די שרעק וואָס די האַנדלונג האָט אַרויסגערופען, איז געווען אין לשער, ווייל ס׳האָבען זיך באַלד צעטראָגען קלאַנגען, אַז אויף די שיפען בינדט מען צו שטיינער צו די מענשענס פיס און מ׳לאָזט זיי אַריין אין ים אַריין און אַזוי ווי דער ים איז דאָרט זעהר לויטער און דורכזיכטיג, האָבען זיך שוין געפונען עדי־ראיה, וואָס האָבען געזעהן ווי די מענשען שטעהען אויפ׳ן גרונד פון ים און שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטען געשטאַנען שמונה־עשרה.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ס׳איז באַלד געוואָרען אַ הפקרות מיט וועלכער ס׳האָבען זיך באַנוצט סתם גנבים און רויבער און די גנבות און רויבערייען האָבען אָנגענומען אַ מאַסען־כאַראַקטער און מ׳האָט ניט געקענט וויסען, וואו ס׳הויבען זיך אָן די באָל־שעוויסטישע קאָנפיסקאַציעס און וואו ס׳לאָזען זיך אויס די סתם גנבות און רויבערייען.

אָט אין אַזאַ, און עהנליכען הפקרות־צושטאַנד, איז אויסגע־קומען דעם פריהער דערמאָנטען זשאַקאָבי׳ן צו פירען אַ קאַמף, סיי געגען די באָלשעוויסטישע קאָנפיסקאַציעס, סיי געגען די סתם רויבערייען, אויסנוצענדיג איינע געגען די צווייטע און סטראַשענדיג מיט׳ן כח פון זעלבסט־שוץ זיי ביידען. איצט האָבען מיר זיך שוין אינגאַנצען געפונען פאַרלוירען, אָפּגעריסען פון דער גאַנצער וועלט, ניט וויסענדיג, וואָס ס׳טוט זיך ניט נאָר אין דער ברייטער וועלט, נאָר אפילו ניט, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום אונזער אייגענער

שטאָדט וועלכע איז געווען אַרומגערינגעלט און באַלאַגערט פון דער אוקראַינישער אַרמיי.

די באָלשעוויקעס האָבען דערוויל אָנגעהויבען צו בעלי בית־ווען אין שטאָדט פאַרכאַפּען אינסטיטוציעס און איינשטעלען זייערע פאַראַנדקעס, וואָס, ווי זייער שטייגער איז, האָט אַלע מאָל געפיהרט צו אומאָרדנונג און כאָאָס.

מ'האָט באַלד דערפיהלט די טיף־דורכגעטראַכטע מאָקרסיס־טישע אָרדנונג פון פּראָלעטאַריאַט. ס'האָט אָנגעהויבען צו ווערען פינסטער אין די אויף דער נאַכטען און די פינסטערניש האָט שוין במילא געפיהרט צו קליין־רויבעריי. מענשען זיינען שוין ניט געווען זיכער דורכצוגעהן פון איין גאַס אין דער צווייטער מ'זאָל זיי ניט אויסטאָן די תחתונים.

און אויך אין דער שפּייז־פראַגע איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַן אומאָרדנונג און אַ נאַטירליכער מאַנגעל, וויל פון דער יבשה זייט האָבען די אוקראַינער ניט צוגעלאָזט קיין עסען און וואו די באָלשעוויקעס זיינען געווען די בעלי בתים, האָבען זיי זיך ניט גע'דאגה'ט וועגען אַזאַ נישטיגער זאַך, ווי די באַזאָרגונג פון דער באַפעלקערונג מיט שפּייז און אַנדערע נויטווענדיגקייטען. זיי האָבען געהאַט אַ וויכטיגערע אויפגאַבע: אויסצוראַמען די בורזשוקעס און די ווייס־קאָלנערדיגע אינטעליגענץ, חוץ די, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו זיי פון איבערצייגונג — צי פאַר־פיהרטקייט, צי מחמת מורא.

אַזאַ איינער איז געווען אונזערער אַ פּראָפעסאָר פון פּאָליטי־שער עקאָנאָמיע, פּראָפעסאָר טרובעצקאָי (פון דער באַוואוסטער קניאַזען־טרובעצקאָי־פאַמיליע) ער האָט מיר ערקלעהרט זיין שטע־לונג מיט דער נויטיגקייט איינצושטעלען וויט־שיסענדע קאַנאָנען, (באָלשעוויזם), כדי צו קענען לאַווירען מיט זיי און טרעפען אין ציעל, ווען מיט קורץ־שיסענדע (מענשעוויזם) וועט מען קיינ־מאָל צום ציעל ניט קענען צוקומען. (ער האָט עס געמיינט ערנסט, מיר דאַכט).

.22

# ערב הונגער־געפיהל

פילע רעדען פון ליידען הונגער. מענשען פלאַפלען לייכט־זיניג פון שטאַרבען פון הונגער, מיינענדיג אַ מאַנגעל אין פרנסה. מעהר באַוואוסטזיניגע פאַרשטעהען שוין, אַז ס'איז גאַר ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ קינסטלער־שרייבער ער זאָל קענען אויסמאָלען וואָס הונגער מיינט.

איז ווען איך האָב אַ נאָמען געגעבען דעם עפּיזאָד: „ערב־הונגער־געפיהל", איז ניט מחמת איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס הונגער־געפיהל וועל איך ניט קענען אויסמאָלען ווי געהעריג. אין דעם בין איך זיכער, אַז איך וואָלט ניט געקענט און וואָלט אפילו ניט פּרובירט. איך האָב נאָך קיין הונגער ניט געליטען, ווייל חוץ ברויט, וואָס האָט געפעהלט, האָט מען נאָך געקענט קריגען פּרוכטען, געטראַנקען א. ד. ג., וואָס קיין אמת'ער הונגער מיט זיי איז ניט שייך אָבער די פראַגע פון ברויט איז אויך אַ וויכטיגע און אַזוי ווי ברויט האָט טאַקע אויסגעפעהלט, רוף איך עס: „ערב־הונגער־געפיהל", ווייל דאָס געפיהל בלויז, אַז ס'קען אויסקומען צו הונגערען איז געווען שרעקליך. ערוואַרטענדיג אַז ביי די פּאַ־ראַנדקעס פון די באָלשעוויקעס קען אויספעהלען פּאָר אַ ווייל ברויט, האָב איך געלאָזט אַ פאַרבליבען פערטעל ברויט ליגען, טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך. ס'איז זיך געלעגען און אָנגעהויבען שימלען און דורכגעשימעלט דאָס גאַנצע ווייכע איינגעווייד.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ס'האָט פלוצים אויסגעפעהלט ברויט, בין איך נאָך געווען אַ פריץ, אַ מפונק, און אפילו ניט געטראַכט וועגען דעם פאַרשימעלטען שטיק ברויט אָבער, אַז דער הונגער האָט שוין אָנגעהויבען נאָגען האָב איך זיך איבערגעבעטען מיט'ן פאַרשימעלטען אוצר. איך האָב אַרויסגענומען דאָס אינעווייניגסטע פאַרשימעלטע און דאָס דרויסענדיגע דאַרע האָב איך איינגעווייקט אין קעפיר (אַ מין באַטער מילך) און געשטילט דעם הונגער.

אויפגעגעסען שוין דאָס שטיקעל געשימעלטע ברויט, וואָס

וועט זיין ווייטער? אַט אפילו דער ערב־הונגער־געפיהל איז גע־וועזן שרעקליך. פלוצים איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אויף מאָרגען וועט מען אויסטיילען ברויט אויף באַשטימטע פלעצער. יעדער האָט געוועהנליך מורא געהאַט, אַז ער וועט פאַרשפּעטיגען די רייהע איז מען געקומען ניין אָווענד און זיך אָוועקגעשטעלט אין דער רייהע. עלטערע מענשען האָבען זיך מיטגענומען ביינקלאַך מיט קישעלאַך.

איך האָב זיך אויך אַרויסגעלאָזט פון מיין הויז צו געהן אין דער רייהע, ווען איך דערהער פלוצים אַ פּויקען אין אַ פענסטער. איך קוק זיך אום און זעה, ווי פון אַ שכנ'יש הויז רופט מיך אַ פרוי. צוערשט האָב איך ניט געדענקט, אַז זי מיינט מיך, אָבער איך האָב זיך איבערצייגט, אַז יאָ, זי מיינט טאַקע מיך. איך בין אַרויפגעגאַנגען. פיהרט זי מיך אַריין און וויזט מיר אַז איהר מאַן ליגט קראַנק און אויך אַ פּאָר קינדערלאַך און אַ פּאָר קליינוואַרג האַלט זי אַרום זיך און דעריבער, האָט זי מיך גערופען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך געה אין דער רייה. אפשר קען איך פאַר־זאָרגען פאַר איהר פאַמיליע אַ ברויט.

צעטיילען זיך אויף צווייען און שטעהן אין צוויי רייהען האָב איך דאָך ניט געקענט. נו, האָב איך זיך געגעבען אַן עצה. אין איין רייהע האָב איך אַוועקגעשטעלט מיין שאָטען, ווי אַזוי? גאָר פשוט. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אין דער רייהע, זיך צעשמו־עסט מיט דעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר און דעם — נאָך מיר און, אַז איך האָב זיך שוין גוט באַקאַנט מיט די צוויי, האָב איך זיי געבעטען צו געדענקען, אַז דאָס איז מיין פּלאַץ, ווייל איך מוז אַוועקגעהן צוליב נאַטירליכע באַדערפענישען. אַט אַזוי בין איך אַוועק צו אַן אַנדער פּלאַץ און דאָרט אויך געטאָן דאָס זעלבע.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די ניט־זריזין, ד. ה. די וועלכע האָבען זיך ניט געאיילט און געקומען שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, איז שוין אויסגעקומען צו שטעהן גאַנץ ווייט אין דער רייהע און דאָס האָט שוין אַרויסגערופען קריגערייען, ווייל אייניגע, שטאַרקע, האָבען זיך געוואָלט אַריינשטופּען אין דער מיט פון דער רייהע און מ'האָט שוין געמוזט רופען פּאָליציי צו האַלטען אָרדנונג, ווייל ס'האָבען אויסגעבראָכען געשלעגען אויך. און אָט אין אַזאַ סומאַ־

טאָכע בין איך צוריקגעקומען פון יענער רייהע און די ווייט שטעהענדע האָבען אויפגעהויבען אַ טומעל, וואָס איך געה אַריין אין דער מיט פון דער רייהע.

אָבער מיינע שכנים פון ביידע זייטען זיינען געווען מיינע עדות און איך האָב צוריק פאַרנומען מיין פּלאַץ.

איך האָב דאָך אָבער געמוזט היטען ביידע פּלעצער און זיך אַלע מאָל ווייזען אויף איינעם פון זיי. נו, האָב איך שוין געהאַט אַ תירוץ — אַ מאָגען־קראַנקהייט — און איך מוז דעריבער אַלע מאָל לויפען.

אָט אַזאַ סטראַטעגיקע האָב איך געמוזט באַנוצען צו קריגען אַ ברויט.

צו דער צווייטער רייהע בין איך דאָך שוין געקומען שפּע־טער, און פון ניין אין דער פרי ביז צעהן, אין דער שטונדע, וואָס מ'האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען די ברויטען, האָט זיך שוין דורכגעטראָגען אַ קלאַנג — אַ ציטער דורך דער רייהע — אַז ס'וועט ניט זיין קיין ברויט פאַר יעדען.

מיין ברויט האָב איך שוין געהאַט אין הויז און איך שטעה דאָ אין געהאַקטע אַנגסטען און וואַרט אויף דעם ברויט פאַר דער פאַמיליע.

ווען איך בין אַריין אין געוועלב איז שוין געווען בלויז אַ קליינע צאָל ברויטען אויף דער פּאָליצע. איך האָב געכאַפּט דאָס ברויט, ווי מ'כאַפּט אַן אבן־טוב.

ווען איך פאַרדין אַ מיליאָן און ווען איך ברענג אַריין צו דער פאַמיליע אַ מיליאָן ווייס איך ניט צי ס'וואָלט געווען אַזוי אָנגעלעגט ביי אונז ביידען, ווי דאָס ברויט.

דער ווילדער מוראַוויאָוו האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל פון מאָביליזאַציע.

אויסגעהיט זיך די גאַנצע צייט פון דער מלחמה געה פאַל אַריין צו די מערדער אין די הענט־אַריין און ווער אויך אַ רוצח. אַ ברירה האָט מען דען, אַז מ'איז שוין ביי זיי אין די הענט און אונטער זייער דיסציפּלין? איך האָב אָנגעהויבען ערנסט טראַכ־

טען ווי אַזוי זיך אַרויסצוכאַפּען פון דעם באָלשעוויסטישען „גן־עדן“.

אַזאַ געלעגענהייט האָט זיך מיר אין גיכען געמאַכט, איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז די באָלשעוויקעס האָבען אָפּגעמאַכט מיט די אוקראַינער עפּעס אַ מין וואָפען־שטילשטאַנד אַרויסצולאָזען איין צוג פון אָדעס, אַז ווער ס'וועט קומען אַוועקפאָהרען זאָלען זיי אַרויסלאָזען.

איך בין אַוועק צו דער באַהן אַזוי ווי איך שטעה און געה און ווען איך בין צוגעקומען האָב איך שוין דורך קיין טיר ניט געקענט אַריין, אַזוי איז שוין געווען געפּאַקט, בין איך אַריינגע־קראָכען דורך אַ פענסטער און זיך קוים אַריינגעשטופּט.

איך האָב גאָר ניט מיטגענומען מיט זיך, ווייל איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז ס'וועט זיין אַזאַ ענגעניש, אַז איך וועל ניט קענען אַרייננעמען קיינע זאַכען. שנית, האָב איך מורא געהאַט צו פיהרען מיט זיך זאַכען, די באָלשעוויקעס זאָלען ניט זאָגען, אַז איך פיהר אַוועק זייער באַבעס ירושה און די אוקראַינער, אַז מ'האָט מיך פאַרזאָרגט מיט קראַמאַלע און איך בין אַ שפּיאָן און אַז ס'קומט שוין צו זוכען קען מען שוין עפּעס געפינען.

חוץ דעם האָב איך נאָך איבערגעטראַכט, אַז טאָמער איז דער גאַנצער עסק אַ שווינדעל און אַ שפּיצעל פון די באָלשעווי־קעס צו כאַפּען אַלעמען און ערקלעהרען פאַר קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערען, וואָס ווילען אַנטלויפען צום שונא אין לאַגער.

אַזוי, אַז איך האָב גאָר ניט מיט זיך וועל איך קענען טענה'ן, אַז איך בין געגאַנגען באַגלייטען אַ באַקאַנטען און דער צוג האָט געריהרט און איך האָב שוין ניט געקענט אַראָפּ.

אָבער דער אָפּמאַך איז אַ פּנים געווען אַן ערנסטער, מסתמא גינסטיג פאַרביידע צדדים, און ניט מ'האָט געטשעפּעט, ניט מ'האָט געפרעגט און, אַז דער צוג האָט געריהרט, האָב איך געפיהלט, ווי קייטען וואָלטען פון מיר אַרונטערגענומען געוואָרען און ווען ער איז אַוועק אַביסעל פון שטאָדט, האָב איך דערפיהלט, אמת'ע פרייע לופט צום אָטעמען.

.23

# אַ חלום וואָס ווערט אַ ווירקליכקייט אויף סטאַנציע בירזולע

ווען מ'פאַרהט אָוועק פון אַזאַ מלחמה'לע און כאַאָטישען צו־שטאַנד און מ'פאָהרט נאָך אין אַ מלחמה־צוג איז קיין חידוש ניט, אַז מען האָט מלחמה חלומות, ציי סתם חלומות וואָס האָבען צו טאָן מיט סאָלדאָטען און ביקסען. איך האָב זיצענדיג אַזוי אַ מידער פון לאַנג שטעהן, איינגעדרעמעלט און גע'חלומ'ט, אַז איך בין צוגעקומען צו דער באַהן און געוואָלט אַריינגעהן און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ סאָלדאָט מיט אַ ביקס, מיט דער שפּיז פון דער ביקס גלייך צו מיין האַרץ און פון הינטען האָט מיך איין המון געשטופּט גלייך אויף דער שפּיז אַרויף.

איך האָב מיט אַלע כחות זיך געריסען אויף צוריק איך זאָל ניט אַרויף אויף דער שפּיז און פון דער שווערינקייט צוריקצו־שטופען אַזאַ מאַסע מענשען, און פון דער שרעק פאַר דער שפּיז, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און אויסגע'בטל'ט אַלע חלומות, ווי מ'זאָגט, און אַליין זיך צעלאַכט פון אַזאַ בייזען חלום. איך האָב דערצעהלט מיינע מיטפאָהרער דעם חלום און מיר האָבען אַלע געלאַכט דערפון.

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און מיר זיינען צוגעפאָהרען צו דער סטאַנציע בירזולע, וואו מיר האָבען באַדאַרפט איבערבייטען פאַר אַן אַנדערען צוג.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו יענעם צוג, האָט מען אונז ניט אַריינגעלאָזט און אונז אַוועקגעפירט אין אַ זייטיג שטיבעל, אַביסעל ווייטליך פון דער סטאַנציע, דוקא צו אידען. כאָטש מ'האָט אונז ניט געזאָגט, האָבען מיר פאַרשטאַנען, אַז מען ערוואַרט מסתמא אַ צוזאַמענשטויס די נאַכט. עס האָט ניט געדויערט אפילו קיין פאַר שטונדען און מיר האָבען דערהערט דאָס קנאַלען פון שראַפּנעלען. דאָס פּלאַצען פון די שראַפּנעלען איז אַרויסגע־קומען ניט ווייט פון אונזער הויז און מיר האָבען זיך צוזאַמען גע־קליבען אין אַ מיטעלסטען חדר, טאָמער רייסט זיך דורך אַ

שראפנעל צו אונזער הויז, ווער ער בלייבן שטעקן אין איין וואַנט, צי אין דער צווייטער. פלוצים: טראך! און מיר מיי־נען, אַז די הויז איז איינגעפאַלן איבער אונז. ווען מיר האָבן זיך אויסגעטשוכעט פונ'ם קנאַק און פון דער שרעק, האָבן מיר געזעהן אַז עס איז גאָר ניט געשעהן מיט אונזער הויז און מיר זיינען אַלע גאַנץ, ניט געשעדיגט. פינסטער איז געווען וימש חושך, האָב איך זיך צוגעשאַרט צו אַ זייטיגען אַרויסגאַנג און געזעהן, ווי אַ פייער באַוועגט זיך אין דער ריכטונג, פון וואַנען מיר זיינען אַנגעקומען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אַנגעצונדענער צוג וואָס האַלט אין אַנטלויפען, אָבער האָב ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער איז געטראָפען געוואָרען, ווען מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מען האָט פון יענער ריכטונג געשאָסען צו אונז. מיר זיינען שוין אַזוי אָפגעזעסען אין שרעק ביז ס'האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. דאָס שיסעריי איז שוין געווען איינגעשטילט און מיר זיינען שוין אַריין אין פראַנט צימער אַרויסצוקוקען צו דער ריכטונג פון דער באַהן סטאַנציע. ווי נאָר איך האָב געכאַפּט אַ בליק אין פענסטער האָב איך געזעהן, ווי דייטשישע סאָלדאַטען לויפען צו אונזער הויז. איך האָב באַמערקט, אַז מיינער אַ מיטפּאַהרענדער, חבר לאַטערמאַן פון לאַנצקארון, טראָגט זיין סטודענטען־היטעל אויפן קאָפּ. קיין צייט צו רעדען איז שוין ניט געווען. האָב איך אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעל און בין אַנטלאָפען אין אַ הינטערשטען צימער און עס באַ־האַלטען אין בעטגעוואַנט, ווייל אַ סטודענט איז געווען אונטער'ן חשד פון באָלשעוויזם, ביי די דייטשישע און אוקראַינישע סאָלדאַטען. אַרויסקומענדיג פון דעם צימער שנעל צוריק אַריינצולויפען אין פראַנט צימער, בין איך אַרויף אויף אַ שפּיז פון אַ סאָלדאַט וואָס איז געשטאַנען אויף דער טיר פון צווייטען צימער, לויפענדיג צו מיין צימער, אין אַזאַ פאָרמע מיט דער ביקס אויסגעשטרעקט, ווי איך האָב איהם געזעהן אין חלום. ווען איך טו זיך ניט אַ רייס צוריק, ראַפּטאַם, שטעך איך זיך אָן אויף דער ביקס.

— „מ'האָט פון אייער הויז געשאָסען אויף אונז, וואו זיינען די באָלשעוויקעס"?

— „ווער געשאָסען? וואָסערע באָלשעוויקעס? מיר זיצען אַ גאַנצע נאַכט אין שרעק פון דער שיסעריי און מיר ווייסען ניט

פון וואַנען זי איז געקומען". הכלל, האָב איהם דורכגעפיהרט אַלע צימערען ביז צום אַרויסגאַנג צו דער צווייטער זייט. דאָרט בין איך שוין מיט איהם אַרויס אין דרויסען און פאַר מיר איז קלאָר געוואָרען די סיטואַציע. הינטער אונזער הויז איז געווען אַ וועלדעל און פון דאָרט האָבען די באָלשעוויקעס באָמבאַרדירט די באַהן סטאַנציע, און פון דער לעצטער און אויך פון די צוגען האָט מען צוריק באָמבאַרדירט דאָס וועלדעל. איין שראַפּנעל אַזאַ איז אַריין אין אַ שכנ׳יש הויז לעבען אונז, דורכגעבראָכען דעם דאַך און איינגעוואָרפען אַ וואַנט און אַ באָלשעוויסטישער שראַפּנעל האָט אַפּנים געטראָפען אין אַ צוג, וועלכער האָט אָפּגעצויגען און דאָס האָב איך געזעהן, דאָס אָפּפאָהרענדע פייער.

פון דער רעכטער זייט פון אונזער הויז, האָב איך געטראָפען אַ סצענע, וואָס וועל זי קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

אַ שערענגע פון צעהן־צוועלף באָלשעוויסטישע סאָלדאַטען זיינען געלעגען אויסגעלעגט גלייך, ווי זיי וואָלטען זיך אַליין אויסגעמישטען אַזוי אַוועקגעלעגט אַפּרוהען, צי שלאָפען, און איינער, אַ יונגער שגצ׳ל אפשר פון אַ זעכצעהן יאָהר, איז געלעגען און האָט געלאַכט ווי פון שלאָף. איך האָב זיך גע׳חידוש׳ט ווי אַזוי דער לאַכט. דער זעלנער האָט מיר ערקלעהרט, אַז דאָס איז נאָך ניט קיין ערפאָהרענער סאָלדאַט און ווען ער האָט געזעהן אַ שראַפּנעל פליהען, איז עס געווען פאַר איהם אַ טשיקאַווע זאַך און ער האָט געלאַכט. פלוצים האָט דער שראַפּנעל, צי אַן אַנדערער, געפּלאַצט און פון דעם קראַך, האָט זיך ביי איהם אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ פון שרעק אין מיטען לאַכען און אַזוי אַרום איז דער לאַכענדער צושטאַנד געבליבען אויסגעדריקט אויף זיין פּנים.

ערשט איצט האָב איך באַגריפען, אין וואָס פאַר אַ געפאַהר מיר זיינען געווען די גאַנצע נאַכט, געפינענדיג זיך צווישען צוויי פייערען, אַזוי נאָהענט איינע פון די אַנדערע.

דאָס האָט מען טאַקע אַפּנים געצילעוועט צו אונזער הויז, ווייל מען האָט מסתמא באַמערקט דאָס שיסעריי פון די עטליכע באָלשעוויקעס וואָס זיינען געלעגען לעבען אונזער הויז, און גליקליכערווייזע האָט דער שראַפּנעל געטראָפען אין צווייטען הויז און

די לייטע פון יענעם הויז זיינען גליקליכערווייזע ניצול געוואָרען, ווייל זיי האָבען זיך געפונען אין צווייטען עק פון הויז.

די לייטע פון אונזער הויז האָבען גערעכענט, אַז זיי זיינען ניצול געוואָרען אַ דאַנק דער מצוה פון הכנסת אורחים וואָס זיי האָבען אונז אריינגענומען און מכבד געווען מיט וואָס זיי האָבען נאָר געהאַט אין הויז.

דער זעלנער איז אַוועק און מיר געזאָגט, אַז מיר האָבען שוין ניט וואָס מורא צו האָבען, ווייל זיי האָבען שוין די באָל־שעוויקעס פאַרטריבען און מען וועט אונז אין גיכען לאָזען וויסען, ווען מיר וועלען קענען פאָהרען ווייטער אַהיים.

ערשט איצט נאָך דער באַרוהיגונג האָבען מיר ערשט אַרומ־גערעדט מיין חלום, וואָס איז כמעט געוואָרען אַ ווירקליכקייט און מיר האָבען שוין איצט גאָר ניט געלאַכט פון חלום.

דאָס מיליטער אויפ׳ן צוג, ד. ה. די מיליטער בעאַמטע, ווייל מיר זיינען געפאָהרען אין אַ מיליטער צוג, האָט אונז אַזוי העפליך באַהאַנדעלט, אַז מיר האָבען גאָר ניט געקענט זיך אויסמאָלען אַז דאָס זיינען סאָלדאַטען. נאָך די הערצעס, וואָס מיר האָבען זיך אָנגעהערט געגען העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, האָט די באַנעמונג פון זיינע סאָלדאַטען אויסגעקוקט אומגלויבליך — פאַנטאַסטיש.

דאָס איז אָבער ניט געווען קיין חלום. דאָס איז געווען אַ ווירקליכקייט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ חלום, נאָכדעם ווי יענער חלום האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א ווירקליכקייט.

## .24

# שקצים מיט ביקסען היטען אַ מת, ער זאָל ניט אַרויס פון קבר

די פאַרנאַכלעסיגונג פון סאַניטאַציע, די ענגשאַפט, די סאָל־דאַטשינא, מיט דער באַוואוסטער פרעה׳ס מכה, די מצרים לאָ־שיקעס (לייז), האָבען פאַראורזאַכט פאַרשידענע קראַנקהייטען, צווישען זיי פאַרשידענע מינים טיפוסען ווי בויך טיפוס, פלעק טיפוס א. ד. ג.

די קראַנקהייטען האָבען אָנגענומען אַזאַ עפּידעמישען כאַ־ראַקטער, אַז גאַנצע גאַסען זיינען געבליבען ליידיג פון די אויס־געשטאָרבענע. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז צווישען גויים האָבען די קראַנקהייטען געבושעוועט נאָך מעהר, ווייל ראשית האָבען זיי פאַרלאָזט די קראַנקהייט, איידער זיי האָבען גערופען אַ דאָקטאָר, שנית איז זייער וואוינונג צושטאַנד געוועזען ערגער, ווי ביי אידען און אויך די נאַהרונגס־פראַגע איז ביי זיי געוועזען ערגער.

דער ערשטער טיפוס קראַנקער, וואָס איז געשטאָרבען איז געוועזען אַ שטאָדט־גוי (מעשטשאַנין) דאַנילע ציכאָצקי, און נאָכהער האָט זיך די קראַנקהייט פאַרשפּרייט, ווי אַ פייער און געקאָסעט רעכטס און לינקס.

די אַלע קראַנקע האָבען געזאָגט, איידער זיי זיינען גע־שטאָרבען, אַז דאַנילא ציכאָצקי קומט זיי רופען אויפ׳ן עולם האמת. איז אַבי עמיצער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער האָט געזעהן אין חלום דאַנילא ציכאָצקי׳ן איז מען שוין געוועזען זיכער, אַז ער וועט שטאַרבען.

הכלל די גויים האָבען זיך דערטראַכט צו אַ מיטעל: מ׳האָט אויסגעקליבען יעדע נאַכט פיער שקצים מיט ביקסען און אַוועק־געשטעלט ביי דאַנילא׳ס קבר, ער זאָל מורא האָבען אַרויסצוקומען. דאַנילא האָט זיך אָבער ניט דערשראָקען און אַלץ אַרומגעגאַנגען צו חלום און גערופען די קראַנקע. און ער איז גראַדע געוועזען אַ אַ בעל־הבית׳ישער און רייכער גוי, איז ער געוועהנליך געגאַנגען צו זיינע באַקאַנטע און פריינד. די גויים (און אויך טייל אידען) האָבען פאַרלוירען זייער צוטרויען צום דאָקטאָר, וואָס העלפט ניט. אין שפּיטאָל האָט געאַרבייט מיינער אַ קאָזין, אַ מין פעלד־שער, און אַזוי ווי די גויים האָבען בכלל געהאַט פיעל צוטרויען צו אונזער משפחה, האָט מען אָנגעהויבען צו רופען דעם קאָזין צו די חולאים.

ער האָט טאַקע באַזעסען אַ געוויסע מאָס נאַטירליכע פעהיג־קייט און ער האָט זיך געקענט באַנוצען מיט מעדיקאַמענטען פון דעם שפּיטאָל, וואָס פּריוואַט האָט מען ניט געקענט קריגען, און האָט טאַקע געראַטעוועט. ווייל ער איז געוועזען ביליגער, האָט מען איהם געוועהנליך גערופען — פריהער, איידער ס׳איז געוועזען צו

שפּעט. ער האָט אַזוי לאַנג געראַטעוועט ביז ער האָט זיך אַליין אָנגעשטעקט און געבליבען ליגען. פּונקט דאַמאָלס האָט ער גע־האַלטען אין ראַטעווען אַ שגץ פון אַ רייכען מעשטשאַנין, אָבער, אַז ער איז געבליבען ליגען איז דער שגץ שוין געוועהנליך גע־שטאָרבען. דער פאָטער זיינער האָט דאַמאָלס געזאָגט: „יאַק דאַ־נילא זאַבאַטשאַאָ שאָ יאָסי ראַטויע לײודעי, טאָ ווין וזיאַוו טאַ יעהאָ פאָלאָזשיוו”. (אַז דאַנילא האָט געזעהן אַז יאָסי ראַטעוועט מענ־שען האָט ער גענומען און איהם אַליין אַוועקגעלעגט).

אָט אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך באַדאַרפט פון אָדעסער פאַר־צעלייענע וואַנעס (ביטלאַך) געהן אין אונזער מרחץ מיט זיינע היל־צערנע ביטלאַך. אַ ברירה האָב איך געהאַט? ס'איז דאָך ניט גע־ווען קיין בעסערס. הכלל איך האָב זיך פאַרזאָרגט מיט אַלע מינים דעזינפעקציע־מכשירים און געגאַנגען אין באָד אַריין און זיך גענומען אַליין צו דער דעזינפעקציע אַרבייט, ווייל אויפ'ן בעדער האָב איך זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזען, ווייל ביי זיי האָט בכלל די זאַך אויסגעקוקט קאָמיש. וואָס עפּעס פאַר אַ נאַריש־קייטען? מ'שווינקט אויס דאָס ביטעל און געענדיגט. אָבער דע־זינפעקצירענדיג אַזוי דאָס ביטעל, האָב איך אַלע מאָל דערפיהלט שרעקליכע ריחות, האָב איך צוגערופען דעם בעדער און איהם געפרעגט צי ליגען נישט דאָ אין באָד גע'פגר'טע קעץ פון אַ גאַנץ יאָהר. ווי קומען אַזוינע משונה'דיגע ריחות אַהער? „עס זיינען ניט קיינע גע'פגר'טע קעץ. אַז וועסט זיך אָפּבאָדען וועל איך דיר ווייזען פון וואַנען די ריחות קומען”.

האָב איך שוין אויף שנעל זיך אַרומגעוואַשען און זיך אָנגעטאָן און ער האָט מיך צוגעפירט צו דער גרויסער מקוה, די כשר'ע, אָדער, וואָס האָט באַדאַרפט כשר'ן די צווייטע קלענערע, ניט כשר'ע, אויפגעדעקט אַ פאַר ברעטלאַך און ס'איז מיר פינס־טער געוואָרען אין די אויגען און בין שיעור ניט אַוועקגעפאַלען חלשות. די גאַנצע מקוה איז געווען באַדעקט מיט זשאַווער עטליכע צאָל (אינטשעס) די גרעב און דער געשטאַנק איז געווען שרעקליך.

„ס'טייטש? וואָס איז דאָס? איך וועל גלייך געהן הייסען פאַר'חתמ'נען דאָס באָד”. נו, דאָס איז דאָך דערוויייל געווען דעם בעדער'ס פּרנסה און ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ס'איז ניט זיין

שולד. דער רב וויל ניט כשר'ן די מקוה און ס'איז שוין דאָס צווייטע יאָהר, אַז דאָס וואַסער שטעהט אַזוי אין דער מקוה ניט געביטען. די, וואָס זיינען באַקאַנט, ווייסען, אַז ס'איז געווען אַ קליינע מקוה, וואוהין מ'האָט אַריינגעלאָזט קאָכעדיג וואַסער צוליב די נשים. איז דאָס דאָך געווען מים שאובים (געשעפּטע וואַסער), האָט מען דערפאַר געמוזט האָבען לעבען דעם מקוה'לע אַ גרויסע מקוה, וואוהין מ'האָט אַריינגעלאָזט רעגען וואַסער און אין דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די צווי מקוה'ס איז געווען אַ קליינער לאָך און דער לאָך האָט, הייסט עס, פאַראייניגט ביידע מקוה'ס, אַזוי, אַז די קליינע איז בטל בששים געוואָרען אין דער גרויסער און אַזוי אַרום געוואָרען כשר. כשר'ן געוועהנליך די גרויסע מקוה האָט באַדאַרפט דער רב. ער האָט באַדאַרפט אַכטונג געבען, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין מים שאובים פון אַ טייך, פון וואַנען מ'האָט געקענט אַריינברענגען דאָס וואַסער דורך אַ קאַנאַל נאָר ס'זאָל אַריינקומען בשעת אַ רעגען פון רעגען־וואַסער. איז דער רב געשטאָרבען פון הונגער און געוואָלט אַ הוספה פון אַ האַלבען גראָשען (אַ פּערטעל פּעני) אויפ'ן לויט הייזוען און, אַז מ'האָט ניט געוואָלט געבען די הוספה, האָט ער געמאַכט אַ סטאַטשקאַ (אַ סטרייק) און ניט גע־וואָלט כשר'ן די מקוה.

איך האָב פאַראורזאַכט אַ טומעל אין שטאָדט און די נשים, ספּעציעל די יונגע, האָבען ניט געוואָלט געהן מעהר אין מרחץ. די טיקערין, וואָס מאַכט אַ לעבען פון די נשים פאַר שניידען די נעגעל און שרייען: כשר, ווען די נשים טובל'ען זיך, האָט באַלד מודיע געווען די רבנים, אַז די נשים געהען ניט און, אַז דאָס איז מיין שולד, וויל איך זאָג, אַז ס'איז אַ געפאַהר, און דערצו האָט מען נאָך מורא געהאַט, טאָמער הייס איך טאַקע פאַר'חתמ'ענען דאָס באָד. דער רב איז געקומען פּועל'ן ביי מיר און ביי מיין פאָטער, ער זאָל ווירקען אויף מיר, איך זאָל זיך ניט מישען. דער רב איז געווען מיינער אַ רבי, וועלכער האָט מיך געזאָלט מאַכען פאַר אַ רב, לויט מיין פאָטער'ס וואונש, און אויך אַ פריינד, וועמענס קריוודע מיין פאָטער האָט זיך שטענדיג אָנגע־נומען.

איך האָב אָנגעהויבען איינצו'טענה'ן מיט'ן רב, כאָטש אַ

גרויסער למדן, אָבער אַ גרויסער שוטה דערצו, איבער דער פראַגע פון מים שאובים און מים חיים, ערקלערהט איהם די סיבה פון דין און די באַדייטונג, לויט די אומשטענדען פון ארץ ישראל, אָבער געה רעד לאָגיק צו אַ מענשען, וואָס ווייסט בלויז, אַז מ׳דאַרף אָפּהיטען אַ מצוה און פאַרשטעהן און פרעגען קשיות טאָר מען ניט, און האַנדלען לויט אייגענעם פאַרשטאַנד און אחריות, לויט געשאַפענע אומשטענדען, אודאי און אודאי ניט. איך האָב איהם דאַן געסטראַשעט, אַז אויב ער געהט ניט אַראָפּ און באַד אַריין כשר׳ן די מקוה, פאַר׳חתמ׳ע איך גלייך דאָס באָד. ס׳רעדט זיך אַזוי כשר׳ן. דאָס כשר׳ע רעגען־וואַסער איז געקומען פון דער שטאָדט, און האָט געפלאָסען דורך ריטשקעס צום באָד, וואָס איז געשטאַנען אין טהאָל. אין שטאָדט זיינען קיינע בתי־כסא (טוילעטס) ניט גע־ווען און די איינוואוינער פלעגען יעדען אין דער פריה אַרויסוואַר־פען דאָס שמוץ אין גאַס און דער רעגען האָט עס געוואַשען די שטאָדט און געבראַכט דאָס „כשר׳ע" וואַסער אין דער כשר׳ער מקוה און דאָס האָט געהייסען: מיים חיים, כשר, און וואַסער פון טייך דורך אַ רעהר האָט געהייסען מים שאובים און ניט־כשר.

דער רב האָט אָבער געזעהן, אַז ער האַלט שלעכט מיט מיר, אַז איך וועל ניט פאָלגען ניט איהם און ניט מיין פאָטער און וועל פאַר׳חתמ׳ענען דאָס באָד און אַ פרומער־שוטה איז ער דאָך געווען, דען ער האָט מורא געהאַט גורם צו זיין אַן עבירה, האָט ער שוין פאַרגעסען אין זיין פרנסה און שוין איינגעשטימט צו כשר׳ן די מקוה. איך זאָל בלויז אויסוואַרטען ביז ס׳וועט געהן אַ רעגען.

איך האָב דאָך אָבער רחמנות געהאַט אויף איהם, אויך אויף זיין ליידענדער, אָרעמער פאַמיליע, האָב איך איהם געבעטען ער זאָל היינטיגען שבת קומען דאַוונען שפעט, אַזוי אַז ער זאָל שוין אָנקומען נאָכ׳ן לייענען און איך וועל שוין עפּעס טאָן פאַר איהם.

איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט ביים ארון־קודש און ניט געלאָזט אַרויסנעמען דאָס ספר־תורה, געהאַלטען אַ שאַרפע דרשה, פאַרוואָס מ׳לאָזט שטאַרבען אַ רב פון הונגער און געזאָגט, אַז איך וועל ניט אָפּטרעטען פון פּלאַץ, ביז מ׳וועט מיר ניט צוזאָגען, אַז מ׳וועט איהם פאַרזאָרגען מיט חיונה.

די חסידים האָבען זיך פאַרשעהמט פאַר דער גערעכטער טענה,

וואָס קומט נאָך פון עפּעס אַ סטודענט, וואָס לערענט אין דער טרפה'נער אָדעס און מ'האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מ'וועט שוין זעהן טאָן פאַר איהם, וואָס מעגליך, כדי איהם צו באַרזאָרגען מיט חיונה. די מקוה איז גע'כשר'ט געוואָרען מיט'ן „מים חיים", און דער רב האָט געקראָגען זיין חיונה, מ'שטיינס געזאָגט.

.25

# פּעטליוראַ'ס אויפשטאַנד און רעוואָוצקי'ס קאָנסטיטוציע

צי דאָס איז טאַקע געווען אַ נויטווענדיגקייט, אַרויסגע־שפּראָצט פון די נאַציאָנאַלע געפיהלען פון אוקראַאינישען פאָלק, צי עס איז בלויז געווען אַן אַוואַנטיורע פון אַ יחיד, אָבער דער פאַקט איז געשען. פּעטליוראַ האָט אַרויסגערופען אַן אויפשטאַנד, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גייסטיגען זומפּ, וואו עס האָבען זיך געפּלאָדיעט באַנדיטען און באַנדיטעלאַך, אָרגאַניזירט פון גרופּען־באַנדעס, וואָס האָבען אַרויסגעשפּראָצט מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי פּיצירוצעס (מאָשרומס) נאָך אַ רעגען. אָט די אַלע רויבער און מערדער־באַנדעס זיינען אַרויס מיט לאָזונגען געגען די בורזשועס (פּאָרט עפּעס דורכגעמאַכט אַ שטיקעל רעוואָלוציע פּעריאָדע!) און זעלבסטפאַרשטענדליך געגען באָלשעוויקעס, אי־דען, דער שטענדיגער שעיר לעזאזל אין אירגענד וועלכער סו־מאַטאָכע.

פּעטליוראַ האָט געוועהנליך גע'טענה'ט, אַז דאָס איז ניט זיין שולד, אַז דאָס זיינען באַנדעס, וועלכע זיינען ניט אונטער זיין קאָנטראָל און דאָס איז אַלץ געווען, טיילווייז, אמת, ווייל אַ חוץ אוקראַאינישע באַנדעס, האָבען דאָך געבושעוועט אויך אַנדערע באַנדעס אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַנדערע באַנדיטען רויבער און מערדער.

אַזוי, למשל, זיינען די שרעקליכסטע פּאָגראָמען און שחיטות

פאַרגעקומען אונטער דער פיהרערשאַפט פון באַנדיט מאַכנאָ, וואָס האָט גאָר געשטאַמט כלומר'שט פון אַן אַנאַרכיסטישען קלייזעל.

זיינע שחיטות זיינען געווען פיעל שוידערליכער און שרעק־ליכער אפילו פון די אוקראַינישע באַנדעס, און דאָס קען מען דרינגען אפילו פון דעם לאָזונג, וואָס האָט זיך דאַמאָלס געטראָגען צווישען זיינע קאָזאַקען „באַטיושקאַ מאַכנאָ ווסיך זשידיוו ריעזשע, דאַזשע איוו קאָליסקע נע אָסטאַוולאַיע" (דאָס טאַטעלע מאַכנאָ שעכט אַלע אידען, ער לאָזט אַפילו קיין קינד אין וויגעל ניט).

מען קען אָבער ניט אַוועקגעהן פון דעם היסטאָרישען אמת, אַז איידער דער פאָגראָם־לוסט האָט דערגרייכט פעטליוראַ'ס אייגענע אַרמיי און אפילו נאָכהער, בשעת זי איז געשטאַנען אויף איין אָרט און ניט אַנטלאָפען און נאָכהער צוריק אַריינמאַרשירט (אַ זאַך וואָס איז געשעהן כמעט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג), האָט דאָך עקזיסטירט אונטער זיין ממשלה אַ געוויסע מאָס פריי־הייט און אָרדענונג, ווי אין אַן אמת'ער רעפּובליק.

ווי באַוואוסט, זיינען ביי פעטליוראַ'ן געווען פאַרשידענע אידישע מיניסטאָרען, ספּעציעל באַשטימט פאַר אידישע אינטע־רעסען. צווישען די מיניסטאָרען איז אויך געווען דער פּועל־ציוניסט, אברהם רעוואוצקי.

רעוואוצקי האָט פאַרפאַסט אַ קאָנסטיטוציע פון נאַציאָנאַלער־פערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אידען. הלואי האָבען מיר אַזעלכע איצט אין ארץ ישראל.

אָבער ווי יעדער סאָציאַליסט, אויף ווען עס גילט דאָס גמרא־וואָרט „זרוק חוטרא אאוירא אעיקריה קאי" (וואַרף אַ שטעקען אין דער לופט וועט ער צוריק פאַלען אויף זיין וואָרצעל), האָט אויך רעוואוצקי, כאָטש אַ פּועל־ציוניסט, ד. ה. אַן „עס־דע־קאָוועץ", דאָך ניט פאַרגעסען אין קאַרל מאַרקס' תורה און אַריינ־געשטעלט אַ דיקטאַטור־פּונקט, אַז ער זאָל האָבען אַ רעכט (ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אייביג זיין מיניסטער!) צו צעטרייבען דעם אידישען פאַרלאַמענט (מ'שטיינס געזאָגט) אויב ער וועט גע־פינען פאַר נויטיג.

כדי צו פאַרשטעהן דעם „נויטוועדיגען" דיקטאַטאָרישען

פונקט, מוז מען וויסען, אַז די פּועלי ציון האָבען דאַמאָלס געהאַט אַ זעהר מינדערוויכטיגע צאָל מיטגלידער. איך ווייס נישט צי אפילו פּרוטהאַלבען פּראָצענט, און רעוואוצקי האָט געקענט ווערען מיניסטער, ווייל די ציוניסטישע מאַסען, וועלכע האָבען אויסגע־מאַכט אַ נײַנציג פּראָצענט, האָבען ניט געוואָלט נעמען קיין אַנטייל אין פּעטליוראַ׳ס מלוכה־אָרדענונג און מיר זיינען בכלל געווען געגען אַלע מיניסטאָרען, וואָס פּעטליוראַ האָט אַזוי געזוכט אַרייַנ־צוציהען אין זיין קרייזעל, כדי הינטער זיי זיך צו שיצען.

די קאָנסטיטוציע איז געבראַכט געוואָרען אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק צו דיסקוסיע (מיט׳ן צוועק זי צו באַשטעטיגען) דורך זיין, רעוואוצקי׳ס פּאַרטיי־גענאָסע, און מיין פריינד, ישראל דראכ־לער.

אין מיין קריטיק געגען די קאָנסטיטוציע פּונקטען (ניט געגען איהר בכלל) האָב איך זיך אויך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן דיקטאַטור־פונקט, וואָס אַנדערע האָבען ניט באַמערקט און חבר דראכלער האָט געוואָלט דורכשמוגלען.

דאָס האָט אַרויסגערופען ערשטוינונג ביי די אידישע מאַ־סען, וועלכע האָבען נאָך ניט פאַרגעסען די האָניג חדשים פון פרייהייט פון קערענסקי׳ס צייטען. חבר דראַכלער האָט פּרובירט פאַרדרעהען און פאַרענטפערען דעם פּונקט און מיינע צווישען־רופען האָבען איהם אַלץ אַרייַנגעשלעפּט טיפער אין פּלאָנטער, ביז ער איז געקומען צו אַ תירוץ: ״הלמאי איז אין דער ענגלישער קאָנסטיטוציע פאַראַן אַ פּונקט, וואָס ערלויבט צו צעלאָזען דעם פּאַרלאַמענט ? !

איך האָב ניט פאַרלוירען קיין סעקונדע און גלייך אויסגעשאָ־סען מיט אַ צווישען־רוף : „דאָרט איז דאָך דאָ אַ קייסער״ ! און דער גאַנצער עולם האָט אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער, ווייל נאָך ניקאָלאַי׳ס מפּלה איז געווען געגנוג צו דערמאָנען דאָס וואָרט : קייסער, אַז מען זאָל אָוועק׳הרג׳ענען דערמיט די בעס־טע זאַך.

מיינער אַ שכן פון אונזער שטאָדט, יהושע נחמנ׳ס (גאָלד־שטיין), וואָס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט באַפרייען פון ניקאָ־

לאַי'ס שרעקונגס־צייט פאַר מלכות, האָט זיך ניט געקענט באַרו־היגען און מיך באַלד נאָך דער אַסיפה געפרעגט ווי אַזוי האָב איך עס ניט מורא געהאַט אַרויסצוטרעטען געגען אַ קאָנסטיטוציע און געגען אַ מיניסטער (וואָס איז שייך? ! מלכות איז מלכות!)

מילא, מיט דעם פונקט, צי אָהן דעם פונקט, די קאָנסטיטוציע איז געווען זעהר אַ גוטע, אָבער רעוואוצקי'ן איז ניט באַשערט געווען זי דורכצופיהרען, ווייל ער האָט אין גיכען פאַרלאָזט פעטליוראַ'ן און אַנטלאָפען פונ'ם גאַנצען עסק.

די סבה דערפון איז געווען די פּראָסקוראָווער און פעלשטינער שחיטות, און הגם איך האָב שוין באַוויזען מיט פאַקטען (אין מיי־נעם אַן אַרטיקעל אין „טאָג" בשעת שוואַרצבאַרד'ס פּראָצעס) און איך האָב נאָך פאַקטען, וואָס באַווייזען פעטליוראַ'ס פאַראַנטוואָרט־ליכקייט פאַר די פּאָגראָמען, דאָך טאָר מען ניט פאַרשווייגען דעם היסטאָרישען אמת, וואָס איז געווען די סיבה פון די שוידערליכע שחיטות.

דאָס מיינט ניט, אַז אַזעלכע זיינען באַרעכטיגט, וואָס די סיבות זאָלען ניט זיין, אָבער ווי ביטער מיר זאָלען ניט זיין און ווי אָנגע־ווערהטאָגט אונזער הארץ זאָל ניט פיהלען, טאָרען מיר ניט פאַר־לירען די אָביעקטיוויטעט און דעם רצון צו פאַרשטעהן דעם אמת.

און דער אמת'ער אמת איז, אַז דאָרטען איז ניט געווען סתם קיין פּאָגראָם, נאָר אַן אונטערדריקונג פון אַ באָלשעוויסטישען אויפ־שטאַנד. אמת, דער גאַנצער אויפשטאַנד איז געווען אַ לעכער־ליכער און דער מאַסשטאַב פון דער שחיטה איז זיכער ניט געווען לויט דעם מאַסשטאַב פון אויפשטאַנד, אָבער כיוון שניתנה רשות למשחית איז שוין אַלעס געווען **הפקר.**

אָבער דער פאַקט וואָס קיין רוביבעריי איז ניט פאָרגעקומען, ווייל פעטליוראַ האָט באַפוילען מען זאָל ניט ריהרען קיין פאָדים, בלויז אַ שחיטה, איז דער בעסטער באַווייז, אַז דאָס איז ניט גע־ווען קיין פשוט'ער פּאָגראָם, נאָר אַ נקמה־אַקט פאַר אַן אויפשטאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין די אַרבייטער גאַסען ספּעציעל, ווייל פון זיי האָט געשטאַמט דער אויפשטאַנד. אמת, דער אויפשטאַנד

איז געווען אָרגאַניזירט פון עטליכע אומפּאַראַנטוואָרטליכע בונ־דאָוצעס וכדומה, „אַרמיי־אָרגאַניזירער און פיהרער“, ווי עטליכע טפּש׳עוואַטע פעלשטיגער בחורים, וועלכע האָבען געמיינט, אַז מיט נאָך אַ פופצעהן דאַרף־שגצים קענען זיי מאַכען אַן אויפ־שטאַנד, אָבער אַן אויפשטאַנד־תירוץ איז דאָס געווען. זיי האָבען פאַרכאַפּט די פּאָטשט־אַמט בילדינג און געשאָסען אויפ׳ן רוצח, סימאָסענקאָ׳ס שטאַב. פון דאַמאָלס אַן האָט בכלל ביי פּעטליור־ראַ׳ן גובר געווען די גרופּע, וואָס האָט גע׳עצה׳ט, אָדער באַרעכ־טיגט, צו פאַרקוקען דאָס אומרעכט פון די פּאָגראָמען, אָבי צו דערגרייכען דעם ציעל, סאָמאָסטינאָסט (זעלבסטשטענדיגקייט) פון אוקראַינע.

און צו אונזער גרויסען וועהטאָג און חרפּה, איז די גרופּע דוקא באַשטאַנען פון די פּאַרטגעשריטענע, צווישען זיי, די סאָציאַליסטען (און פּעטליוראַ אַליין איז אויך געווען אַ סאָציאַ־ליסט!) און דוקא די צוריקגעשטאַנענע, די קאָנסערוואַטיווע און נאַציאָנאַליסטישע גרופּען, זיינען דורכאויס געווען געגען די פּאָגראָמען, ווייל זיי האָבען מיט זייער נאַציאָנאַליסטישען חוש געפיהלט, אַז דאָס וועט אַוועק׳הרג׳ענען די אידייע פון אַ זעלבסט־שטענדיגער אוקראַינע.

און דוקא די אוקראַינישע געלעהרענטע אָפיציערען, דוקא די קאַדעטען, די סטודענטען פון אָפיציערען־שולע זיינען געווען אונ־זערע בעסטע פריינט און פאַרטיידיגער, ווי אַבסורדיש און ווי ניט גלויבליך דאָס זאָל ניט אויסקוקען.

און ניט איינמאָל האָבען אָט די קאַדעטען פאַרהיט, אָדער אָפּגעשטעלט פּאָגראָמען. אויך דער ערשטער, און כמעט איינציגער ערנסטער פּאָגראָם, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי אונז אין שטאָדט, איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען דורך זיי. און אַ דאַנק זיי האָט זיך מיר איינגעגעבען צו ברייגנען צו אַ ראַספּאָרמירונג (צעלאָזונג) פון איינע פון די ערגסטע פּאָגראָם־דיוויזיעס, וועגען וועלכער איך וועל נאָך שרייבען אין די קומענדיגע עפּיזאָדען.

.26

# מיין אַרויסטריט קעגען אַ באַנדע פון פּראָסקוראָווער פּאָגראָמשטשיקעס

נאָך איידער ס'איז פאַרגעקומען די פּראָסקוראָווער־פּעל־שטינער שחיטה, האָט מיינער אַ פריינד, אַ סטאַראָסטע פון דאָרף ציקאָווע, מיר פאַרטרויעט אַ סוד, אַז ס'איז דאָ אין די וואָלאָס־טען (גמינעס) אַ געהיימער באַפעהל פון פּעטליוראַ'ן צו די גויים, אַז זיי זאָלען ניט אויסבאַהאַלטען די אידען. דאָס באַווייזט, אַז פּעטליוראַ, וואָס איז געשטאַנען מיט זיין הויפּט־אַרמיי אין דע־ראַזשנע, ניט ווייט פון פּראָסקוראָוו, און שוין געוואוסט פון דער צוגרייטונג פון אויפשטאַנד אין פּראָסקוראָוו און פעלשטין, האָט אָפּנים פאַרטראַכט צו מאַכען אַן הורטאָוונע (האָלסייל) פּאָגראָם איבער'ן גאַנצען געגענד און דעריבער אַזאַ באַפעהל. און בלויז די שוידערליכקייט פון די צוויי שחיטות האָט אָפּגעשטעלט דעם מערדעריש׳ען פּלאַן. מיר האָבען דאָך אין אָנפאַנג ניט געוואוסט די סיבה פון די שחיטות און מיר האָבען געמיינט, אַז ס'איז אַן אָנפאַנג און איבערחזרונג פון כמעלניצקי'ס צייטען. ס'איז ניט נויטיג צו מאָלען, וואָס אידען האָבען איבערגעלעבט נאָך די שחיטות.

אָט אין אַזאַ צושטאַנד קומט אַריין צו מיר איינמאָל אינדער־פריה, משה'לע הויכמאַן און ישראל סרעברעניק, וועקען מיך אויף פון שלאָף און זאָגען מיר אָן „די גוטע בשורה", אַז אַ באַנדע פון אַ פערציג קאָזאַקען זיינען אָנגעקומען אין שטאָדט, באַריה־מען זיך מיט זייער אָנטייל אין דער פּראָסקוראָווער שחיטה און האַלטען זיך בכלל אויף פאַרדעכטיג מיט זייער שפּילען אויף האַרמאָשקעס א. ד. גל. מיר האָבען שוין געהאַט געוויסע סימנים ווי אַזוי צו דערקענען פּאָגראָמשטשיקעס.

נאָך דעם ווי די דייטשען זיינ'ען אַריינגעקומען, און מיר האָ־בען געהערט דעם זאָץ: אין נאָמען דאָס געזעץ (אין נאָמען פון געזעץ), וואָס האָט נאָך גע'שמ'ט ביי אונז פון קירה'ס צייַ־טען, וואו איין זשאַנדאַר (פּאָליציימאַן) קען אַרעסטירען אַ גאַנץ

דאָרף מיט דעם צויבער־זאַץ, האָבען מיר אָפּגעגעבען די דייטשען דאָס גאַנצע געוועהר פון אונזער זעלבסטשוץ, פּוליעמיאָטען (מאַשין־ביקסען) באַמבעס א. ד. ג. מיר האָבען דעמאָלט געדענקט, אַז מיר זיינען שוין באַפרייט.

דאָך האָבען מיר צוליב פאָרזיכטיגקייט וועגען, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, דאָך, בשלאָסען צו באַהאַלטען אַביסעל שפּייעכץ און מיר האָבען באַהאַלטען צוואַנציג ביקסען און צוואַנציג רעוואָלווערען, פון וועלכע איין ביקס מיט דריי רעוואָלווערען האָבען זיך געפונען ביי מיר. געוועהנליך, האָט מען ניט געקענט אַזוי פריי זיך באַנוצען מיט זעלבסט־שוץ־מיטלען, ווי מאַנכע, כלומר'שטע העלדען, דאָ אין אַמעריקע און אויך אַנדערשוואו, מיינען. ס'איז ניט געווען קיין פראַגע פאַר מורא פאַר'ן טויט, וואָס קיינער פון אונז האָט ניט געהאַט, און אויך ניט קיין פראַגע פון מורא פאַר קאַמף. ס'איז געווען אַ פראַגע פון קאָנסעקווענצען און רעזולטאַטען. אויב אפילו מיר קענען באַזיגען איין גרופּע, צי איין באַנדע, וואָס וועט זיין, אַז ס'וועט נאָכהער קומען אַ שטאַרקע אַרמיי און אויסקוילען די גאַנצע שטאָדט?

און כאָטש איך בין ניט געווען קיין מיליטער־מאַן, האָב איך דאָך געמוזט האַלטען דעם קאָנטראָל איבער דער זעלבסט־שוץ, כדי ניט דערלאָזען צו קיין פאַלשען און אונבויטיגען שריט, און די קאָמאַנדע איבערגעגעבען צו משה'לע הויכמאַן.

אין דעם פאַל האָב איך געזעהן די שפּיל איז פאַר'ן טייוועל און מ'מוז האַנדלען שנעל. לויט דער פּאָזיציע, וואָס די קאזאקען האָבען פאַרנומען, האָב איך געזעהן, אַז מיר קענען זיי אַרומריגלען פון דריי זייטען און בין געווען זיכער, אַז זיי וועלען מוזען אַנידערלייגען זייערע טייטלען (ביקסען), ווייל זיי וועלען פאַרשטעהן, אַז אַ קרייץ־פייער פון דריי זייטען איז אַ זיכערער טויט פאַר זיי, חוץ דעם, וואָס זיי ווייסען ניט אין וואָס אונזער כח באַשטעהט. איך האָב געהייסען משה'לע הויכמאַן צו זיין גרייט מיט דער זעלבסט־שוץ און איהם אָנגעוויזען דורך וואָסערע גאַסען (אוליצעס) זיי זאָלען אַרויסקומען, אויב איך וועל געבען אַ סיגנאַל, און איך וועל געהן פאַרהאַנדלען מיט דער באַנדע, אפשר וועל איך קענען פון איהר פּטור ווערען מיט גוטען (מיט געלט).

חבר סרעברעניק (איצט אין ניו־יאָרק), וואָס איז געווען אַ פּיעל געזונטערער בחור, ווי משה'לע הויכמאַן, איז געווען ווייס ווי קאַלך, און זיינע קניהען האָבען געציטערט, אָבער משה'לע האָט געענטפערט רוהיג און געלאַסען: „אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג", און זיי זיינען אַוועק.

איך האָב שנעל זיך אָנגעטאָן און אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, צוגעגאַנגען צום אָפיציר פון דער באַנדע און אָנגעהויבען איינצור־טענה'ען מיט איהם, וואָס ער וויל. ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלען איינקוואַרטירען די קאָזאַקען מיט די פערד (ס'זיינען גע־ווען רייטער), און זיי פאַרזאָרגען מיט האָבער פאַר די פערד א. ד. גל.

איך האָב איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז קוואַרטירען, ספּעציעל פאַר פערד, האָבען מיר ניט און קיין האָבער אויך ניט, איז דעריבער מיין עצה, זיי זאָלען זיך איינקוואַרטירען אין אַ דאָרף, און איך וועל זיי געבען אַביסעל געלט צו קויפען האָבער.

איך האָב זיך פאַרגלייכט מיט איהם פאַר פינף טויזענט רובעל, אָבער מיט'ן באַדינג, אַז ער זאָל זיך ניט איינקוואַרטירען אין אַ דאָרף נעבען דער שטאָדט, נאָר אין אַ דאָרף, קריניטשאַן, אַ פאַר ווערסט (קילאָמעטער) פון שטאָדט.

איך האָב אים אָנגעוויזען ספּעציעל דאָס דאָרף און ניט קיין אַנדערס, ווייל אַ האַלבער ווערסט פון דעם דאָרף איז געשטאַנען אונזער מיהל, פון וועלכער מ'האָט געקענט בעאָבאַכטען ביידע וועגען, וואָס פיהרען פון דאָרף צו אונזער שטאָדט און וועלבע האָט געקענט דינען, ווי אַ שוץ־פּונקט אין פאַל די באַנדע האַלט ניט קיין וואָרט און פּרובירט דאָך אָנצופאַלען אויף דער שטאָדט.

דער אָפיציר האָט איינגעשטימט צו דעם פאָרשלאַג און אויך, אַז זיינע קאָזאַקען זאָלען ניט כאַפּען קיין זאַך אָהן קיין געלט, נאָר פאַר אַלעס צאָהלען, (איך האָב ניט געוואָלט דערלאָזען צו הפקרות), און אויב זיי וועט אויספעהלען געלט, זאָל ער קומען צו מיר.

פאַרטיג מיט איהם טויג עס ערשט ניט. צווישען אידען האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט דער סוד, אַז די זעלבסט־שוץ איז גרייט צו אַנטוואָפענען די באַנדע און זיי וואַרטען בלויז אויף

מיין סיגנאַל. איז ווען איך בין געקומען און געהייסען געבען דעם אָפיציר די פינף טויזענט רובעל, זיינען אידען, דוקא על־טערע שטאָדט־בעלי־בתים, געוואָרען מיט אַמאָל העלדען און רק מיר זאָלען זיי אַנטוואָפענען. אַ קדחת זיי געבען, ניט קיין געלט.

ס'איז מיר אָנגעקומען זעהר שוועהר צו ערקלעהרען זיי, אַז געוועהר איז ניט קיין שפּילכעל און כאָטש איך בין זיכער, אַז מיר וועלען זיי אַנטוואָפענען, קען דאָך אָבער געשעהן, אַז איידער זיי וועלען דערזעהן די געפאַהר, קען אימיצער פון זיי אַ שאָס טאָן און איך וועל אפילו ניט אָוועקגעבען קיין מינדסטען נאָגעל פון קיין אידען פאַר פינף טויזענט רובעל (כאָטש ס'איז דאָ אַ גע־פאַהר אימיצער זאָל צופעליג אויך גע'הרג'עט ווערען).

חוץ דעם, האָב איך זיי געמוזט וואָרענען, אַז ווען מ'קען אויסקומען מיט געלט, וויל איך ניט, אַז מ'זאָל וויסען, אַז מיר האָבען נאָך ערגעץ באַהאַלטען געוועהר.

הכלל, מיט צרות און מיט אַנגסטען האָט מען צוזאַמענגע־נומען די פינף טויזענט רובעל און מיר זיינען פּטור געוואָרען פון דער באַנדע און פון דער פּאָגראָם־שרעק.

די קאָזאַקען האָבען געהאַלטען וואָרט. זיי פּלעגען אַריינ־קומען אין שטאָדט אַריין, קויפען און באַצאָהלען און זיך אויפגע־פיהרט אָנשטענדיג.

איך האָב סיי ווי פאַרזאָגט אַלע קערמער, אַז טאָמער געפינט זיך אַ כוליגאַן, אַ חזיר, און ער כאַפּט אַ פּעקעל סיגאַרען צו דאָס גלייכען און באַצאָהלט ניט, זאָל מען ניט מאַכען קיין געוואַלדען און קיין טומעל.

פון אַזוינע קלייניגקייטען פלעגען אָמאָל טרעפען גרויסע צרות. אַ סאָלדאַט, למשל, האָט געכאַפּט ביי אַ מאַרק־זיצערען אַן עפּעלע, צי עפּעס אַנדערש, און זי האָט אָנגעמאַכט אַ טומעל, איז זיך דערוייל צונויפגעלאָפען אַן האַרמאַדע (המון), ספּעציעל אין אַ יאַריד־טאָג, און פון אַזאַ צוזאַמענלויפעניש און טומעל איז קיינמאָל קיין גוטעס ניט אַרויסגעקומען, אויב ניט קיין פולער פּאָגראָם, איז גלאַט צורויבטע און צו'ממית'טע. ביי אונז אין שטאָדט אַליין איז שוין פאָרגעקומען אַזאַ פאַל. אַ פּאָר סאָל־

דאָטען האָבען ניט באַצאָהלט פאַר'ן עסען אין אַ פּריוואַטער רעס־טאָראַציע, איז די פרוי זיי נאָכגעלאָפען איבער דער גאַס, מיט אַזוינע קולות, אַז מ'האָט געמיינט ווער ווייסט, וואָס די סאָלדאַטען האָבען געטאָן. און ווען מיר האָבען זיי געכאַפּט און געבראַכט צום עלטסטען און ער האָט אויסגעהערט די באַשולדיגונג, איז ער געוואָרען אין כעס, און געווען גערעכט, און מיר האָבען געפיהלט זיך שולדיג. „וואָס — האָט ער גע'טענה'ט, — וואָלט געווען, ווען איך קום אַרויס און זעה אַנטלויפען סאָלדאַטען און מען לויפט זיי נאָך מיט אַזאַ געוואַלד, און שיס איינעם פון זיי צי ביידען”? אונזער פאַרענטפערונג איז געווען, אַז מיר האָבען אויך ניט געוואוסט, אַז זי איז אַזאַ נאַרישע אידענע.

.27

## מיר זעהען דעם טויט פאַר די אויגען

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אין איין שעהנעם מיטאָג איז געקומען צו לויפען צו מיר ליפּא באַרמאַט און מיר דער־ציילט, אַז אַ גוי'ע פון קריניטשאָן האָט איהם געזאָגט, אַז די קאָ־זאַקען קלייבען זיך אַנצופאַלען די נאַכט אויף דער שטאָדט.

אויף אַזוינע קלאַנגען האָט מען זיך קיינמאָל ניט געקענט פאַרלאָזען און זיי נעהמען ערנסט. דאָך האָב איך שוין געהאַלטען מיינע אויערען אָנגעשפּיצט. שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה איז געקומען צוגעהן אברהם הערש — עובדיהו'ס (גליקשטיין) מיט דערזעלבער געשיכטע, וואָס אַ גוי פון דעם דאָרף האָט איהם דערצעהלט. דער ענין האָט אָנגעהויבען צו שמעקען מיט ערנ־סטער געפאַהר, וויל אויב זיי האָבען טאַקע פאַרטראַכט אַזאַ אָנפאַל און נאָך ביינאַכט, איז, ראשית, איהם שווער צו קאָנטראָלירען און שנית, קענען זיי קומען מיט אַ פּאָר הונדערט שקצים און שיק־סעס, דערצו פון צווייערליי זייטען — דורך אונזער מיהל און דורך דער הויפּט־בריק, און קעגען אַזאַ אָנפאַל האָבען שוין אונ־זערע צוואַנציג ביקסען און רעוואָלווערען קיין ווערט ניט.

נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט צו פאַרטראַכטען אַ פּלאַן, קומט צו מיר דער סטאַרשינא (אַן עלטסטער איבער 18 סטאַראָס־טאַס פון 18 דערפער), וועלכער האָט געוואוינט טאַקע אין דעם דאָרף, און וואָרענט מיך, אַז ס'איז שלעכט מיט אונזער שטאָדט, ווייל ער ווייסט פאַר זיכער, אַז די קאָזאַקען גרייטען זיך אָנצופאַלען די נאַכט און רייצען נאָך שקצים מיט שיקסעס זיי זאָלען מיט־געהן מיט זיי. געוועהנליך האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז קיין בעל־הבית'ישע שקצים וועלען ניט געהן מיט זיי, אָבער ס'קענען זיך אַלעמאָל געפינען וואַגאַבונדען, וואָס זאָלען מיטלויפען. איצט איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט געווען, אַז די זאַך איז אמת. און דערווייל איז דער טאָג אַנטלאָפען, ווי מיט אַ שנעל־צוג און די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבען אָנצורוקען.

איך בין אַוועק אין טעלעפאָן־סטאַנציע און זיך פאַרבונדען מיט'ן קריגס־מיניסטעריום (פּעטליורא'ס מלוכה האָט זיך געפונען דעמאָלט אין אונזער גובערניאַלער שטאָדט, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק), זיי דערצעהלט, אַז אַן אָפּטיילונג פון עפּעס זייערער אַן אַרמיי, עפּעס אַ גרופּע פון אַ פערציג קאָזאַקען, געפינט זיך לעבען אונזער שטאָט און וויל אָנפאַלען ביינאַכט אויף אונז. דעריבער האָב איך זיי געבעטען זיי זאָלען אַראָפּשיקען צו אונז, מיט דעם לעצטען צוג, וואָס האָט ערשט באַדאַרפט פאַרלאָזען קאַמענעץ, איין אַטריאַד סאָלדאַטען מיט איין פּולעמיאָט (מאַשין ביקס). זיי האָבען מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דאָס איז בלויז אַ בבא־מעשה, ווייל זיי האָבען דאָרט ניט קיין סאָלדאַטען און ס'קען דעריבער ניט זיין זייערע אַן אָפּטיילונג דאָרט. אויף מיין פאַר־זיכערונג, אַז אַזאַ באַנדע, פיליכט אַ פאַרשטעלטע אונטער זייער נאָמען, איז זיכער דאָ, האָבען זיי מיר געענטפערט, אַז ליידער קענען זיי גאָרניט טאָן.

איך האָב זיך פאַרבונדען מיט'ן אידישען מיניסטער, פּנחס קראַסני, און ער האָט מיר געענטפערט, אַז מען מאַכט אַ ויברח און ער קען אויך גאָר ניט העלפען. אויף מיין פראַגע וועגען האַנדלען מיט „שפייעכץ" (געווער), האָט ער מיר געענטפערט צו טאָן ווי מיר פאַרשטעהען עס איז בעסער.

איך האָב דאַן אויך אָפּגערופען ה' קליידערמאַן, דער פאַר־

זיצער פון קאַמענעצער קהילה, און ער האָט מיר געגעבען דעמ־זעלבען ענטפער — און דאָ איז שוין באַלד נאַכט. ביי אַזאַ לאַגע פון אַ צוריקטריט פון פעטליוראַ'ס אַרמיי, איז דאָך שוין אַוודאי געווען אַ געפאַהר אַרויסצעווייזען געוועהר, ווייל אפילו מיר זאָלען באַזיגען די באַנדע, קען דאָך אַנקומען אַן אָפּטרעטענדע אַרמיי און טרעפען גע'הרג'עטע קאָזאַקען, און דעמאָלט איז דאָך במילא פאַרלאָרען די גאַנצע שטאָדט. איך האָב ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך אַליין אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכקייט, און איך האָב אויף שנעל גערופען אַ זיצונג פון פאָרשטעהער פון אַלע זעקס בתי־מדרשים. איך האָב זיי ערקלעהרט די גאַנצע סיטואַציע און די ענטפערס פון קאַמענעץ, און געשטעלט די פראַגע, אַז ווער עס איז דערפאַר מיר זאָלען אַרויסטרעטען מיט דער זעלבסטשוץ זאָל אויפהויבען די האַנט. אַלע האָבען אויפגעהויבען די הענט, חוץ מענדעל קיטאַי, דעם זינקיווער רב'ס איידעם, אַליין אויך אַ רב, אָבער אָהן אַ כסא־רבנות דערוויל. האָב איך געפרעגט, צי ער איז געגען, זאָגט ער: „ניין, נאָר מ'דאַרף ניט אויפהויבען די הענט" (אַ בושה אַפּנים אַזוינס צו טהאָן). מ'קען עס מאַכען אָהן אויפהויבען די הענט. מיר זיינען אַלע מסכים".

אָפּגעפאַרטיגט זיך דערמיט, בין איך געגאַנגען צום נאַ־טשאַלניק פון דער מיליץ, איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און איהם געבעטען, אַז ער זאָל מיר געבען אַן ערלויבעניש אַרויס־צוטרעטען מיט אַ זעלבסט־שוץ, אונטער זיין אויפזיכט און, דער עיקר, מיר איבערגעבען די מאַשין־ביקס מיט די פּאָר צעהנדליג ביקסען מיט עטליכע מיליציאַנערען פון דער מיליץ.

ער אַליין קען מיר קיין ערלויבעניש ניט געבען. נאָר ער וועט מאָרגען פאָהרען קיין קאַמענעץ צום זיין שעף, וועט ער מיר זיכער ברענגען אַן ערלויבעניש. איך האָב איהם דער־צעהלט, אַז עס איז אַ פראַגע פון דער אַנקומענדער נאַכט און צי ער שטימט איין, צי ניט, וועל איך אַרויסטרעטען מיט דער זעלבסט־שוץ, אָבער איך וויל, ס'זאָל געהן אונטער זיין נאָמען. און דער עיקר האָב איך דאָך געמוזט האָבען די מאַשין־ביקס, וואָס אָהן איהר האָבען מיר גאָרניט געקענט טהאָן.

הכלל, איך האָב געזעהן, אַז ער איז פאַר'עקשנ'ט, האָב איך

איהם געגעבען אַ האַלבע שעה צייט זיך צו באַרעכענען. אגב, וועגען דער פראַגע פון דער מאַשין־ביקס בין איך אַריינגעגאַנגען צו דעם פריהער דערמאָנטען אברהם הערש־עובדיהו׳ס, ביי וועמען אין הויז די מיליציע האָט זיך געפונען, און איהם געהייסען געבען דעם נאַטשאַלניק עטליכע הונדערט רובעל. ער האָט איהם דערלאַנגט דריי הונדערט רובעל און איך האָב שוין געטראָפען גאָר אַנאַנדערען פּריץ. ער האָט מיר שוין איבערגעגעבען די מאַשין־ביקס און אויך די ביקסען פון דער מיליץ און געהייסען ברענגען אונזערע ביקסען וועט ער זיי איבערקוקען, צי זיי זיינען ניט געזשאַוועט און שיס־פעהיג.

איך האָב גלייך געגעבען אַ באַפעהל, אַז די זעלבסט־שוץ זאָל נעהמען רעקוויזירען ביי די בעל־עגלות און קצבים פערד פאַר יעדען, זיי זאָלען זיך אָנטהאָן אין שינעלען (מעשה סאָלדאַט) און מאַכען הקפות אַרום דער שטאָדט. די מאַשין־ביקס האָב איך אַרויסגענומען פון מיליץ און אַוועקגעפיהרט און זי אַרויפגעצויגען אויף אַ גאַניק (דאַך) פון ישעיהו קאַטשאַי, אַ פּלאַץ־פּאָזיציע וואָס האָט אַראָפּגעקוקט צום הויפּט אַריינפאָהר פון שטאָדט און אויך, אין פאַל זיי זאָלען קומען אינגאַנצען, צי דורך איין אָפּגעטיילטע גרופּע, פון וועג פון אונזער מיהל, זאָל מען זי קענען אויסדרעהען אַהינצו.

אַלע מאָל פלעגט מען ביינאַכט אויסלעשען אַלע לאָמפּען, דאָס מאָל האָב איך באַפוילען, אַז אין יעדען הויז זאָל אין פראָנט־צימער ברענען אַ לאָמפּ אַ גאַנצע נאַכט.

אין רבי משה׳לעס קלויז האָב איך געמאַכט די הויפּט־קוואַרטיר, ווייל זי האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָדט און מיר האָבען זיך גענומען וואַרטען אויפ׳ן אָנפאַל.

מיר האָבען אָפּגעוואַרט אַ גאַנצע נאַכט און לא דובים ולא יער. צוויי־דריי טעג איז קיין קאָזאַק ניט אַריינגעקומען אין שטאָדט אַריין. אויפ׳ן דריטען טאָג איז זייער אָפיצער צוגעפאָהרען צו אונזער הויז דורך אַנאַנדער דאָרף פון דער צווייטער זייט, מיך אַרויסגערופען און, ציטערענדיג פון מורא, געהאַט טענות צו מיר: „דאָבראָדי, חכם, מיר האָבען דאָך עפּעס אָפּגעמאַכט איין אָפּמאַך, צום סוף שלאָפען שוין ניט מיינע קאָזאַקען די דריטע נאַכט,

ווייל מען האָט זיי געזאָגט, אַז מיר האָבען פופצעהן מאַשין־ביקסען און מיר קלייבען זיך אַרויסגעהן צו זיי, אום זיי צו אַנטוואָפענען״.
„דאָס איז טאַקע אמת, זאָג איך איהם, אַז מיר האָבען אַ שטאַרק אָרגאַניזירטע זעלבסט־שוץ און איך האָב זיי געוואָלט אַנטוואָפּע־נען נאָך דעמאָלט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען, נאָר אַזוי ווי מיר האָבען געמאַכט איין אָפּמאַך, האָב איך עס ניט געטאָן, און האָב עס איצט אויך ניט בדעה צו טאָן. נאָר אַזוי׳ ווי מען האָט אונז דערציילט, אַז די קאַזאַקען האָבען זיך געקליבען אָנצופאַלען אויף דער שטאָדט ביינאַכט, האָב איך אַרויסגעלאָזט די זעלבסט־שוץ. און זיי זיינען גליקליך, וואָס זיי זיינען ניט געקומען, עס וואָלט פון זיי קיין איינער ניט לעבען געבליבען״.
ער האָט געלייקענט שטיין און ביין די גאַנצע געשיכטע, און ער וויל בלויז איך זאָל האַלטען מיין אָפּמאַך און די קאַזאַקען זאָלען מעגען קומען אין שטאָדט אַריין עפּעס קויפען. איך האָב איהם געזאָגט, אַז פילייכט וויסט ער ניט וואָס די קאַזאַקען האָבען גע־וואָלט טהאָן, דעריבער געטרוי׳ איך זיי שוין ניט.
איך וועל זיי ערלויבען אַריינצוקומען אין שטאָדט, אָבער אָהן ביקסען און אַפילו אָהן די שווערדען און ער זאָל זיי וואָרענען, אַז זיי זאָלען אפילו ניט טראַכטען עפּעס צו טאָן שלעכטס, ווייל אונזער זעלבסט־שוץ איז אונזעהבאַר, זי איז אָבער אויף דער וואַך בייטאָג און ביינאַכט, און איין פאַרדעכטיגע האַנדלונג, קען זיי ברייינגען אַ שנעלען טויט.
ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זיי האָבען ניט קיין שלעכטע כוונות און אַוועקגעפאָהרען, רוהיג, צוריק אין דאָרף.

## 28.

## קליינע שטאָדט־שוץ־גרופּע פאַרטרייבט פּעטליוראַ׳ס אַרמיי

די באַנדע קאַזאַקען איז אַנטרינען געוואָרען ווי אַ שנעע אין אַ שעהנעם פריהלינג טאָג. זי איז נאָכגעלאָפען געוועהנליך דער גרעסערער באַנדע־אַרמיי, וואָס האָט אָפּגעטראָטען קיין גאַליציע

און די באָלשעוויקעס האָבען זיך איינגעבירגערט אין אונזער גע־גענט ביז דער אַלטער ניקאָלאַיעווער גרעניץ. כאָטש מיר האָבען גע־מיינט, אַז מיר זיינען שוין פּטור געוואָרען פון די פּעטליורא־באַנ־דעס, האָבען מיר אָבער דאָך נאָך געפיהלט זייערע נאָכוועהענישען. זיי פלעגען פון צייט צו צייט אָנפאַלען אויף די שטעדט, וואָס זיינען געלעגען נאָהענט צו דער גרעניץ און אָפּטאָן מעשים תעתועים. אַזוי זיינען זיי אַמאָל אָנגעפאַלען אויף האָרינין, ניט וויט פון קאַמענעץ און דאָרט דער׳הרג׳עט צוויי אידען, איינעם פון אונ־זער שטאָדט, זוסיא נחמיה׳ס (וואלאך), אַ דאָרטיגער איידעם. איהם האָט מען צוגעבונדען צו אַן עק פון אַ פערד און גע־שלעפּט איבער דער גאַס. דאָס איז געווען אַ מין הקדמה צו אַ פּרישען אַריינקום. און הגם איך פּערזענליך האָב נישט אָנטייל גענומען אין דעם, וואָס איך גיעה דאָ איבערגעבען, האָב איך אָבער שיעור ניט באַצאָהלט מיט׳ן לעבען דערפאַר, און דעריבער וועל איך עס דערצעהלען און ס׳וועט צוניץ קומען צו מאַכען קלאָר די לאַגע בנוגע איינִיגע קומענדע עפּיזאָדען.

אין איין טונקעלען פאַרנאַכט, האָט דר. חאָמסקי, אַ רייכען אַסימילירטען אַפּטייקער׳ס אַ זוהן און דר. ישראל׳ק שולמאַן, מיי־נער אַ פריינד און מיין פאָטער׳ס שותף׳ס אַ זוהן, צוזאַמענגע־רופען די קאַמענעצער שטאָדט־שוץ־גרופּע, אַ הונדערט פערציג בחורים, און זיי געמאָלדען, אַז אין אויבען־דערמאָנטען האָרינין קומט פאָר אַ פּאָגראָם און מען מוז לויפען ראַטעווען די שטאָדט. די שטאָדט־שוץ איז אַפילו ניט געווען קיין זעלבסטשוץ, וואָס איז מעהר ווייניגער געווען צוגעגרייט צו אַ קאַמף. דאָס זיינען גע־ווען בחורים, ווען דער שטאָדטראַט האָט אַרויסגעגעבען ביק־סען לויט דער רייהע נאָך צו האַלטען אָרדנונג אין שטאָדט, עס זאָלען ניט פאַרקומען קיין רויבערייען. צווישען זיי זיינען גע־ווען אַזעלכע מיליטער לייטע, ווי דער העברעאישער לעהרער אשמאַן (איצט אין תל אביב) און נאָך אַזוינע „מיליטער־העלדען״, אָבער קעגען פּאָגראָמשטשיקעס איז דאָס אַ געגנועגנדע מאַכט. מען האָט באַלד מאָביליזירט די חברה, אַרויפגעזעצט אויף וועג־נער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אָפּפאָהרענדיג אַ דריי־פיער ווערסט פון שטאָדט האָט מען זיי באַפוילען אַרונטערצו־

געהן און זיך צעשיטען אין אַ קייט. די בחורים האָבען פאַר־שטאַנען, אַז מען האָט זיי פאַרנאַרט און אַז דאָ וועט זיי גאָר אויסקומען צו קעמפען געגען אַ פעטליוראַ'שער אַרמיי, וואָס איז ניט לויט זייערע כוחות און ניט ווינשענסווערט, ווייל דאָס רוב בחורים זיינען געווען ציוניסטען און געוואוסט, וואָס פאַר אַן אחריות דאָס איז, אַרויסצורופען פעטליוראַ'ס נקמה־געפיהל, אָבער הינטער זיי איז נאָכגעפאָהרען אַ באָלשעוויק, מישקאַ, און די באַוואוסטע טשעקיסטין (אַ פּראָסטיטוטקע) פאַניאַטשקאַ, מיט פּולעמיאָטען און מען האָט זיי געסטראַשעט אויסצוקאָסען איינס אין איינס, אויב זיי וועלען ניט פאָלגען, און זיי האָבען געמוזט פאָל־גען. אגב אורחא איז כדאי צו באַמערקען, אַז ניט איינמאָל פלע־גען מיר די פעטליוראַ־אַרמיי אָפיציערען שטעכען די אויגען מיט: „וואַשאַ פאַניאַטשקאַ", (אייער פאַניאַ), ווייל זי פלעגט שיסען אוקראַינער אין דער גאַס, ווי מייז. און דאָס האָבען ניט געמוזט זיין שולדיגע, נאָר סתם גוים, וואָס זי האָט אָנגעטראָפען, ווען איר סאַדיסטישע שיס־לוסט איז זי באַפאַלען, ביז מען האָט זי איינמאָל געמוזט אַרויסנאָרען אויפ'ן נייעם פלאַן און זי דערשיסען.

פעטליוראַ איז געשטאַנען מיט זיין הויפּט־אַרמיי פון אַ פופ־צעהן טויזענט מאַן, פריש און גוט באַזאָרגט מיט אַמוניציע פון דער אַנטאַנט, און זיין אַוואַנגאַרד, אַ זעקס הונדערט מאַן מיט מאַשין־ביקסען און לייכטע האַרמאַטען און קאַוואַלעריע אָפּטיילונ־גען, האָט זיך געפונען אין אַ וועלדעל אַנטקעגען דער קייט פון די בחורים.

ס'האָט זיך אָנגעהויבען איין איבערשיסעניש, וועלכע איז אַריבערגעגאַנגען אין אַן אַטאַקע, און די בחורים האָבען דער־הרג'עט פערציג קאַזאַקען און אַ פאָלקאָווניק, פעטליוראַ'ס אַ מיניסטערס אַ זוהן, און דער אַוואַנגאַרד איז אַנטלאָפען צוריק קיין האַריבין און אָנגעמאַכט דאָרט אַזאַ פּאַניק אין דער הויפּט אַרמיי, אַז פעטליוראַ איז צוריק אַנטלאָפען קיין גאַליציע.

פעטליוראַ איז נאָכהער, דורך זיינע שפּיאָנען, געוואָהר גע־וואָרען, אַז דאָס איז ניט געווען קיין באָלשעוויסטישע אַרמיי, נאָר אַ קליינע גרופּע אידישע בחורים און זיין וועהטאָג און זיין בושה איז געווען נאָך גרעסער און שטאַרקער, בפרט אַז פון אידישען צד,

איז קיינער ניט געשעדיגט געוואָרען, חוץ איין בחור, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרען, געפאַלען אין אַ טייכעל און איז דער־טרונקען געוואָרען.

פעטליורא האָט געשוואוירען, אַז ער וועט נעמען נקמה פון קאָמענעצער אידען און ניט לאָזען אַ שטיין אויף אַ שטיין אין קאָ־מענעץ.

די פעטליוראָווסקע שטאַבנע אָפיציערען מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגענט ביי מיין פריינט, דר. האַלפּערין, אין שטוב האָבען מיר ערקלערט פאַרוואָס זיי האָבען דעמאָלט זיך אַזוי דער־שראָקען און אַנטלאָפען. זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז עס איז ניט געווען די אידען'ס שולד, אַז די באָלשעוויקעס האָבען זיי פאַרנאַרט און איך האָב געוואָלט פון זיי אַן ערקלעהרונג, פאַרוואָס זיי האָבען זיך דערשראָקען און אַנטלאָפען.

עס זיינען געווען צוויי סיבות (וואָס איז איין און די זעל־בע) וואָס האָט זיי איבערגעשראָקען. זיי האָבען געוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבען ניט קיין אַרמיי אין אונזער געגענד, אָבער זיי האָבען געוואוסט, אַז עס דאַרפען אָנקומען צוויי פון די בעסטע סטרעלקאָווע (שיס) דעוויזיעס, האָבען זיי זיך געאיילט צו פאַרנעמען קאָמענעץ איידער די דיוויזיעס קומען אָן, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ לייכטע זאַך. זיי האָבען געמיינט, אַז זיי וועלען אַריינמאַרשירען און די עטליכע באָלשעוויקעס וועלען אַנטלויפען, אַ זאַך וואָס האָט זיך געמאַכט זעהר אָפט.

אָבער דאָ האָט פּלוצים זייער אַוואַנגאַרד דערזעהן, צי דער־הערט (ווייל עס איז דאָך געווען אין אָוועגט) פאַר זיך אַ מיליטער קאָמאַנדע, האָבען זיי געמיינט, אַז דאָס זיינען שוין די שיס־דיוויזיעס אָנגעקומען. דערצו האָט נאָך צוגעשפּיעלט אַ צופאַל, וואָס האָט זיי גאָר איבערגעשראָקען צום טויט. אַ פריץ האָט ווייטער מיט אַ פאָר ווערסט, אין דער זייט, געהאַט אַ פּלאַץ, וואו ער האָט געפּלעגט אָגערס (פערד). אַז ער האָט דערהערט דאָס נאָהענטע שיסעריי, האָט ער מורא געהאַט, אַז די סטאַניע (סטיי־בעל) וועט זיך אָנצינדען און די פערד וועלען פאַרברענט ווערען, האָט ער זיי אַרויסגעלאָזט פון סטאַניע. פערד זיינען פערד, אַרויסגעלאָזט, האָבען זיי אָנגעהויבען צו לויפען איבער'ן פעלד.

עס איז געווען אַ לבנה־נאַכט. פינקטליך זעהן האָט מען ניט געקענט, אָבער מען האָט אָנגעזעהן אַ באַוועגונג פון פערד, האָבען זיי געמיינט, אַז דאָס וויל מען זיי אַרומרינגלען און אָפּשניידען דעם וועג צוריק, און דאָ האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קאָמאַנדע צו געהן אין האַנד צו האַנד שלאַכט און די בחורים האָבען אָנגעמאַכט אַזאַ גוואַלד, (זיי האָבען נעבאַך פּשוט געשריען פאַר שרעק), אַז זיי האָבען געמיינט, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ שטאַרקע אַרמיי זיי האָבען פאַר זיך און זיי האָבען אָנגעהויבען צו אַנטלויפען, און דערפאַר פאַרלוירען אַזוי פיעל קאָזאַקען אומזיסט און מיט זייער אַנטלויפען האָבען זיי אַריינגעבראַכט אַזאַ פּאַניק, אַז די הויפּט־אַרמיי האָט זיך אויך דערשראָקען און אַנטלאָפען צוריק קיין גאַליציע, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז פאַר דעם ביסעל באָלשעוויסטישע סאָלדאַטען, איז גענוג געווען דער אַוואַנגאַרד אַליין זיי צו פאַרניכטען, אויב אַפילו זיי זאָלען זיך פּראָבירען אַנטקעגען שטעלען.

מיר האָבען דאָך אויך ניט געוואוסט וועגען דעם נס, וואָס עס איז געשעהן. און, אַז מיר האָבען געזעהן, אַז אַזאַ קליינע גרופּע בחורים־מלמדים, האָט געקענט פאַרטרייבען פּעטליוראַ׳ן צוריק קיין גאַליציע, איז דאָס געווען פאַר אונז אַ באַווייז, אַז פּעטליוראַ׳ס אַרמיי איז שוין צעשמעטערט געוואָרען און דאָס זיינען בלויז קליינע גרופּעס, באַנדעס, וואָס האַלטען זיך אויף ביי דער גרעניץ און פּרובירען זיך אַלע מאָל אַריינרייסען אין אַן אַנדער שטאָדט צוליב רויב און מאָרד צוועקען.

דער שוידערליכער מאָרד פון אויבען דערמאָנטען זוסיא נחמיה׳ס האָט אויפגעטרייסעלט און אויפגערעגט ביז צו גאָר און איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען וואָס צו טאָן עפּעס צו פאַרמיידען אַזעלכע פּלוצליכע רויבערישע און מערדערישע אָנפאַלען.

פּלוצלונג האָבען זיך דערטראָגען קלאַנגען צו אונז אין שטאָדט, אַז די שכנה׳שע שטאָדט, ליאנצקאָרון, אַ פופצעהן ווערסט פון אונז און כמעט אויף דעמזעלבען שטח פון גרענעץ, ווי האָריניץ, האָט מורא פאַר אַן אָנפאַל, ספּעציעל בשעת אַ שטאָדט־יאַריד, וואָס דאַרף פאָרקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום. איין מאָל אין אָוועגט

דערזעה איך אַ פוהר מיט בעטגעוואַנט, אָנקומענדיג פון ליאַנצ־קאָרון. איך טהו אַ קוק עס איז מאַטיע לעטיוועך, מיינעם אַ קוזינס אַ שוואָגער: מען האָט מורא פאַר מאָרגענדיגען יאַריד. דאָס האָט מיך געמאַכט דורכצופיהרען שנעל, מיין פאַרטראַכטען פּלאַן.

.29

# אַ נס, וואָס איך האָב ניט אוספּעיעט צו אָרגאַניזירען אַ זעלבסט־שוץ אַרמיי

מיין פּלאַן איז געווען צו אָרגאַניזירען אין יעדער שטאָדט אויף דער גאַנצער לענג פון גאַליציע־פראָנט, פון זוואַנעץ ביז וואָלאָטשיסק, זעלבסטשוצען און די אַלע זעבלסטשוץ־גרופּען צו פאַראייניגען אין איין אַרמיי מיט די נויטיגע פאַרבינדונגען, אַזוי, אַז ווען ס׳וועט זיין אַן אָנפאַל אויף איין שטאָדט, זאָלען די נאָהענטע קענען קומען צו הילף, אויב נויטיג.

איך האָב טאַקע גלייך אָנגעפאַנגען פון דעם פאַל ליאַנצקאָרון. איך האָב גלייך מאָביליזירט אַ פּאָר צעהנדליג חברים פון די בעסטע און העכסטע, זיי אָנגעטאָן אַלס רעגעלע סאָלדאַטען מיט פולער אַמוניציע און אַזוי ווי צו אונז אין וואָלאָסט איז צופעליג אָנגעקומען אַ באָלשעוויסטישער אָפיציר פון קאַמענעץ, האָב איך איהם אויך אויפגעזעצט מיט זיי און אַרויסגעפראַוועט די מחנה קיין ליאַנצקאָרון. דאָס איז געווען אַ מיטוואָך אָוועגד און אויף מאָרגען האָט מען זיך דאָרט געשראָקען פאַר׳ן יאַריד.

אויפ׳ן וועג האָט זיך דער אָפיציר אָנגע׳שכור׳ט און אָנגעהויבען פּלאַפּלען אַנטיסעמיטישע שטיק, האָט איהם אונזער קאָפּיטאַן, משה׳לע הויכמאַן, אַרונטערגעוואָרפען פון דער פוהר און זיי זיינען אַליין אַוועקגעפאָהרען. אָנגעקומען קיין ליאַנצקאָרון, האָבען זיי גלייך צושטעלט פּאָסטענס אין אַלע עקען שטאָדט און די אַידען האָבען ממש פריי אָפּגעאָטעמט. דער יאַריד איז אָפּגעגאַנגען אין פולער אָרדנונג און אין אָוונט האָט מען געפראַוועט פאַר

אונזער חברה — אַ סעודה׳לע מיט וואַרעניקעס און געטראַנקען כיד המלך.

אויף צומאָרגענס האָב איך פאַררופען אַ מאַסענפערזאַמלונג אין דער גרויסער שוהל, ערקלעהרט די סיטואַציע און מיין פלאַן און פאָרגעשלאָגען אַ מאָביליזאַציע פון אַכצעהן ביז פינף־און־פוציג. בלויז צוויי זיינען אַרויסגעטראָטען געגען. נחמן דער זבביל׳יכעס, ווייל ער האָט געהאַט אַ זוהן אַ בן־יחיד און בעני דינצין, אַליין אַ בן־יחיד. איך האָב זיי געוואָרענט, אַז ס׳קען ניט זיין קיין אויסנאַהם און ווער ס׳וועט זיך אויסבאַהאַלטען, וועלען מיר קאָנ־פיסקירען זיין פאַרמעגען.

גלייך ביי דער אסיפה האָבען מיר באַשטימט די אויסגעדינטע סאָלדאַטען צו לערנען די מאָביליזירטע הלכות שיסעריי און די קלויזען באַשטימט, אַלס לערן־פונקטען.

איך האָב אָנגעשריבען אַ ספר־התקנות פאַר אַ זעלבסטשוץ און אַוועקגעפאָהרען קיין קאַמענעץ צום רעווקאָם (רעוואָלוציאָנערע קאָמיטע) זיי ערקלעהרט מיין פלאַן און זיי געוויזען, אַז איך האָב שוין נעכטען אָנגעהויבען די אַרבעט מיט שיקען אַ גרופע אין ליאַנצקאָרון און איך האָב געפאָדערט פון זיי, מיר צו געבען אַמו־ניציע.

מ׳האָט מיר געהייסען קומען פרייטאג פריה, ווען מען וועט מיר געבען אַן ענטפער. פרייטאג פריה טרעף איך שוין דאָרט ה׳ שולמאַן און נאָך אַ פּאָר אַזעלכע ווי ער, און מ׳האָט מיר צוגע־זאָגט געבען די געפאָדערטע אַמוניציע, אָבער אונטער איין באַדינג, אַז איך זאָל אַרויסוואַרפען פון ספר־התקנות די ווערטער: „יעוו־רעיסקאַיאַ נאַציאָנאַלנאַיאַ״ (אידישע נאַציאָנאַלע).

איך האָב דערקענט אין די גוי׳אישע נעזער, אַז זיי געפעלט שטאַרק מיין פלאַן און דאָס זיינען בלויז די אידישע סאָציאַליסטישע מה־יפית׳ניקעס, וואָס ווילען איך זאָל אויסמעקען די צוויי ווער־טער.

איך האָב ערקלעהרט די גויים, אַז הגם איך אָרגאַניזיר דאָס געגען פעטליורא׳ן, טאָר עס אָבער ניט טראָגען אַזאַ כאַראַקטער, אין פאַל זיי וועט אויסקומען צו אַנטלויפען. אַז ס׳איז אַ אידישע נאַציאָנאַלע זעלבסטשוץ, צו באַשיצען די שטאָדט פון רויב־אָנ־

פאַלען, קען עס דינען אַלס אַ תירוץ פאַר פּעטליוראַ׳ן, אַז מיר האָבען אין זינען געהאַט לאָקאַלע שטאָדטישע אינטערעסען. ווען אָבער ס׳זאָלען ניט שטעהן די ווערטער: „יעווריעיסקאיא נאַ־ציאָנאַלנאַיאַ״, פאַרשטעהט פּעטליוראַ, אַז גויים האָבען ניט מורא פאַר קיין אָנפאַלען און וועט זעהן אין דעם אַ צייכען פון אַ באַל־שעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. די גויים האָבען ערקלעהרט די אידען, אַז איך בין גערעכט, האָבען די לעצטע געוואָלט, איך זאָל כאָטש אויסמעקען דאָס וואָרט: „נאַציאָנאַלנאַיאַ״, אָבער איך האָב זיך איינגע׳עקשנ׳ט און מ׳האָט מיר באַכגעגעבען און גע־הייסען אַרויפקומען מאָרגען אין פּושקינסקי טעאַטער, וואו עס וועט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון סאָלדאַטען און פּויערים און דאָרט וועט מיר דער פאָרזיצער געבען אַ שיין אין די אַמוניציע־סקלאַדען, מיר צו געבען געווער וויפיל איך וויל.

דער „רעווקאָם״ האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מיין פאָרשלאַג. ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין מיליטער אין אונזער געגענט און דאָ האָבען זיי דערזעהן פאַר זיך אַ מעגליכקייט צו קריגען אַ פּאָר טויזענט אַזעלכע איבערגעגעבענע קעמפער, ווי עס האָט זיי שוין באַוויזען דער פאַקט: ליאַנצקאָרון.

שבת בין איך אַריינגעקומען אין טעאַטער, זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעהערט אייניגע דרשות און געוואַרט, אַז דער פאָרזיצער פון דער אסיפה זאָל זיך באַפרייען, וועל איך נעהמען ביי איהם די אָנווייזונגען אין די אַמוניציע סקלאַדען.

אין מיט׳ן פון איין דרשה, לויפט אַריין, פאַרסאָפּעט, אַן אַרמיי־פּאָלקאָווניק מיט אַ געוואַלד: „איהר זיצט דאָ? פּעטליוראַ איז שוין נאָהענט צו דער שטאָדט״.

ס׳איז ניט גרינג זיך פאָרצושטעלען די סומאַטאָכע, וואָס עס איז געוואָרען. איך האָב געהאַט ביי זיך אַ צעטעל פון מאָבילי־זירטע ביי אונז אין שטאָדט, כדי צו ווייזען די קאָמיסאַרען פון „רעווקאָם״ די וויכטיגקייט פון מיין אונטערנעהמונג, האָב איך דאָס צעטעל שוין צוריסען און זיך געלאָזט לויפען אויפ׳ן פּוי־לישען פּילווערוק צו מיינע אייגענע.

איך האָב געכאַפּט אַ קאַראַבינקע (אַזאַ מין עסטרייכיש ביק־סעל) און זיך געלאָזט לויפען צום וואָקזאַל צו אַנטלויפען אַהיים.

בין אָפּגעלאָפן אַ פּאָר גאַסען און באַרעכען זיך: וואו איז מיין שכל. ראשית, וואָס טויג מיר די קאַראַבינקע? איך בין דען אַ שיסער? שנית, וואָס פאַר אַ זינען האָט עס בכלל צו לויפן צום וואָקזאַל? טאָמער יאָגען מיך די פּעטליוראָווצעס אָן, צי טאָמער האָבן זיי אָפּגעשניטן ערגיץ וואו דעם וועג פון קאָמע־נעץ צו אונז אין שטאָט? איך האָב גלייך דערזען דאָס גרויסע נאַרישקייט פון אַזאַ איבעראיילטן, ניט באַרעכנטן טהאָט, און זיך געלאָזט לויפן שנעל, צוריק.

צוקומענדיק צום אַריינגאַנגס־טויער, איז אָנגעלאָפן אַ אי־דישער בחור, אַ וואָרף געטאָן אַ ביקס לעבן מיר און מיר גע־זאָגט, כאַפּ זיך גלייך אַריין און באַהאַלט זי, ווייל די פּעטלוראָוו־צעס יאָגן אונז נאָך הינטער די פּלייצעס.

איך האָב אַריינגעכאַפּט זיין ביקס און בין אַראָפּ אין קעלער און גוט באַגראָבן אין דער ערד, סיי זיין ביקס, סיי מיין קאַראַ־בינקע און בין אַרויף אין הויז, פאַרמאַכענדיק גוט דעם אַריינ־גאַנגס־טויער.

איך האָב נאָך ניט באַוויזן אָפּצורוהען זיך עטליכע מינוט, איך טהו אַ קוק, אַ פּעטלוראָוועץ שטעהט שוין אויפ׳ן דעכעל פון אונטערשטען הויז (ס׳איז געווען אַ צוויי שטאָק) לעבן מיין פענס־טער. איך האָב גלייך געעפענט דאָס פענסטער און פרעג איהם, וואָס ער האָט זיך באַדאַרפט מטריח זיין קריכען אויפ׳ן דאַך, איך וואָלט איהם אַריינגעלאָזט דורכ׳ן טויער. ענטפערט ער מיר מיט רציחה, נאָך וואָס מיר האָבן פאַרהאַקט דעם טויער. די באָל־שעוויקעס באַהאַלטען זיך אויס אוודאי ביי אונז. זאָג איך איהם: „חס ושלום. פאַרקעהרט, איך האָב געזעהן דורכלויפן אַ באָל־שעוויק מיט אַ ביקס, האָב איך מורא געהאַט, ער זאָל זיך ניט אַריינכאַפּען אַהער, און פון דאַנען אַרויסשיסען, האָב איך פאַר־האַקט דעם טויער דערפאַר״. דאָס איז איהם געפעלען געוואָרען און ער איז אַריינגעקראָכען דורכ׳ן פענסטער און מיט מיר אַראָפּ־געגאַנגען. איך האָב געעפענט דעם טויער און ערקלעהרט די דרויסענדיגע פּעטליוראָווצעס די זעלבע געשיכטע און זיי האָבן מיר געגעבען קרעדיט דערפאַר, אַז איך האָב קלוג געטאָן און זיך געלאָזט לויפן ווייטער.

ווען איך בין אַרויסגעקומען צוריק אין הויז, איז נאָך מיין קרוב געווען בלייך און צושראָקען, און אַזוי די איבעריגע אין הויז. זיי האָבען געמיינט, אַז די פעטלוראָווצעס וועלען מיך דאָרט אויפ'ן טויער דערשיסען. אַזוינע פאַלען זיינען ניט געווען קיין זעלטענהייט אין די אָפטע אַריינקומעכצען און צוריקטרעטעכצען, ווען אַלע סאָלדאַטען, אפילו די בעסטע, זיינען ווילד און האַנדלען ווי חיות.

ווען פעטליוראַ קומט ניט אַריין אַזוי שנעל, ווען איך קריג דאָס געווער און שטעל זיך אַנטקעגען דער אַרמיי, מיינענדיג, אַז ס'איז בלויז אַ באַנדע, וואָלט ער ניט נאָר געווען פאַרניכטעט אונזער גאַנצע זעלבסטשוץ־אַרמיי פון אַ פּאָר טויזענט מענשען, נאָר פיליכט אויסגעקוילעט אַלע אידען פון געגענד.

## .30

# אוקראַינישע פּראָפעסאָרען ווייגען פּאַר פעטליוראַ'ן און בעטען בטל צו מאַכען די שבועה

אַזוי ווי מען איז אין שטאָדט געוואָר געוואָרען, אַז פעטליוראַ קומט, און וועגען זיין שבועה חרוב צו מאַכען קאַמענעץ, האָבען מיר שוין געוואוסט, האָט ה. קליידערמאַן, דער פּאָרזיצער פון דער קהילה, אַן אַלטער פּאַטריאַכאַליש־אויסזעהענדער איד, אָרגאַניזירט אַ דעלעגאַציע פון דער שטאָדט, אידען, רבנים, גלחים, קסיאָנדזעס (פוילישע גייסטליכע) און פּראָפעסאָרען פונ'ם איינציגען אוקראַינישען אוניווערזיטעט און איז אַרויסגעפּאָהרען מיט זיי צו באַגעגענען פעטליוראַ'ן איידער ער קומט אַריין אין שטאָדט אַריין. די אידען, רבנים און גוי'אישע גייסטליכע האָבען ניט געקענט ברעכען פעטליוראַ'ס רציחה פאַר דער מפּלה, וואָס ער האָט געליטען פון די הונדערט פערציג אידישע בחורים. ערשט ווען די פּראָפעסאָרען האָבען זיך צעוויינט און איהם געזאָגט, אַז עס איז אונערהערט, אַז מ'זאָל באַשטראָפען אַ שטאָדט (פון אַ צוואַנציג

טויזענט אידישע איינוואוינער) פאַר אַ זינד פון עטליכע בחורים, וואָס זיינען אויך ניט שולדיג, ווייל זיי זיינען פאַרפיהרט געוואָרען און מען האָט זיי געצוואונגען נאָכהער צו קעמפען, האָט ער ערשט נאָכגעלאָזט פון דער רציחה און צוגעזאָגט, אַז עס וועט גאָרנישט געשעהן דער שטאָדט.

אָט דער „גאָר ניט", האָט אָפּגעקאָסט די אידען אַכט הרוגים, חוץ דער קאָנטריבוציע, וואָס מ'האָט באַדאַרפט צונויפזאַמלען וועש, א. ד. גל. פאַר דער ארמיי.

פאַר אַ פּאָר טעג צייט איז ערקלערט געוואָרען קריגס צו־שטאַנד און עס האָט קיינער ניט געטאָרט געהן אין גאַס, חוץ אַ דריי אידען, מיט מיין קרוב'ס ברודער בראש, וועלכע האָבען באַ־דאַרפט צונויפזאַמלען די קאָנטריבוציע.

אויפ'ן צווייטען טאָג, ווער איך געוואָר, אַז די פּעטליוראָווצעס געהען אין די הייזער, פון וואַנען די הונדערט פערציג בחורים זיינען געקומען, צו אַרעסטירען די בחורים און זוכען געוועהר.

און דאָ האָבען מיר צוויי פּגרים, אי באַגראָבענע ביקסען, אי צוויי בחורים. מיינע קוזינס פון דעם הויז, זיינען צווישען די געזוכטע. איינער איז גראַדע ניט געווען אין שטאָדט. נו, בין איך דאָך דער צווייטער, קען עס דען אַנדערש זיין?

איך שלאָג פאָר, אַז מיר זאָלען ביידע אָוועקגעהן אין שטאָדט אַריין צו דעם אָנקעל, (גדליהו גאַנדעלמאַן, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פון פּעטליוראַ'ן צו זאַמלען די קאָנטריבוציע), ווייל ער האָט די גאַנצע צייט פון די באָלשעוויקעס אויסבאַהאַלטען ביי זיך אַ פּעטליוראָווסקע אָפיצערשע, וואָס איהר מאַן, וואָס איז איינגע־שטאַנען ביי איהם, איז אַזוי שנעל אַנטלאָפען, אַז ער האָט ניט קיין צייט געהאַט צו קומען נאָך איהר. האָבענדיג אַזאַ זכות, וואָלטען מיר דאָרט געווען זיכער. אָבער ווי אַזוי קומט מען אַהין? אַ שכן פון מיין קרוב איז געווען אַ פאַדריאַדטשיק ביי פּעטליו־ראַ'ן (אַ צושטעלער פון פּראָדוקטען, צי געהילצען, געדענק איך ניט), האָב איך גענומען ביי איהם פּעטליוראַ'ס אַ שיין, (אַ פּאַ־פּירעל אַזאַ), וואָס האָט געהאַט אַ פּעטליוראָווסקי פּאָדקאָווע (נאַ־ציאָנאַלער הערב) און גערעכענט, אַז דערמיט וועלען מיר זיך קענען צושלאָגען צו גדליהו'ן. איז אָנשטאָט חכם, וועל איך

הייסען: קאָנטאָר. ווען מיר זיינען שוין געווען האַלב באַרג אַרויף צו דער גימנאַזיע, כדי פון דאָרט זיך דורכצוכאַפּען מיט אַ גאַס, וואָס פיהרט גלייך צו דעם גדליהו'ן, איז אָנגעקומען פון דער שטאָדט מיין קוזינס אַ באַקאַנטער שגץ און געוואָרענט אונז ניט צו וואַגען געהן ווייטער, ווייל מען וועט אונז זיכער שיסען, ספּעציעל מיך, וואָס האָב געטראָגען אַ סטודענטען־היטעל. מיין קוזין האָט זיך דערשראָקען און געוואָלט צוריקגעהן, אָבער איך האָב איהם געוואָרענט, אַז צוריק איז מעהר סכנה, ווי אַהין, און איהם געהייסען מיר נאָכגעהן.

ווען מיר זיינען אַרויפגעקומען אויפ'ן באַרג איז געשטאַנען אַ פּעטליוראָוועץ הינטער אַ בוים, מיט אַ ביקס, געצילעוועט גלייך צו אונז. ווען מיר דרעהען זיך נאָר אויס צוריק, וואָלט ער אונז זיכער געשאָסען, אָבער אַז מיר געהען אַהין, ד. ה. גלייך אין פייער אַריין, האָט ער אונז גאָר ניט געזאָגט און געלאָזט געהן ווייטער. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו די דריי ברויט (אַזאַ מין קלויסטער) וואָס האָט געהאַט אַ גאַס צום גובערנאַטאָר'ס פּאַלאַץ (וואו פּעט־ליורא'ס קאָמענדאַטור איז געווען) און בלויז איין גאַס צו גדליהו'ן, האָט אונז אַ פּעטליוראָוועץ אָפּגעשטעלט. איך האָב איהם דער־קלערט, וואוהין מיר געהען, געוויזען דאָס פּאַפּירעל און איהם געבעטען, ער זאָל צושיקען אַ פּעטליוראָוועץ מיט אונז, ווייל ער זיך איבערצייגען, אַז ביי אונזער אָנקעל איז דאָ אַן אָפּיצערשע, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטען פון די באָלשעוויקעס. אָבער דער סאָלדאַט האָט מיר, גראַדע, העפליך, ערקלעהרט, אַז ער גלויבט מיר אַלעס, אָבער ער מוז אונז שיקען אין דער קאָמענדאַטור. און געשיקט. דאָס פּאַפּירעל, אַז עס האָט ניט געדינט דעם צוועק, איז שוין געוואָרען אַ געפאַהר און איך האָב עס שוין פאַרבאַ־האַלטען און אַנגעגרייט דעם סטודענטען־בילעט. אין מיטען דער גאַס פון די דריי ברויט איז אָנגעפאָהרען, אין איין אָפּענעם אויטאָמאָביל, דער קאָמענדאַנט מיט נאָך אַ פּאָר עלטסטע. ער האָט אונז אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט מיין סטודענטען־בילעט, מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך קום אַהער, אַז איך בין אַ סטודענט פון אַדעס. איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז איך בין אַנטלאָפען פון אַדעס, ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַריין און וואוהין מיר געהען,

און וואָס אונזער פעטער האָט געטהאָן פאַר אַ פעטליורא־אָפיצער׳ס פרוי ווענען. ער האָט געזאָגט דעם סאָלדאַט, מען זאָל אונז צופיהרען אין קאָמאַנדאַטור און הייסען אונז גלייך באַפרייען און צושיקען מיט אַ סאָלדאַט צום פעטער׳ס הויז.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָרט, איידער וואָס־ווען, קענען מיר אַריינכאַפּען נאַהייקעס. האָב איך געזאָגט מיין קוזין, ער זאָל מאַכען פסיעות גסות, ווי איך, ווען מיר וועלען צוקומען צום אַריינגאַנג. דער סאָלדאַט איז געוועהנליך געגאַנגען מיט אַ ביקס הינטער אונז. דאָס ערשטע צימער איז געווען ריזיג־גרויס און פערציג־פופציג קאזאקען, ווילדע חיות מיט נאַהאַיקעס, זיינען געזעסען אויסגעזעצט, גרייט צו דערלאַנגען, אָבער איידער נאָך זיי האָבען געהאַט אַ געלעגענהייט צו זעהן, אַז מיר זיינען אַרעס־טירטע, זיינען מיר שוין געווען אין צווייטען צימער, לעבען סעק־רעטאַר פון קאָמענדאַטור. דאָ האָט מיר גראַדע אַרויסגעהאָלפען דאָס סטודענטען־היטעל, ווייל זיי האָבען געהאַט פוילישע סטור־דענטען־שפּיאָנען, האָבען זיי געמיינט, אַז איך בין איינער פון זיי.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אונז געהייסען אָוועקזעצען און אָנ־געהויבען אונז זאָגען מוסר, פאַרוואָס אידען זיינען באָלשעוויקעס. ער, דער סעקרעטאַר, האָט ניט געקענט רעדען קיין אוקראַיניש־גוי׳איש, האָב איך שוין דוקא געקנאַקט צו אים אָן אמת׳ן גויאיש, אים באַוויזען, אַז זיי מאַכען אַ טעות, ווייל ניינציג פּראָצענט פון די אידען זיינען ציוניסטען, ד. ה. זיי ווילען אַ סאַמאָסטינע (זעלבסטשטענדיגע) פּאַלעסטינע, קען דאָך ניט זיין מיר זאָלען זיין געגען אַ סאַמאָסטינע אוקראַינע. ער האָט מסכים געווען און געזאָגט, אַז ער וועט נאָר איבערקוקען די צעטלען פון די באָלשעוויקעס, (זיי האָבען אַלעס פאַרכאַפּט, אַזוי שנעל זיינען זיי אַריין), אויב נאָר אונזערע נעמען זיינען נישטאָ דאָרט, האָט ער צו אונז גאָרניט.

פּטור פון אים, זיצט אַקעגען אים, און לעבען מיר, עפּעס אַ גלח מיט אַ קליין בערדעל און ווענדעט זיך גלייך צו מיר מיט אַן ערנסט־ציניש־ער, שעלמישער פראַגע: „אַ זאַשטשאָ וואַשע זשידקי סטרעליאַלי, נאַ נאַשיך סאָלדאַטיוו איז וויקאָן״? (פאַר־וואָס זשע האָבען אייערע אידעלאך געשאָסען אויף אונזערע סאָל־

דאַטען פון די פענסטער). די סכנות'דיגע פראַגע האָט מיך אַריינ־געבראַכט אין אַ רציחה און איך האָב זיך געווענדעט צום סעק־רעטאַר פון קאָמענדאַנטור און געטייט אויפ'ן גלח מיט אַ פינגער, ווי אסתר אויף המנ'ען — „אָט אַזוינע גלחים מאַכען חרוב דאָס אוקראַאינישע זעלבסטשטענדיגקייט. זיי רייצען צו פאָגראָמען און פאַרשוואַרצען אין דער וועלט דאָס פנים פונ'ם אוקראַאינישען פאָלק, און די וועלט וועט קיינמאָל ניט דערלאָזען, אַז אַ פאָלק, וואָס מאַכט פאָגראָמען, זאָל ווערען זעלבסטשטענדיג". און צו אים האָב איך זיך געווענדעט פונקט מיט אַזאַ סאַרקאַסטישע פראַ־גע: „פון וואַנען ווייסטו, אַז מען האָט בכלל געשאָסען פון די פענסטער? און אויב אפילו יאָ, ווער ס'האָט געשאָסען? אפשר גאָר דיינע, אוקראַאינישע, קאָמוניסטען, וואָס זיינען כמעט מעהר ביי די באָלשעוויקעס ווי אידען?" דער סעקרעטאַר האָט נאָכאַ־מאָל איינגעשטימט מיט מיר און געזאָגט, אַז אָבי מיר זיינען ניטאָ אין צעטעל, קען מען צו אונז גאָר ניט האָבען. ער האָט געזוכט און געזוכט און נאָכהער אונז געהייסען געהן זיך אַוועקזעצען אין אַ זייט.

איך האָב געמיינט, אַז ער וואַרט בלויז אויף דער געלעגענהייט צו קריגען אַ סאָלדאַט אונז אָפּשיקען צו גדליהו'ן.

## 31.

# אַ טאָג אין דער פעטלוראַ־קאָמענדאַנטור

מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט און זיך אַוועקגעזעצט נעבען אַ פענסטער און געוומען וואַרטען. יעדע מינוט איז גע־ווען אַ שעה. דערוויל רוימט מיר איין מיין קוזין אַ סוד אין אוי־ער: „דו ווייסט? מיר זיינען גליקליך, וואָס האָסטו ניט געוויזען קאָנטאָר'ס פאַפּירעל, וויל זיינער אַ קוזין, אויך אַ קאָנטאָר, איז געווען אַ הויפּט־מאַכער ביי די באָלשעוויקעס". דאָס פאַפּירעל איז געווען צו־גרויס, מ'זאָל עס קענען פאַרשטעקען, זיצענדיג דאָ אין גיהנום, צווישען גיהנום־שמשים. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז ביי מיר אין בייטעלע ליגט אַ קליין שטיקעלע פאַפּיר מיט אַן

אַדרעס עפּעס פון אַ קיעווער באָלשעוויסטישער קאָאָפּעראַטיוועד געזעלשאַפט, מיט וועלכער איך האָב בדעה געהאַט זיך צונויפצו־שרייבען. איך האָב אַריינגעלעגט די הענט אין די קעשענעס און אָנגעהויבען צו זוכען דאָרט אין בייטעלע דאָס פּאַפּירעל מיט׳ן אַדרעס. ס׳זיינען דאָרט געווען געוועהנליך אַנדערע פּאַפּירלאַך, חוץ געלט, און געה זיי אַ נביא, וועלכעס ס׳איז דאָס געפעהרליכע. אָבער איך האָב אַזוי לאַנג איבערגעטאַפּט אַלע פּאַפּירלאַך, ביז איך האָב באַשלאָסען וועלכעס ס׳איז די קראַמאַלע, עס אַזוי צו־פּיצעלט אויף פּיצפּיצעלאַך און זיך געכאַפּט אָפּוואַשען כלומרשט די נאָז און אַראָפּגעשלונגען די קראַמאַלע. איצט האָב איך נאָך דאָס פּעטליורישע פּאָדקאָווע פּאַפּירעל, וועלכעס איז צו גרויס צו פאַרניכטען און אַראָפּצושלינגען און דאָך איז עס אַ גרויסע געפאַהר, אויב מ׳זאָל אונז ניט פריי לאָזען און אָוועקפיהרען אין אַן אַרעסט־צימער און דאָרט באַזוכען. איך האָב אָבער ניט געזעהן קיין וועג, ווי אַזוי פּטור צו ווערען דערפון, סיידען דאָרט אין צימער בשעת׳ן באַזוכען, און אָט אַזוי בין איך געזעסען אין אַנגסטען מיט דער קראַמאַלע אין קעשענע און געוואַרט: מאין יבוא עזרי?

פּלוצים ער איז דאָ. דער קאָמענדאַנט איז אַריינגעקומען, מיך דערזעהן, צוגעקומען און מיך געפרעגט, צי מ׳האָט נאָך ניט באַשטעלט קיין סאָלדאַט אונז אָפּצושיקען, צוגעגאַנגען צום סעק־רעטאַר, איהם עפּעס געזאָגט, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, אונז גע־הייסען אַהיים שיקען, און איז אָוועק.

און מיר זיצען אַלץ. אַלע מאָל קומען אַריין מחבלים און דערצעהלען מיט פרייד, ווי אַזוי מ׳שלאָגט די זשידעס און, אַז עטליכע האָט מען שוין צורעכט געמאַכט, און פון זייערע רייד און פון זייער פרייד, האָב איך געזעהן, אַז אין שטאָדט קאָכט ווי אין אַ קעסעל און געה ווייס, וואָס דאָרט און דאָ קומט פאָר. אפשר זיינען די אַלע גוטע רייד, בלויז אַ פאַרשפּיל אונז ערשט צו נעהמען אויפ׳ן צימבעל? וואָס האַלט מען אונז דאָ? ספּע־ציעל נאָכדעם, ווי דער קאָמענדאַנט האָט שוין נאָכאַמאָל געהייסען אונז אַהיים שיקען? צי אפשר איז דאָס נאָר אַ סימבאָלישער אָפּרעד אַזאַ, וואָס דאָס מיינט אונז אַהיים שיקען אויפ׳ן עולם האמת?

פלוצים דערהער איך: געוואַלד! געוואַלד! געוואַלד! אַזאַ רעווענישׁ, וואָס טאַקע נאָר אַ שור־הבר, וואָס מען פיהרט צו דער שחיטה קען אַזוי רעווען. אַן אמת'ער שאגת אַרי. ס'איז קיין ספק ניט געווען, אַז ס'איז אַ איד, און איך האָב געוואוסט, פאַרוואָס ער שרייט אַזוי. דאָס האָט מען אים אַפּנים געבראַכט אַן אַרעסטירטען און מ'פיהרט אים אַהער צו אונז אין צימער דורך דעם צימער, וואו די עטליכע צעהנדליג מחבלים מיט די נאַהאַיקעס זיצען, און זיי קנוטעווען אים אפּנים דאָרט אַזוי. די קולות האָבען געקענט מאַכען ציטערען דעם טורעם פון בבל, אָבער דער סעקרעטאַר און דאָס יעכידנע גלח'ל, זיינען זיך געזעסען, גלייך ווי גאָר ניט קומט ניט פאָר.

ווען דער איד האָט זיך באַוויזען אויף דער טיר, האָב איך שוין פאַרשטאַנען די שטאַרקע קולות. עס איז געווען אַ זעקסזיבען פוסיקער, הערש קיזיימקע (אַ צו־נאָמען מיר דאַכט), אַ ברייט־ביינינער און ברייט־פלייציגער. ווען מ'זאָל איהם נאָר געווען טאָן אַ וואונק, אַז ער מעג, האָט ער זיך געקענט ספּראַווען מיט די אַלע מחבלים אין איין אויגענבליק, אַזוי האָט ער בלויז געקענט אַריינבאַפען נאַהאַיקעס און רעווען ווי אַן אָקס. צו דער טראַגעדיע איז נאָך געווען אַ פאַרציע קאָמישעס. ער איז געווען אָנגעטאָן אויף די אַקסלען אַ ליידיג קעסטעל (באָקס פון אַ טעלעפאָן), און דאָס האָט מען אים אַזוי געשלאָגען און אַרעסטירט, ווייל ער האָט, הייסט עס, דורך דעם קעסטעל איבערגעגעבען די באָלשעוויקעס סודות. נו! נו! נו! איז דאָס געווען אַ פאַרשוין, באַצירט מיט דעם קעסטעל אויף דער פלייצע און אַ סודות־איבערגעבער! ער האָט דערצעהלט דעם סעקרעטאַר, אַז די באָלשעוויקעס האָבען רעקווייזירט ביי איהם אַ חדר און אַריינגעשטעלט אַ טעלעפאָן, און זיי זיינען אַנטלאָפען אַזוי שנעל, אַז זיי האָבען פאַרגעסען דאָס קעסטעל פון טעלעפאָן. נו, איז וואָס זשע איז עס זיין שולד? דער סעקרעטאַר האָט געהייסען אים אָפּפיהרען אַהיים, זוכען צי עס איז ניטאָ קיין טעלעפאָן דאָרט, צי נאָך עפּעס און אויב ניט, אים דאָרט אָפּלאָזען. ביים אַרויסגאַנג האָט זיך איבערגע'חזר'ט די פריהערדיגע געשיכטע מיט די זעלבע קולות עד לב השמים..

און מיר זיצען נאָך אַלץ! אָפּגעזעסען נאָך אַ ביסעל, איז צו־געקומען אַ קאַזאַק מיט אַ קויל פון אַ ביקס אין דער האַנט און אָנגעהויבען צו פּויקען מיין קאָזין אין שטערן: „איהר באָל־שעוויקעס, איהר קאָמוניסטען!” אַזוי לאַנג געפּויקט און געפּויקט ביז ער האָט איהם צעדראָפּעט דעם שטערן און ערשט דעמאָלט איז ער אַוועקגעגאַנגען.

אונזער זיצען איז וואָס ווייטער געוואָרען מיסטעריעזער און געפעהרליכער. פּלוצים איז אַריינגעקומען אַ פראַנצויזישער אָפּי־ציר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ בעאָבאַכטער, צי אַן אַרויסהעלפער פון דער אַנטאַנט און האָב באַשלאָסען איינצושטע־לען און אויסצוזוצען די געלעגענהייט. איך האָב איט אַ וואונק געטהאָן און ער איז צוגעקומען צו אונז. איך האָב איהם דער־צעהלט אונזער געשיכטע, און אַז מען האָט אונזערע נעמען ניט געפונען און אַז דער קאָמענדאַנט האָט אונז געהייסען אַהיימשיקען און צום סוף האַלט מען אונז דאָ שוין עטליכע שטונדען.

ער איז צוגעגאַנגען צום סעקרעטאַר, איהם געהייסען אונז אַהיימשיקען און איז אַוועק. און מיר זיצען אַלץ. באַלד האָב איך דערהערט נייע קולות און אויב יענע זיינען געווען קול ענות גבורה, זיינען די געווען קול ענות חלושה, און ווען דער קרבן האָט זיך באַוויזען אויף דער טיר, האָב איך דערזעהן אַן איינגע־הויקערטען אין דרייען יונגערמאַן, אַ שניידער'ל, מיט אַ באַוואַק־סען בערדעל, ווי איינער, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין זעקסער זיך עס אָפּצושערען, און ווי נאָר די צוויי קאַזאַקען, די שומרי־הסף פון אונזער צימער, האָבען איהם דערזעהן, האָבען זיי גלייך ביידע אויסגעשאָסען: „אָט דער זשידעק איז געווען אין דער זעלבסט־שוץ און געקעמפט געגען אונז”. זיי האָבען גלייך אַרויסגע־צויגען די שאַמפּולעס (אייזערנע שפּיזען אַזעלכע, מיט וואָס מען רייניגט די ביקס) און איהם אַוועקגעפיהרט אין אַ זייטיג צימער און פון דאָרט האָבען מיר ערשט געהערט די אמת'ע קולות, ביז זיי האָבען אָנגעהויבען צו צאַנקען, ווי עס צאַנקט אַ ליכט, אָט אויף אַ העכערער אָקטאַווע און אָט אויף אַ שטילער, זשיפּענ־דער אָקטאַווע. איך האָב געמיינט, אַז מען פאַרשמייסט איהם דאָרטען צום טויט. אַז איך האָב זיך געקענט איינהאַלטען און

זיצען און שווייגען, בין איך געווען שטאַרקער פון אייזען. איך האָב אָבער געוואוסט די געפאַהר פון אָנרופען זיך אַ גוט וואָרט פאַר איינעם, וואָס די קאָזאַקען האָבען „דערקענט״, אַלס איינעם פון יענער חברה. כאָטש איך בין געווען זיכער, אַז עס איז אַ ליגען. און מיר זיצען נאָך אַלץ!

באַלד ברייגגען איהם די צוויי מחבלים צוריק אַריין אַ קוים, קוים שלעפּענדיגען זיך אויף די פיס און טהוען אַ וואונק צו אונז מיר זאָלען מיטגעהן. נו, אַז מען רופט אונז שוין צוזאַמען מיט אַזאַ בעל־דבר, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז די שפּיל איז פאַר׳ן טייוועל. איין קאזאק זאָגט צום צווייטען: „דו זיי דאָ, און איך וועל זיך שוין ספראַווען מיט זיי״. דער קאזאק איז געגאַנגען פאָראויס מיט דער ביקס, ווי אין סטרוי, איך בין איהם נאָכגעגאַנגען. נאָך מיר מיין קאָזין און נאָך איהם האָט זיך נאָכ־געשלעפּט דער יונגערמאַן. „אויב שמייסען, טראַכט איך זיך, וואָלט מען דאָך אונז אויך געווען גענומען אין יענעם צימער; הייסט עס: מען פיהרט אונז אַרויס אויפ׳ן גאָרטען צו שיסען״.

איך האָב זיך באַשלאָסען אויף אַ געוואַגטען שריט און גע־זאָגט מיין קאָזין, ער זאָל נאָכטהאָן וואָס איך וועל טהאָן.

אַזוי ווי דער קאָזאַק וועט עפענען די טיר פון גאָרטען, בין איך געווען גרייט צו כאַפּען זיין ביקס, איהם דערלאַנגען אין קאָפּ און זיך לאָזען לויפען איבער׳ן פּאַרקאַן־פּלויט. דאָס גובער־נאַטאָר־הויף־הויז איז געווען געענוג גרויס און מיר זיינען גע־גאַנגען און געגאַנגען און די געדאַנקען פון טויט, פון ראַטעווען זיך, פון פאַרשידענע איינפאַלען ווי אַזוי צו האַנדלען, האָבען דורכגעשוועבט אין מוח מיט בליץ־שנעלקייט. ביז מיר זיינען צוגעקומען צו דער טיר פון גאָרטען.

דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען האַסטיג צו קלאַפּען.

— איציק, זיי גרייט, — האָב איך שנעל אַ זאָג געטהאָן און די הענט האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו ציהען צו דער ביקס, וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפען דורכ׳ן אַקסעל צו מיר צו.

דער קאָזאַק האָט אַן עפען־געטהון די טיר, איך האָב דער־זעהן דעם גאָרטען, און געוואָרען אָנגעצויגען, ווי אַ קאַץ, וואָס איז גרייט אַ שפּרונג צו טהון אויף דער מויז, אָבער דער קאזאק

האַט שנעל צוריקגעצויגען די טיר, אַרויסוואַרטשענדיג: „יאַ אַשיבסיאַ״! — (איך האָב געמאַכט אַ טעות) — אונז אריינגעפיהרט אין אַ צימער, צוגעשלאָסען די טיר און אונז אָנגעהויבען צו באַזוכען, צוגענומען אונזער געלט (מיר האָבען געהאַט צו עטליכע טויזענט רובעל ביי זיך) און אונז געוואָרענט, אַז אויב מיר וועלען זיך קלאָגען, וועט מען אונז פאַרשמייסען צום טויט. „ביי אונז זיינען די עטליכע טויזענט רובעל גאָר ניט, זאָג איך איהם: מיר זיינען גענוג רייך, אָבער מיר זיצען דאָ אַ גאַנצען טאָג און הונגערען, פאַרזאָרג אונז אַ בריוועל צו אונזער פעטער, ער זאָל אונז שיקען עסען!״

ער האָט גענומען מיין בריוועל צו פאַרזאָרגען און אַרויס, און איך האָב דערווייל געכאַפּט דאָס פאַדקאָווע־פּאַפּירעל און מבער געווען.

דערווייל איז צוגעפאַלען די נאַכט.

.32

# מיר ערוואַרטען דעם טויט בציבור

איך האָב באַלד געקראַגן אַן ענטפער פון גדליהו׳ן, אַז מיר זאָלען זיין רוהיג, מ׳וועט אונז באַלד אַהיים רופען פאַר וועטשערע (סאַפּער), אָבער דער באַלד האָט זיך געצויגען ווי דער גלות, ס׳איז שוין געוואָרען שטאָק־פינסטער און מיר זיצען נאָך אַלץ. פלוצים דערהערען מיר טריט פון אַ סך מענשען.

נו, דאָ געהט מען אונז שוין נעהמען אין גאַרטען אַריין. די טיר האָט זיך געעפענט און מיר דערזעהען נאָך אידען, און דוקא פון די גאָר־גרויסע בעלי־בתים, קאָני ליסער מיט זיינע צוויי בחורים, ביי איינעם פון וועלכע ס׳זיינען אָפּגעקלאַפּט די נעגעל פון די פינגער, ווען ער האָט זיך, אינסטינקטיוו, אַ פאַרשטעל געטאָן מיט דער האַנט, ווען מען האָט איהם געשמיסען מיט אַ שאַמפּול, פישעל עליאָוויטש, ביי וועמען מען האָט אויפ׳ן הויף געפונען אַן אויסגעשאָסענע גילזע פון אַ קויל, אַלס באַווייז, אַז מען האָט פון זיין הויז אַרויסגעשאָסען און נאָך פיר, ווע־

מענס נעמען איך געדענק שוין איצט ניט. מיר דאַכט, אַז איינער איז געווען לאַכמאַנאָוויטש, דער גרעסטער פּיסטשע־בור־מאַזשניק (סטייישאָנערי), אַזוי אַז מיר זיינען שוין געווען אַ מנין, נאָך מיט אַן עלפטען דערצו. פון איין זייט האָב איך גערעכענט איז אונזער לאַגע געוואָרען גרינגער. וואָרען פאַר אַזוינע חשוב׳ע שטאָדט־בעלי־בתים וועט מען שוין קערען וועלטען, ווייל יעדע פאַמיליע האָט דאָך איהרע פאַרבינדונגען און אייגענע פּראָטעקציע־מיטלען, אָבער פון דער צווייטער זייט, וואָס מעהר עס האָט געדויערט אונזער זיצען בציבור, אַלץ געפעהרליכער האָב איך געפיהלט ווערט אונזער לאַגע. אויב גדליהו מיט זיין אָפיצערשע קען גאָר ניט אויפטהאָן און די אַלע קרובים פון די בעלי־בתים און מען לאָזט אונז אַזוי לאַנג זיצען אין אַזאַ געפעהרליך פלאַץ, איז אַ סימן, אַ מען קען גאָר ניט טהאָן און אין משך פון דער נאַכט וועט מען אונז אויסשיסען. דער אויף דער נאַכט האָט זיך געצויגען ווי פעך און מיר זיצען אַלץ. דער זייגער האָט זיך שוין דערנעהענטערט צו צוועלף און מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז מיר וועלען שוין קיין לעבעדיגע פון דאַנען ניט אַרויס און מיר האָבען ערוואַרטעט דעם טויט בציבור.

נאָך האַלבע נאַכט, האָט זיך צו אונז באַוויזען ניט קיין לץ, (ניט־גוטער), נאָר אַ מלאך, אין געשטאַלט פון אַ סטודענט.

דאָס איז געווען אַ פוילישער סטודענט, אַ פעטליוראַ־שפּיאָן, און מען האָט זיך הפנים מיט איהם בעראַטען וועגען אונז, און ווען מען האָט איהם דערמאָנט דעם גדליהו, וואָס מיר האָבען אָנגעגעבען, האָט ער עס באַשטעטיגט. חוץ דעם פלעגט ער אריינגעהן צו אַ אידישען שניידערס אַ מיידעל ביי גדליהו׳ן אין הויף און ער האָט הפנים געראַטען אונז אָפּצולאָזען. פּטור בלא כלום איז אי אפשר, האָט ער גענומען אויף זיך דאָס שליחות זיך דורכצורעדען מיט אונז וועגען כופר־נפש געלט. צי ווייל מען האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז דאָ צווישען עולם אַ סטודענט, צי דער קאָזאַק, באַזוכער אונזערער, האָט געזאָגט, אַז איך האָב מודה געווען אַז מיר זיינען רייך, דער סטודענט איז אַריינגעקומען צו אונז אין צימער און גלייך צוגעגאַנגען צו מיר.

„הער זיך איין, זאָגט ער מיר, איהר געפינט זיך דאָ אין

שלעכטע הענט. מיר, פון שטאָב, האָבן דאָ ניט קיין דעה, די גאַנצע דעה האָט דער הויפּט פון די קאָזאַקן אין פראָנט צימער (אַ גוטע בשורה). איך האָב קוים גע׳פּועל׳ט ביי איהם מען זאָל אייך אַרויסלאָזען און יעדער פון אייך וועט דאַרפען געבען טויזענט רובעל״. איך האָב זיך געגעבען אַ קוק איבער מיט אַלע אידען און פאַרשטאַנען זייער ענטפער: „יאָ״, איך האָב בלויז אויסגענומען אַ תנאי, אַזוי ווי מיר האָבען ביי זיך ניט קיין געלט, זאָל מען יעדען אַהיים פיהרען צו זיין הוים און דעם שניידער־יונגערמאַן זאָל מען אַהיים פיהרען אומזיסט, ווייל ער איז אַן אָרימאַן און קען ניט געבן קיין טויזענט רובעל.

ער לאָזט זיך אַוועקגעהן און קעהרט זיך אום. „יאָ! איך מוז אייך נאָך וואָרענען, אַז איך קען אייך ניט גאַראַנטירען, אויב די קאָזאַקען אין פראָנט צימער, וועלען אייך ניט דערלאַנגען עטליכע נאַהאַיקעס. מיר האָבען קיין ממשלה איבער זיי״.

נו, מילא, נאַהאַיקעס איז נאַהאַיקעס, אַבי אַרויס פון דאַנען.

באַלד האָט זיך געגעבען אַ וואָרף אַריין אַ גזלן, דער אשמדאי אַליין, מיט אַ נאַהאַיקע אין דער האַנט און איז צו גלייך צו מיר מיט אַ פּאָר גזלנ׳ישע אויגען און רציחה׳שען קול: „דו פאַרהאַנדעלסט גאָר מיט׳ן סטודענט! איך בין דאָ בעל־הבית!״

„געוויס, ביסטו בעל־הבית, זאָג איך איהם, באַטאָנענדיג דעם: ביסטו. דער סטודענט האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז דו ביסט בעל־הבית און איך האָב געמיינט, אַז דאָס רעדט ער אין דיין נאָמען״.

„דו רעדט מיט מיר אַליין, ניט מיט איהם״. „מיט דיר אַליין בין איך אודאי זיכערער, ווי מיט איהם״. „וואָס האָסטו מיט איהם אָפּגערעדט?״

איך האָב איהם איבערגעגעבען די תנאים. „אויב אַזוי זייט איהר פיינע מענשען און מיר וועלען אייך באַלד אַהיים פיהרען״ — האָט ער שוין געזאָגט מיט אַ ווייכערער שטימע אַ ביסעל און געוואָלט אַוועקגעהן.

„דאָבראָדי (גוט־טהוער), שטעל איך איהם אָפּ, אַזוי ווי איך זעה, אַז דו ביסט דער גאַנצער בעל־הבית פון דער קאָמענדאַנ־

טור און דער סטודענט האָט מיר אויך אַזוי געזאָגט, ווײַל איך דיך עפּעס בעטען".

„וואָס" ? — פרעגט ער פאַר'חדוש'ט. „אַזוי ווי איך האָב אַ גאַנצען טאָג צוגעזעהן, ווי די קאָזאַקען אין פראָנט־צימער האָבען אַ טבע צו שלאָגען די מענשען, ווען מען פיהרט זיי אַריין און מען פיהרט זיי אַרויס, ווײַל איך דיך בעטען זאָלסט זיי פאַרזאָגען, אַז זיי זאָלען אונז ניט שלאָגען, ווען מען וועט אונז דורכפיהרען".

"האָ ! — דאָס פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר, האָט ער זיך געטאָן אַ קלאַפּ אין האַרץ. — האָט קיין מורא ניט, מען וועט אייך גאָרניט טהאָן".

באַלד איז ער אַריינגעקומען מיט נאָך עטליכע קאָזאַקען און דער סטודענט אויך מיט זיי. מען האָט אויסגעשטעלט צו צוויי און אונז גענומען פיהרען. מיט קלאַפּענדיגע הערצער און מיט אָנגעגרייטע פּלייצעס, צו כאַפּען נאָהאַיקעס, האָבען מיר דורכ־געמאַרשירט דאָס צימער מיט די מחבלים און אָפּגעשניטען טרו־קען : דער גזלן האָט געהאַלטען וואָרט און זיי שטרענג פאַר־זאָגט אונז ניט צו טשעפּען. אָבער געהענדיג איבער דעם גובער־נאַטאָרסקע פלאָשטשאַד (סקווער), האָב איך געזעהן (איך האָב געהאַלטען אויג אויף איהם), ווי ער האָט זיך אַלעמאָל אומגעקוקט אויף צוריק. הפנים ער האָט אַליין מורא געהאַט, עס זאָל זיך ניט געפינען אימיצער און אונז נאָך שיסען. ווען מיר האָבען זיך אָוועקגעדרעהט פון דעם פלאָשטשאַד צו גדליהו'ס גאַס, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט : „מיר זיינען שוין אַרויס פון געפאַהר", האָב איך געטראַכט. פּלוצים דערהערט זיך אַן אויסטערלישער געשריי : געוואַלט ! און אַזוי ווי פון דער ערד, האָבען פּלו־צים אַרויסגעשפּראָצט קאָזאַקען און איך זעה, אַז מיר זיינען אַרומגערינגעלט מיט קאָזאַקען, ווי אין אַ שטייג און טייל פון זיי שרייען שוין : „די אידען האָבען געשאָסען און דער'הרג'עט אונזער סטודענט" ! דער סטודענט איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און באַרוהיגט די קאָזאַקען, אַז עס האָט קיינער ניט געשאָסען, נאָר ער האָט געקראָגען אַן עלעקטרישען שאָק. אַזוי ווי ער האָט גע־וואָלט עפענען די טיר, האָט ער דערפיהלט אַ שטאַרקען שאָק. דאָס איז געווען אַן איבערגעריסענער דראָט פונ'ם שיסעריי, וועלכער

איז צופעליג אַרויפגעפאַלען אויף דער קליאַמקע (הענטעל) פון דער טיר, פון גדליהו'ס הויף. די קאָזאַקען האָבען אַוועקגענומען דעם דראָט און מיר ביידע, איך און מיין קוזין, זיינען אַריין אין הויף מיט אַ קאָזאַק איהם צו געבען די צוויי טויזענט רובעל.

מיר האָבען אָנגעקלאַפּט צו גדליהו'ן און ער האָט אונז גע־עפענט די טיר. „צינדט אָן דעם לאָמפּ”, זאָג איך איהם.

ער האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און דערזעהן אַ קאָזאַק מיט אַ גרויסער קוטשמע (פוטערען היטעל אַזאַ) האָט ער זיך דערשראָקען און אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ.

„שאָ ווי כאָטשעטע מני ראַביטי” (וואָס ווילט איהר מיר טאָן) האָט דער קאָזאַק, אַ דערשראָקענער, געפרעגט, ווען ער האָט געזעהן, אַז גדליהו האָט צוריק אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ. „נע באָיסיאַ” (האָב ניט קיין מורא), זאָג איך איהם, און גדליהו'ן הייס איך אָנצינדען דעם לאָמפּ און אונז אַרויסברענגען צוויי טוי־זענט רובעל, וואָס מיר דאַרפען געבען דעם קאָזאַק. ער האָט אונז צוגעבראַכט די צוויי טויזענט רובעל. מיר האָבען זיי איבער־געגעבען דעם קאָזאַק און ער איז אַוועק און ערשט איצט האָב איך דערפיהלט, ווי אַ ניי־געבוירענער.

גדליהו האָט אונז דערצעהלט, וואָס פאַר אַ שרעק עס הערשט אין שטאָדט. אַז עס איז צוגעפאַלען די נאַכט האָט ער שוין מורא געהאַט אפילו אין גאַס אַרויסצוגעהן, כאָטש ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע ערלויבעניש פון פּעטליורא'ן און, אַז מיר זיינען געוועזען איינגעשטעלט מיט'ן לעבען און אַז מיר זיינען גליקליך, וואָס מ'האָט אונז ניט איבערגעהאַלטען די נאַכט און אַהיים גע־פיהרט, ווייל יעדע קלייניגקייט, יעדע נישטיגע אויפרייצונג, האָט געקענט פיהרען צו אונזער טויט, ווען מיר בלייבען ביי זיי אין די הענט.

די אָפיצערשע איז שוין דאָרט ניט געוועזען און איך האָב ערשט איצט נאָך מורא געהאַט, טאָמער קומט מען אונז נאָך זוכען, דאָך אין גאַס אַריין אַרויסצוגעהן ערגעץ אַנדערש אריבערצוגעהן, האָב איך אודאי מורא געהאַט. און אָט אין אַזאַ צושטאַנד פון שרעק און ערוואַרטונג בין איך אָפּגעזעסען אין שטוב צוויי

טעג נאָכאַנאַנד. און אויב עס איז נאָך געווען וועניג, וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהן אין קאָמענדאַנטור, האָט מען געבראַכט נאָך אַזוינע צרות אַהער אין הויז אַריין.

.33

# איך זעה צרות דאָ און קריג אַ גרוס פון מיין פאָטער וועגען צרות דאָרט

איך האָב נאָך ניט באַוויזען זיך אויסצוטשוכען פון די צרות, וואָס איך האָב צוגעזעהן אין קאָמענדאַנטור און מען האָט זיי מיר אַריינגעבראַכט אין מיין הויז אַריין. אָפּזייענדיג בלויז איין טאָג ביי גדליהו'ן, האָט מען אויפ'ן צווייטען טאָג אַריינגעבראַכט צו איהם אין הויז אַ פריינד, וועלכען מען האָט שרעקליך צושמיסען, און וועלכער האָט מורא געהאַט, מען זאָל איהם ניט קומען נעהמען נאָך אַמאָל צו שמייסען.

געטראָגען האָט מען איהם אויף אַ באַסילקע (סטרעטשער) מיט'ן נאַקעטען אונטער־חלק אַרויף און איהם אַזוי אַוועקגעלייגט אויפ'ן בעט. עס איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טאָן, ווי אַזוי דער אונטער־חלק איז געווען צוקאַטעוועט (צושניטען) אַזוי ווי אַ שאַכמאַטנע ברעטעל, אין דער לענג און אין דער ברייט און דאָס פלייש איז געווען טיף איינגעשניטען, אַזוי ווי קאַנאַלען. אויב מיר האָבען דאָרט אין קאָמענדאַנטור געהערט, וואָס שאָמפּולעס קענען טאָן, האָבען מיר עס דאָ געזעהן מיט די אויגען. דאָס איז געווען אַ פרישער „באַלזאַם” צו די אייערנעכטיגע איבערלע־בענישען.

און ווייטער אַמאָל אַ טראַגעדיע מיט אַ קאָמעדיע אויסגע־מישט.

אָט מוז אַ מענש ליגען מיט'ן נאַקעטען אונטער־חלק אַרויס און קען זיך קיין ריהר ניט טהאָן און ער האָט נאָך אַלץ מורא, טאָמער קומט מען איהם נעהמען נאָכאַמאָל שמייסען. מיר מוזען איהם נאָך טרייסטען מיט וויצען, אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען, ווייל זיי האָבען שוין ניט וואָס צו שמייסען. וועלען זיי

שוין ניט קומען און אַט די וויצען האָבען איהם דוקא געמאַכט צו פיהלען בעסער, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען טאַקע גערעכט.

פלוצים זאָגט מען מיר, אַז עפּעס אַ גוי פרעגט זיך נאָך אויף מיר. איך טהו אַ קוק, עס איז מאיר'ניע קיזשאַדע (אַ צו־נאָמען אַזעלכער). ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גוי און מיר גע־בראַכט אַ בריוועל פון מיין פאָטער, וועלכער שרייבט מיר, אַז ביי זיי איז אַלעס אין אָרדענונג. איך זאָל איהם ענטפערען, וואָס עס הערט זיך ביי אונז און איהם תיכף רופען אויפ'ן טעלעפאָן, אויב איך קען אויספיהרען.

איך האָב איהם געענטפערט, אַז דאָ איז איצט אַלעס אין אָרדענונג, חוץ אייניגע אויסנאַהם־פאַלען פון פריהער (וואָס האָט געמיינט אייניגע הרוגים) און איך וועל רופען. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דאָרט איז עפּעס פאַראַן צרות, אַז מיין פאָטער האָט געשיקט אַ שליח מיוחד אין אַזאַ צייט און הייסט זיך נאָך רופען אויפ'ן טעלעפאָן, וואָס איז אויך ניט שטאַרק צוועקמעסיג אין אַזאַ צייט.

איך האָב גובר געווען מיין שרעק־געפיהל און אַרויס אין גאַס צו געהן צו דער טעלעפאָן־סטאַנציע. אויף יעדען קאָזאַק האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז עס איז איינער פון די, פון דאָרט, וואָס קענען מיך און באַלד וועט מיך איינער אַ כאַפּ טאָן און ווייטער פיהרען אַהין און ווייטער די זעלבע סדרה. אָבער באַלד האָב איך זיך צוגעוואוינט צו די צרות און געזעהן, אַז דער שד איז ניט אַזוי שרעקליך, ווי איך האָב זיך איהם געמאָלט, און בין אַוועק מיט זיכערע טריט צו דער טעלעפאָן סטאַנציע.

כ'האָב אָפּגערופען מיין פאָטער און ער האָט מיר געזאָגט, אַז מ'האָט דאָרט גענומען אין חד־גדיא ניין חברה פון די בעלי־מלאכות אַלס ווייסע חברה'ניקעס (קאָמיסאַרען הייסט עס) און מ'וויל זיי שיקען צו מיר (קיין קאַמענעץ, הייסט עס). „זעה האַלט זיי ביי זיך אַזוי לאַנג ווי דו קענסט און וועגען איינצעלהייטען וועלען מיר זיך שוין דורכשרייבען". — האָב איך געזאָגט. ווען מען וואָלט זיי אַריינברענגען צו אונז, אין קאַמענעץ, וואָלט מען זיי געווען געשאָסען תיכף אויפ'ן הויף פון טורמע, אָהן קיין שום

משפּט. מיין פאָטער האָט פאַרזאָגט דעם נאַטשאַלניק פון דער מי־ליצע, ער זאָל זיי האַלטען ביז ער וועט איהם הייסען זיי שיקען.

איך בין דערווייל אַריינגעגאַנגען צו פּנחס קראַסני, דעם אידישען מיניסטער, אָנגעשריבען אַ פּראָשעניע, אַלס פאַר־שטעהער פון אונזער קהילה, אַז „אַזוי ווי איך האָב געהערט, אַז מען האָט ביי מיר אין שטאָדט אַרעסטירט ניין אידען, אַלס קאָ־מוניסען, לכן פאַרזיכער איך די אוקראַאינישע רעגירונג, אַז ביי אונז זיינען קיין קאָמוניסטען ניטאָ און אַז ביי אונז אין שטאָדט זיינען מיר אַלע סאַמאָסטיניקעס (ד. ה. פאַר אַ זעלבסטשטענדיגער אוקראַינע), בכן בעט איך אין נאָמען פון דער קהילה צו באַפעהלען דער דאָרטיגער מאַכט צו באַפרייען די אידען". קראַסני האָט צו־געשריבען זיין מיינונג, אַז ער קען מיך אַלס אַן איבערגעגעבענעם סאַמאָסטיניק און אַלס פאַראַנטוואָרטלעכען כלל־טהוער, אויף וועל־מענס וואָרט מען מעג זיך פאַרלאָזען און דאַרום בעט ער צו נעהמען מיין ביטע אין אַנבאַטראַכט און צו האַנדלען לויט מיין פאַרשלאַג. אָפּגעטאָן דאָס שטיקעל אַרבעט, האָב איך געמיינט, אַז איך בין שוין פאַרטיג. אויפ'ן צווייטען טאָג געה איך צו קראַסני'ן געוואָהר ווערען דעם רעזולטאַט. דורכגעהענדיג די סמאָטריטשער סטאַנ־ציע, האָב איך דערזעהן דאָרט הערש האָרבאָטע (לערנער) און שוין אַריינגעגאַנגען אָפּנעהמען אַ גרוס פון אונזער שטאָדט. ער האָט זיך מחיה געווען מיט מיר, ווי מ'דערזעהט משיח'ן. צו מיר איז ער טאַקע געקומען, ווייל זיין איידעם, זוסיא, איז אויך צווישען די אַרעסטירטע קאָמיסאַרען, אַלס קאָמיסאַר פּראָסוועשטשעניאַ (בילדונג), אָבער ער איז אפילו ניט געווען בשעת מען האָט אויס־געקליבען די קאָמיסאַרען. נאָר אַזוי ווי ער איז אַ גראַמאָטנע, האָבען איהם די בעלי־מלאָשקעלעך אַריינגעשטעלט אונטער די אויגען, אַלס קאָמיסאַר פון בילדונג, און צואווינט זיך, איך זאָל זעהן ראַטעווען זיין אונשולדיגען איידעם. „מ'קען דאָ נישט ראַ־טעווען איינעם : מען מוז ראַטעווען אַלע", האָב איך איהם גע־זאָגט, און געהייסען וואַרטען ביז איך וועל צוריקקומען פונ'ם מיניסטער.

איך קום אַריין צו קראַסני'ן און ער איז אויסער זיך פון שרעק : איך האָב איהם אומגליקליך געמאַכט און זיך אומ־

גליקליך געמאַכט, באשר־בכן זיי האָבען אין שטאַב אַ פאַרכאַפּטען דאָקומענט, אַ פּריגאָוואָר פון אַ באָלשעוויסטישער פאַרזאַמלונג, וואו די אַלע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אַלס קאָמיסאַרען און לערך הונדערט צוואַנציג אידישע בעלי־מלאכות זיינען גע'חתמ'עט אויף דעם פּראָטאָקאָל.

„נו, איז וואָס זשע האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען?" — פרעג איך איהם.

„ווייסט איהר מיט וואָס דאָס שמעקט? עס איז קריגס־צייט און די דיעלאָ (קייס) שטעהט אין אין קריגס־מיניסטעריום? איהר האָט מיך פאַרפיהרט אין אַ רעכטער בלאָטע", זאָגט ער ציטערענדיג.

פרעג איך איהם שוין סאַרקאַסטיש: „נו! איהר זיינט דאָך אַ מיניסטער, וואו זשע איז אייער מיניסטער־קאָפּ?" „איך זעה ניט איין, וואָס מען קען טהאָן. אדרבא, איהר זיינט דאָך אַ חכם, וואָס זאָגט איהר זאָל מען טאָן?" עס שטעהט: „חכם עדיף מנביא" אָבער ניט פון אַ מיניסטער, אָבער במקום שאין מיניסטער קאָפּ, וועט אַ השתדל־קאָפּ מוזען ווערען אַ מיניסטער־קאָפּ. גיט מיר פּאַפּיר און איך וועל אָנשרייבען אַן אַנדער פּראָשעניע." „אום גאָטעס ווילען, אייערע פּראָשעניעס וועלען אייך ברייגנען צום עשאַפאָט. עס איז דאָ אַ געשריבענער דאָקומענט, וואָס קענט איהר אוסזעצען געגען איהם"? „גיט מיר פּאַפּיר און איך וועל שרייבען די פּראָשעניע אין מיין אייגענעם נאָמען אָהן אייער צושריפט, גוט?".

איך נעהם זיך שרייבען און ער שטעהט איבער מיר צו זעהן, וואָס מיר קען איינפאַלען אָפּצושרייען אַ געשריבענעם דאָקומענט.

„אַלס דערגענצונג צו דער פריהערדיגער פּראָשעניע, וויל איך בעטען נעהמען אין אָנבעטראַכט דאָס פאָלגענדע: אַזוי ווי איך האָב אָפּגענומען אַ גרוס פון דער היים, אַז די אַלע זיינען אַרעסטירט, אַלס קאָמיסאַרען פון אַ „רעווקאָם", (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט), בכן באַשטעטיג איך נאָכאַמאָל מיין פריהעריגע מיי־נונג, און ערקלעהר, אַז עס קען זיין, אַז ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַריין צו אונז אין שטאָדט, האָבען זיי גערופען אַ פאַר־זאַמלונג פון די בעזגראַמאָטנע (אַלפאַבעטען) בעלי־מלאכות, גע־

רעדט צו זיי וועגן גרינדען אַ קאָאָפּעראַטיוו און פאַרשריבען, אַז דאָס גרינדעט זיך אַ „רעווקאָם“, כדי צו קענען זיך באַנוצען מיט אַזאַ פּאַפּיר צו באַריהמען זיך, אַז אומעטום נעהמט מען זיי אויף מיט פרייד און מ'שטעהט גלייך צו צו זיי. און אַזוי ווי די אַלע בעלי־מלאכות זיינען בעזגראַמאָטנע, האָבען זיי ניט גע־וואוסט, וואָס פאַר אַ מין כאַראַקטער די פאַרזאַמלונג טראָגט. אַ סימן דער וואָס איז יאָ אַ גראַמאָטנער, דער קאָמיסאַר פּראָסוועש־טשעניאַ, איהם האָט מען ניט גערופען און מען האָט איהם אַריינ־געשטעלט אונטער די אויגען. און איך פאַרזיכער נאָך אַמאָל, אַז די אַלע בעזגראַמאָטנע האָבען ניט געוואוסט, אַז מען נאַרט זיי אָפּ: זיי האָבען געמיינט, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דער גרינדונג פון אַ קאָפּעראַטיוו און דער קאָמיסאַר פּראָסוועשטשעניאַ, האָט גאָר געזאָלט זיין דער פאַרוואַלטער און בוכהאַלטער פונ'ם קאָאָפּעראַטיוו. די באָלשעוויקעס וועלען ווייט ניט פאַרפאָהרען מיט אַזוינע ליג־נערישע אויפטועכצער און אונזער פרייע אוקראַינישע רעפּובליק, דאַרף ניט באַשטראָפען בעזגראַמאָטנע, אָרימע אַרבעטער, פאַר־פיהרטע און אָפּגענאַרטע פון די רויבער און ליגנער, די רויטע קאַצאַפּעס“.

קראַסני'ן איז שטאַרק געפעהעלען געוואָרען די ערקלעהרונג און ער האָט זיך שוין יאָ אונטערגענומען זי צוצושטעלען, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וואָס איך האָב גענומען אַזאַ שטעלונג צו די באָלשעוויקעס און אַזאַ גלעט געטאָן די אוקראַינישע רע־פּובליק, וועט געוויס מאַכען אַ גוטען איינדרוק, און דער באַווייז פונם ניט גע'חתמ'עטען קאָמיסאַר פּראָסוועשטשעניאַ, וואָס קען זיך יאָ חתמ'ענען, וועט באַשטעטיגען מיינע רייד, אַלס אויפריכטיגע.

.34

# איך מוז אָנקומען צו פּעטליוראַ'ס אַ גוי'אישען מיניסטער צו ראַטעווען די קאָמיסאַרען

איך האָב זיך איבערציינט, אַז קראַסני האָט ניט קיין איינפלוס אין דער רעגירונג און וואָס מעהר איך האָב זיך משתדל געווען דורך איהם פאַר די קאָמאַסאַרען, אַלס שטרענגערע באַפעהלען האָט

דאָס קריגס־מיניסטעריום געשיקט צום נאַטשאַלניק מיליציע, ער זאָל זיי וואָס גיכער שיקען קיין קאַמענעץ, אַזוי, אַז דער נאַטשאַל־ניק מיליציע האָט שוין מורא געקראָגען פאַר זיין אייגען פעלכעל. חוץ דעם האָבען איהם די אַלע קאָמיסאַרען, וואָס זיינען געווען בעלי־מלאכות און ער האָט זיך ביי זיי געמאַכט מלבושים און שיך א. ד. גל., און איז געווען מיט זיי אַ גוטער ברודער, אַזוי לאַנג געמוטשעט פאַר וואָס ער האַלט זיי, אָדער זאָל ער זיי אַרויסלאָזען, אָדער ער זאָל זיי שיקען קיין קאַמענעץ, ביז ער האָט זיי געמוזט אויסזאָגען דעם אמת: „פאַן חכם מיני קאזאו טרימאַטא וואָס" (ה' חכם האָט מיר געהייסען איך האַלטען). דערהערט אַזאַ געשיכטע, איז ערשט געוואָרען די אמת'ע חתונה. עטליכע פון די קאָמי־סאַרען האָבען געהאַט פרויען, וואָס זיינען געווען דינסטען ביי אונז (און אויך זייערע מוטערס) און זיינען געווען ביי אונז אַזוי ווי קינדער, ווייל מיין פאָטער האָט זיי חתונה געמאַכט, געפּראַוועט די חתונות ביי אונז אין הויז. נו, נו, נו! האָבען זיך צונויפגע־נומען אַלע ווייבער און מ'איז באַפאַלען מיין פאָטער: סטייטש, היתכן? ער זאָל הייסען זיי האַלטען. געמיינט האָבען זיי, אַז מיין פאָטער נעהמט נקמה אין זיי, ווייל אייגער פון די קאָמיסאַרען, בנימין פאַרך, איז אַריין צו זיינעם אַ פריינד, נחמן דער זנבליכעס און אַ געשריי געטאָן: „אַטשיסטיט מניע דוואַ קאָמנאַטי" (ד. ה., ער זאָל פאַר איהם אָפּרייניגען צוויי צימערען). וואָס האָט מיין פאָטער געקענט טאָן? האָט ער מיך נאָכאַמאָל גערופען אויפ'ן טעלעפאָן. און איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט צו־הערען צו זיי, נאָר זיי האַלטען ווי לאַנג ער קען, אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט מורא זיי לענגער צו האַלטען און איך האָב געזעהן, אַז מען מוז עפּעס טאָן אויף שנעל זיי צו ראַטעווען, ווייל פון פנחס קראַסני'ס השפעה וועט גאָר ניט ווערען.

דאָס איז שוין געווען דאָס צווייטע מאָל, וואָס איך האָב געזעהן, אַז ער האָט קיין איינפלוס ניט. אַן עהנליכע געשיכטע האָב איך געהאַט מיט איהם, ווען דער סעמינאַריסט־סאָציאַליסט, (דער־מאָהנט אין אַ פריהערדיגען עפּיזאָד) צימבאַליוק, האָט אָרגאַניזירט אין אַ דאָרף, ריצקיוו, אַכט הונדערט שקצים אַלס קאָזאַקען, זיך ערקלעהרט, אַלס אַטאַמאַן און געפאָדערט פון אונזער שטאָדט אַ

שווערע קאָנטריבוציע, אלא ניט האָט ער געסטראַשעט מיט אַ פּאָגראָם.

איך האָב וועגען דעם געמאָלדען אין רעגירונג אין נאָמען פון דער קהלה מיט דער באַשטעטיגונג פון פּנחס קראַסני און גע־פאָדערט, מען זאָל אַרעסטירען דעם באַנדיט. מען האָט איהם אַרעסטירט, אָבער ווי נאָר ער איז געקומען קיין קאַמענעץ, און זיי האָבען געזעהן, אַז ער רעדט גוט אוקראַיניש, און ער האָט זיך ערקלעהרט, אַלס אוקראַינישער פּאַטריאָט, האָט מען איהם אָפּגע־לאָזט, מיט'ן תירוץ, אַז קיינער האָט גאָר ניט עדות געזאָגט קיין שלעכטס געגען איהם. האָב איך געשיקט אַ נייע פּראָשעניע, בעטענ־דיג מען זאָל איהם נאָך אַמאָל אַרעסטירען און איהם האַלטען, ווייל אַנדערש האָבען סיי די אידען, סיי די קריסטען, מורא צו זאָ־גען אַ וואָרט געגען איהם. האָט מען איהם גראָדע נאָכאַמאָל אַרעס־טירט, אָבער אויך באַלד אַרויסגעלאָזט און איהם דערצעהלט, ווער עס איז דער קלעגער געגען איהם, און ער האָט באַפוילען מיין פאָ־טער, אַז ער וועט מיך שיסען, ווי נאָר ער וועט מיך ערגעץ וואו טרעפען. און דאָס איז שוין דער צווייטער פאַל, ווי קראַסני קען גאָר ניט אויפטאָן, ווייל פון קריגס־מיניסטעריום האָט מען געשיקט אַלע מאָל שטרענגערע באַפעהלען מען זאָל צושטעלען די קאָ־מיסאַרען.

איך האָב גערעדט צו קראַסני'ן אָפענהערציג און איהם געזאָגט, אַז איך זעה, אַז ער האָט ניט קיין איינפלוס, דעריבער זאָל ער מיר זאָגען, ווער פון די גוי'אישע מיניסטאָרען האָבען אַן איינפלוס אויף פּעטליורא'ן און מען קען זיך אויף איהם פּאַרלאָזען און ער זאָל מיך באַקענען מיט איהם. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דעם בעסטען איינפלוס האָט זיין חשוב'סטער מיניסטער, בעז־פּאַלקא (מיניסטער פראַצי — פון אַרבעט, אַ מיטגליד פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל), אַן עס־דעקאָוועץ, און צו איהם איז גלייכער, איך זאָל נעהמען גאָלדעלמאַנען, אַ געוועזענער אידישער מיניסטער, זאָגאַר אַ חבר, ווייל אויך אַן עס־דעקאָוועץ, אַ פּועלי־ציוניסט. איך האָב גלייך געכאַפּט אַ דראָזשקע און אַרויפגעפאָהרען צו גאָלדעל־מאַנען, אָבער ער האָט ניט קיין חשק געהאַט צו פאָהרען מיט מיר, ווייל אויב זיי זיינען טאַקע קאָמיסאַרען קען מען דאָך גאָר ניט

טאָן און פאַרלייקענען פאַר בעזפּאַלקאַ'ן טויג אויך ניט. איך האָב איהם געבעטען דאָס לאָזען צו מיר, זאָל ער מיך נאָר באַקענען מיט בעזפּאַלקאַ'ן, און איהם זאָגען, אַז ער קען זיך אויף מיר פאַרלאָזען, אַז איך בין אַ בעל־סוד. מיר זיינען אַרונטערגעפאָהרען צו בעזפּאַלקאַ'ן און איך האָב איהם דערצעהלט דעם גאַנצען אמת און מוסיף געווען, אַזוי ווי זיי זיינען זיינע חברה — בונדאָווצעס עס־דעקאָווצעס און מיינע געגנער, ווייל איך בין אַ ציוניסט, איז זיין חוב מיר צו העלפען זיי ראַטעווען, ווייל זיי זיינען ניט קיין קאָמוניסטען און ניט קיין בונדאָווצעס, גלאַט בעזגראַמאָטנע איגנאָראַנטען, מיט סימפּאַטיע געוועהנליך צו אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער זעהט ניט איין וואָס מען קען טאָן. אַז עס זיינען דאָ שריפטלעכע באַווייזען, אַז זיי האָבען געגרינדעט אַ „רעווקאָם" און זיי זיינען די קאָמיסאַרען, וועט מען זיי שיסען.

— ראשית, האָט מען זיי דאָך אָפּגענאַרט און שנית, זיינען זיי דאָך ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכען געגען דער אוקראַינישער רעפּובליק, בשעת איהר עקזיסטענץ, עס איז דאָך פאָרגעקומען בשעת דער עקזיסטענץ פון די באָלשעוויקעס. און שלישית, דאַרף ער ערקלעהרען פּעטלוראַ'ן, אַז עס לוינט זיך איהם ניט אויפצוררערען אַלע אידען, וואָס נייינציג פּראָצענט זיינען געגען די קאָמוניסטען, דורך שיסען אומשולדיגע, איגנאָראַנטישע ביין אידען. און וואָס איך וויל פון איהם איז: ער זאָל פועל'ן ביי פּעטליוראַ'ן, מען זאָל זיי איבערגעבען צו אַ ציווילען געריכט.

רעדענדיג אַזוי איז דערווייל אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון קיעוו, אַז ראַפּעס, אַ בונדאָווער, וואָס האָט זיך איבערגעקוליעט, ברענט אידישע ספרים אויף די גאַסען פון קיעוו. ער איז געוואָרען בלאַס און געזאָגט: „איהר אידען זענט אין אַ טראַגיש־קאָמישער לאַגע: דאָ וויל מען אייך שיסען, ווייל איהר זענט קאָמיסאַרען און דאָרט ברענען די קאָמיסאַרען אייערע קולטור־אוצרות". עס קען זיין, אַז דער צופאַל האָט אויך געווירקט אויף איהם לטובת מיין פאָרשלאַג. ער איז גלייך אַוועקגעפאָהרען צו פּעטליוראַ'ן און אונז געהייסען וואַרטען אויף אַ תשובה. ער איז צוריקגעקומען

מיט אַ תשובה, אַז ער האָט גע׳פועל׳ט, נאָר ער האָט זיך באַרעכ־כענט, אַז עס וועט גאָר ניט העלפען, ווייל די מינוט, וואָס מען וועט ברײנגען אין ציווילען געריכט אַזאַ דיעלאָ (קייס) וועט דאָס געריכט זאָגען, אַז אַזאַ דיעלאָ באַלאַנגט אין קריגס־געריכט און וועט זי אַהין איבערשיקען און דאָרט וועט מען זיי זיכער שיסען.

איך האָב איהם שעהן באַדאַנקט פאַר דער דערוויילינער טובה און איהם פאַרזיכערט, אַז איך וועל זיי שוין ראַטעווען.

ראשית, איז דאָך אַן היכא תמצא, אַז פּעטליוראַ זאָל דער־ווייל אַנטלויפען, און אַזוי ווי מען האָט שוין פון סמאָטריטש זיי געמוזט אַרויסשיקען, ווייל דער נאַטשאַלניק מיליציע האָט זיי מורא געהאַט צו האַלטען לענגער, וועל איך זיי דערווייל קענען האַלטען אַ שטיקעל צייט אין דער אויעזדנע מיליציע עד יעבור זעם. חוץ דעם האָב איך שוין געהאַט פאַרטראַכט נאָך אַ פּלאַן, ווי אַזוי זיי צו ראַטעווען דורך באַשטראָפען.

איך האָב באַפוילען צו הערש האַרבאַטע (דער שוועער פון קאָמיסאַר פון בילדונג), ער זאָל קומען קיין קאַמענעץ, מיטברײנגען אַ פאַר טויזענט רובעל און מיטנעהמען אונזער סטאַראָסטע, וועל־וועל אַהרן זלמנ׳ס (סיפּערשטיין), ווייל איך האָב בכלל געהאַט אַ פּרינציפּ ניט צוצוריהרען זיך צו קהל׳שע געלטער, בפרט נאָך געבען כאַבאַר. זיי זײנען געקומען און כ׳בין אַרײנגעגאַנגען מיט׳ן סטאַראָסטע צום סעקרעטאַר פון גובערנאַטאָר, (זיי זײנען דאָך שוין געוועזען איצט אונטער ציווילער מאַכט), איהם געהייסען געבען ווי־פיל ער וועט פאַרלאַנגען פאַר אַ גרויסער טובה און איהם זאָגען, אַז איך וועל איהם קומען בעטען די טובה און, אַז ער מעג זיך אויף מיר פאַרלאָזען.

איך האָב איהם דערצעהלט, אַז ווען די באָלשעוויקעס זײנען אַריין, האָבען אייניגע בעלי־מלאכות זיך דערפרעהט און אָנגעהויבען טאַנצען אַרום זיי און געוואָרען קאָמיסאַרען, כאָטש איך האָב זיי גע־וואָרענט, אַלס פאָרשטעהער פון אָבשטשינע (קהילה), אַז זיי זאָלען זיך ניט מישען אין פּאָליטישע זאַכען. מיר זײנען נייטראַל און מישען זיך ניט אין קיינע רעגירונגס־אנגעלעגענהייטען. דעריבער כדי ס׳זאָל זיך ניט איבער׳חזר׳ן אַזאַ האַנדלונג, סיי פון זיי, סיי פון אַנדערע, בעט איך איהם, ער זאָל זיי געבען צו חודש אַרעסט־

הויז אַדמיניסטראַטיוונים פּאַראַדקאָם, ד. ה. אין נאָמען פון גו־בערנאַטאָר. דערהערט וועגן אַזאַ טובה, האָט ער זיך דערפרעהט. צו קריגן אַכט הונדערט רובעל און געבען ניין אידען צו חודש אַרעסט־הויז, לויט דער ביטע פון אַ פּאַרשטעהער פון אַ קהילה, וואָס קען נאָך זיין בעסער?

הכלל, דאָס פּאַפּיר האָב איך געוועהנליך געוואָלט באַלד אויף דער האַנט, עס געקראָגען און אַוועק מיט גדולה צו די אַרעס־טירטע אין אויעזדנע פּאָליציי און זיי געשטראָפט, וואוילינגעריש: „איך האָב אייך געשענקט צו חודש טורמע, אַז איהר זאָלט זיך מעהר ניט מישען אין קיין רעגירונגען". וועלוועל קעצאָלע, אונ־זערער אַ געשוואוירענער שניידער, האָט אַרויסגעפּלאַצט: „וואָס? משה? דו האָסט מיר אַזוינס געטאָן"? און מיר געצייגט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן ניט קיין שעהנע זאַך פאַר שרעק. אָבער דאָס האָט זיי געראַטעוועט פון טויט, ווייל קיין צווי מאָל באַשטראָפט מען ניט פאַר איין און דעם זעלבען חטא.

35.

# אַ פּאָגראָם ביי אונז אין שטאָדט

איך בין געווען פאַרבונדען מיט דעם ריכטער, גלח און קסיאָנדז און אויך מיט די פּעטליורישע לעהרער און אינטעליגענץ און האָב אַלעמאָל ביי אַן אַריינקום, צי אַוועקגאַנג, אין פאַל פון געפאַר, זיך באַנוצט מיט זיי, צו מאַכען אַ גוטען נאָמען אונזער שטאָדט, אַלס סאַמאָסטיניקעס — ד. ה. פאַר זעלבסטשטענדיגקייט פון אוקראַינע.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט זיינען געזעסען לעבען אונזער הויז אַ גרופּע אידען און גערעדט וועגן אונזער לאַגע. פּלוצים דער־הער איך אַ גאַלאָפּ פון פערד. איך קוק זיך אום און זעה דריי אָפיצערען, אַנקומענדיג פון וואָלאָסט (גמינע הויז). די אָפיצערען האָבען אַ קוק געטאָן צו אונזער ריכטונג און איך האָב באַלד גע־זאָגט: „אידען, איך האָב מורא, אַז מיר וועלען האָבען אַ פּאָגראָם די נאַכט". די אידען זיינען ניט געוואוינט געווען צו הערען פון

מיר אַזוינע רייד, ווייל איך האָב אַלע מאָל פאַרהיט די שטאָדט. באַלד איז געקומען צו לויפען דער סטאַראָסטאַ צו מיר און געזאָגט, אַז עס זיינען צוגעקומען צו איהם דריי אָפיצערען פון אַ דיוויזיע, וואָס שטעהט אין אַ דאָרף אויפ'ן בארג (מיכיווקע) און געפאָדערט: האָבער און שטיוועל. באַלד איז געקומען דער נאַטשלאַניק מיליציע און מיר געזאָגט, אַז זיי זיינען געווען ביי איהם און איהם פאַר־זאָגט, אַז איצט זיינען זיי די בעלי בתים פון שטאָדט און ער זאָל זיך ניט וואָגען מישען אין וואָס עס וועט פאַרקומען.

איצט איז שוין געווען פאַר מיר קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דאָס מיינט אַ פּאָגראָם די נאַכט. איך בין אַוועקגעלאָפען אין טע־לעפאָן סטאַנציע, זיך געפּרואווט פאַרבינדען מיט'ן קריעגס־מיניס־טעריום און ניט געקענט. עס האָט זיך מיר אָבער איינגעגעבען צו פאַרבינדען מיט פנחס קראַסני און ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען מאַכט אַ שנעלען ויברח און מען קען גאָר ניט טאָן. מיט זעלבסטשוץ אַרויסטרעטען געגען אַ דיוויזיע, האָט קיין זינען ניט געהאַט. אַרויסגעהענדיג פון דער טעלעפאָן־סטאַנציע איז שוין די טאָרגאָוויצע (מאַרק פאַר בהמות און פערד) געווען פול מיט אָפּ־טרעטענדען „אָבאָז" (פוהרען פון אַמוניציע און פּראָוויאַנט). אַזוי אויך דער הויפּט־מאַרק. איך בין אַוועק צו זייער קאָמאַנדיר, איהם דערצעהלט די געשיכטע פון די אָפיצערען און איהם געבעטען אַוועקצושטעלען אַ גוטע וואַך. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער וועט ניט דערלאָזען צו קיין פּאָגראָם, אָבער איך מוז איהם צו־שטעלען צוויי הונדערט פאַר שטיוועל. איך האָב איהם געזאָגט, אַז קיין גרייטע שטיוועל אַזוי פיל איז גאָר אין שטאָדט ניט בנמצא, אפילו ביי אַלע קרעמער צוזאַמענגענומען, נאָר אויב זיי וועלען שטעהן עטליכע טעג, וועל איך אָרדערען ביי אַלע שוסטער, אי־דישע, ווי גוי'אישע, זיי זאָלען אויפאַרבייטען דעם סכום שטיוועל און ער האָט מיר נאָכאַמאָל פאַרזיכערט, אַז ער וועט אָננעמען מיטלען צו פאַרהיטען די שטאָדט. דאָך האָב איך ווייניג וואָס גע־שטעלט אויף זיינע רייד, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אַ מיליטער דיוויזיע, וואָס וויל מאַכען אַ פּאָגראָם, איז שטאַרקער פון איין אָבאָז־קאָמאַנדע.

אַהיימגעהענדיג פון דער קאָמאַנדע איז שוין געווען טונקעל

און דער מאַרק איז געווען פול מיט אָבאָז־פוהרען און קאָזאַקען און אַט אַזוי האָב איך זיך שוין אין דער טונקעל געשאַרט צווישען די פוהרען אַהיים, ווייל עס איז שוין געווען אַ געפאַר צו געהן אין גאַס. צוקומענדיג נאָהענט צו אונזער הויז, זעה איך און הער, ווי אַן אָפיצער שטעהט און שרייט מיט באַנומענע קולות און מאַכט רוסישע מי׳שברך׳ס אויפ׳ן חשבון פון אידען. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם און ער איז מיך באַפאַלען, פאַרוואָס די אידען פאַרמאַכען טיר און טויער, ווען זיי קומען אָן. אַט וויל ער קויפען טיטין צו רויכערען און האָט ניט וואו און ער וויל ערגעץ איבערנעכטיגען און האָט ניט וואו.

איך האָב איהם ערקלעהרט די סיבה און אַלס אָפיצער דאַרף ער וויסען, אַז צווישען די קאָזאַקען זיינען דאָ רויבער און מערדער. נו, האָבען אידען מורא, ווייל זיי ווייסען דאָך ניט ווער עס איז דער רויבער, אָבער ווען זיי זעהען, אַז ער איז אַן אָפיצער, וואָלטען זיי ניט מורא געהאַט פאַר איהם. איך האָב גלייך אַ געשריי געטאָן צו אַ טיטין־פאַרקויפער געגענאיבער ער זאָל צוקומען. ער איז צוגעקומען מיט טויט־שרעק. איך האָב איהם געהייסען ברענגען אַ האַלב פונט טיטין. „משה, דו קוילעסט מיך, זיי וועלען מיך צעטראָגען!" „ברענג עס אַהער צו מיר!" ווען ער האָט צוגעבראַכט דאָס האַלבע פונט טיטין, האָב איך עס געגעבען דעם אָפיצער, קיין געלט האָב איך ניט געוואָלט נעמען און בנוגע נעכטיגען, האָב איך איהם איינגעלאַדען צו אונז אין הויז און איהם אָפגעגעבען דאָס פראָנט־צימער.

געזעהן אַזאַ גאַסטפריינדליכקייט פון מיר, האָט ער שוין אָנגעהויבען רעדען וויכער. „זעהסט! איהר, אידען, מיינט אַז מיר, אַלע פעטליוראָווצעס, זיינען פאָגראָמשטשיקעס. ווען איך וואָלט געווען אַ פאָגראָמשטשיק, וואָלט איך ניט געגאַנגען אָהן אַ העמד". ער האָט זיך צעשפיליעט און מיר געוויזען, אַז ער טראָגט טאַקע ניט קיין העמד. איך בין גלייך אַריין אין מיין צימער און איהם געבראַכט אַ פאָרעל גרייט־אונטערוועש. דערזעהן אַזאַ מציאה האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לויזען, זיך אויסגעלויזט און אָנגעטאָן מיין פאָרעל גרייט. ביי אונז אין הויז פלעגען זיך תמיד צונויפקלויבען צעהנדליגער פאַמיליעס בשעת סכנה. ראשית, זיינען ביי אונז גע־

ווען עטליכע בחורים, און מען האָט געוואוסט, אַז איך האָב „שפּאַיעכץ” אויך. שנית, האָב איך אַלע מאָל געהאַט אַ פּאָליסי, ניט צו פאַרמאַכען קיין טיר, און כסדר אַריינגעלאָזט די פּעטליוראָוו־צעס, זיי געגעבען וואָס איך האָב געקאָנט, און דערמיט איינגע־שטילט זייער גרימצאָרן. אויך איצט זיינען אַלע אונזערע פינף חדרים געווען פאַרפולט מיט שכנים און ווייטערע גוטע פריינט, וועלכע זיינען געקומען זוכען שוץ ביי אונז אין הויז, ווייל מען האָט זיך דאָך געשראָקען פאַר אַ פּאָגראָם די נאַכט.

נאָך די אַלע גוטע ריידעלאַך פונ׳ם אָפיצער, האָב איך זיך דאָך מורא געהט צו פאַרלאָזען אויף זיין יושר. איך האָב געהייסען אַלעמען זיך לעגען שלאָפען. די דילס (פּאָדלאָגעס) פון אַלע צי־מערען, זיינען געווען אַזוי איבערגעפּאַקט, אַז מען האָט זיך קוים געקענט דורכשלעפּען דורך די שלאָפענדע. איך אַליין האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל לעבען דער טיר, וואָס האָט געפיהרט צום אָפיצער און איהם געהיט דורך אַזעלכע ספּעציעלע קליינע פענסטערלאַך וואָס מען האָט אַמאָל אַריינגעשטעלט, ווען דאָס פראָנט־צימער איז געווען אַ געוועלב. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעלויזט און זיך איבערגעטאָן, האָט ער מיך געבעטען איך זאָל צוואוואַרטען פאַר איהם, איהם צוריק אַריינצולאָזען, ווייל ער מוז נאָך צולויפען צו דער איינפאָהר־סטאַנציע, וואו זיינע קאָזאַקען שטעהען און עפּעס איינאָרדענען, און ער וועט זיך באַלד אומ־קעהרען. ווער האָט געקאָנט וויסען, וואָס דאָס לויפען און אומקעה־רען מיינט. אַ בעסערע ברירה האָב איך געהאַט? באַלד איז ער געקומען צולויפען אַ פאַרסאַפּעטער אין אַ פאַרבלוטיגט העמדעל און מיך געבעטען איהם געבען תיכף וואַסער און זייף אָפּצוּוואַשען דאָס בלוט, ווייל ער האָט דערלאַנגט איינעם אַ שכור׳ן קאָזאַק אין די צייהן, פאַר וועלען שלאָגען אַ אידען און אויב זיי זאָלען דערקענען, אַז זיין העמדעל איז פאַרבלוטיגט, וועלען זיי וויסען, אַז דאָס האָט ער געטאָן און זיי קענען איהם דער׳הרג׳ענען.

ער האָט זיך אַרומגעוואַשען און זיך אַוועקגעלעגט, באַלד האָט מען געקלאַפּט אין טיר. איך בין צוגעגאַנגען עפענען און זעקס גאָרילאָס־קאָזאַקן האָבען זיך געגעבען אַ שטעל אַריין און מיך געשלעפּט איך זאָל זיי געהן ווייזען, וואו עס איז דאָ צו קויפען

ברויט. דאָס האָט געמיינט אַ זיכערער טויט. איך האָב זיך מיט איין האַנט צוגעהאַלטען אין אַן אייזערנעם קייטעל פון אַ האַלבער טיר און מיט דער צווייטער האַנט האָב איך זיי געוויזען אַ לייכ־טענדע הויז געגענאיבער אַ גוי'אישע בעקעריי אין דער אַקעגען־גאַס. זיי האָבען מיך אָבער געשלעפּט איך זאָל געהן מיט זיי. האָב איך זיך שוין געווענדעט צום אָפיצער און איהם געזאָגט, אַז מען קען פון דאַנען זעהן דאָס הויז פון דער בעקעריי, וואָס זשע שלעפּען זיי מיך? דער אָפיצער איז אַראָפּ פון געלעגער, אַ קוק געטאָן און זיי געהייסען מיך אָפּלאָזען, ווייל זיי קענען אַליין צוגעהן צו דעם הויז, וואָס מען זעהט פון דאַנען.

באַלד האָב איך דערהערט געוואַלדעס פון נחמיה'ן, אַ איד, אַ ריעז, אַ מאַן פון אַ יאָהר אַכציג. זיינע קולות האָבען אָפּגעקלונ־גען איבער דער גאַנצער שטאָדט און באַלד איינגעשטילט געוואָ־רען. ער האָט גאָר געוואוינט אין אַ הינטער גאַס און דאָס קול איז געגאַנגען פון זיין זוהנ'ס הויז. אין דער פריה האָט מען איהם געפונען מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז און אַן אָפּגעשניטענער האַנט. זיין זוהן, זוסיא, איז אויך גע'הרג'עט געוואָרען אויף אַ שווי־דערליכען אופן אין האָרינין, ווי דערמאָנט אין אַ פריהעריגען עפּי־זאָד. דאָס איז געווען דער ערשטער און איינציגער קרבן פון פּעט־ליורא'ס באַנדעס ביי אונז אין שטאָדט אין משך פון דער גאַנצער צייט פון אַלע אַריינמאַרשירונגען און צוריקטרעטונגען.

דער אָפיצער האָט זיך געלעגט שלאָפען און איך בין געזעסען און איהם געהיט. אַרום צוויי־דריי ביינאַכט האָב איך דערהערט קולות עד לב השמים אין דער הינטער־גאַס פון אונזער הויז, פונ'ם וואָלאָסט־געגענט, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער פּאָ־גראָם האָט זיך אָנגעפאַנגען.

## .36
## פּעטליורא'ס קאַדעטען קומען אָן אין צייט פון פּאָגראָם

דערהערט די קולות בין איך אַריינגעלאָפען אין מיין צימער, וועלכעס האָט אַרויסגעקוקט צום וואָלאָסט, געעפענט אַ לופט־פענסטערעל און אַרויסגעקוקט. אַזוי ווי עס איז געווען זומער

צייט, איז שוין געווען ליכטיג און איך האָב געקענט אַלץ זעהן און הערען. אַ שכנה'ישע פרוי איז געלעגען אין מיטען גאַס, לעבען איהר הויז ניט ווייט פון איהר קינד (געכאַפּט אַפּנים בשעת אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען) און אַ צעהן־צוועלף קאַזאַקען האָבען זי אַטאַקירט איינער נאָך דעם אַנדערען. איהר מאַן, יאַנקעל, איז געלעגען ניט ווייט אין אַ גאָרטען (ביי לייזער קאָ־וועל), און זי האָט געשריען צו איהם: „יאַנקעל, העלף מיר". און ער האָט געענטפערט: „וואָס קען איך טאָן?" פון דאָרט, אַנ־פאַנג שטאָדט פון וואָלאָסט זייט (און איך האָב געזעהן אַז די גאַנצע צרה קומט פון דאָרט) האָבען אַ צוואַנציג־דרייסיג פּאָגראָמ־שטשיקעס זיך צעטיילט אין צוויי גרופּען, איינע איז געגאַנגען מיט יענער גאַס ארויף צום מאַרק צו און די צווייטע האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט דער הינטער גאַס צו דער טשאָרטקאָווער קלויז. אַזוי ווי אונזער הויז איז באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע הייזער, איינס צו דער פראָנט, וואו מיר האָבען אַליין געוואוינט, און איינס צו דער טשאָרטקאָווער קלויז (פאַרדונגען), און דאָס צווייטע הויז איז געווען דאָס ערשטע פון אַנדערע צוויי פּאָר אונזערס וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו יענער גאַס, האָבען זיך די קאָזאַקען גע־לאָזט צו אונזער הויז און צוגעקומען צו דער טיר פון מיין צימער, (ווייל דאָס צווייטע הויז איז געשטאַנען אין דער הויך אויף אַ שטיי־נערנעם סקלאָד), און אָנגעהויבען קלאַפּען. איך בין אַרויס און זיי געפרעגט, וואָס זיי ווילען. זיי ווילען אַ טרונק וואַסער, האָבען זיי געענטפערט. „אַזוי שפּעט אין דער נאַכט נעמט מען קלאַפּען נאָך וואַסער?" האָב איך זיי געפרעגט. „עפען, אלא ניט וועלען מיר שיסען". „איך קען אויך שיסען", האָב איך זיי געענטפערט שטרענג. זיי האָבען גענומען רייסען די טיר, שרייענדיג אַז דאָס בין איך דער וואָס שיסט אויף זייער אַרמיי. איך האָב געזעהן אַז עס וועט לאַנג ניט נעמען צו צעברעכען די טיר און די רע־וואָלווערען זיינען גאָר געווען באַהאַלטען. חוץ דעם האָט קיין זי־נען ניט געהאַט זיך געגענצושטעלען.

איך בין גלייך אַריינגעלאָפען אין פראָנט־צימער, אויפגעוועקט דעם אָפיצער און איהם דערצעהלט, אַז קאָזאַקען רייסען זיך אַריין צו מיר אין צימער. ער איז אַראָפּ נאַקעטערהייד אין אונטערוועש

בלויז און געלאָפען צו מיין צימער. איך בין אָבער ניט געווען איבערראַשט, און אַ כאַפּ געטאָן די אייזערנע קאַסקע (אַ היטעל אַזעלכעס) און איידער איך האָב געעפענט פאַר איהם די דרויסען טיר, האָב איך איהם אָנגעטאָן די קאַסקע. ער האָט זיך אויס־געבייזערט אויף זיי פאַר שטערען די רוה אַזוי שפּעט ביינאַכט, בפרט ווען ער שטעהט דאָ אין הויז און זיי געהייסען זיך פאַרנעמען. ווען איך האָב צוריק צוגעמאַכט די טיר, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך האָב קלוג געטאָן, וואָס איך האָב מיטגענומען די קאַסקע און אים אָנגעטאָן, ווען ניט וואָלטען זיי ניט געווען געוואוסט, ווער ער איז און זיי וואָלטען איהם גלייך געווען געשאָסען, איי־דער ער וואָלט נאָך געהאַט די מעגליכקייט צו רעדען צו זיי. איצט האָב איך איהם שוין דערצעהלט, אַז דער פּאָגראָם געהט שוין אָן און מיר זיינען אַוועק אין פראָנט־צימער, זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ פענסטער און צוגעקוקט, ווי דער פּאָגראָם געהט אָן. אַ צוואַנ־ציג קאָזאַקען, צעטיילט אין גרופּען פון עטליכע, זיינען צוגעגאַנ־גען צו אַ שטוב, אָנגעהויבען צו ברעכען די טיר. אַז מען האָט פון אינוועניג אָנגעהויבען צו שרייען געוואַלד (ווער עס האָט ניט געהערט די קולות, ווייסט ניט וואָס עפּעס שרעקליכעס מיינט) זיי־נען זיי אַנטלאָפען.

אַז עס איז געוואָרען שטיל, ד. ה. אַז די הויז מענשען זיינען אַנטלאָפען פון הויז הינטען אַרום, האָבען זיך די קאָזאַקען אומגע־קערט, אויפגעבראָכען די טיר און אָנגעהויבען טראָגען די זאַכען און די סחורות, אויב עס איז געווען אַ געוועלב. איין גרופּע איז אַוועק מיט איין רייהע דירות און אַ צווייטע — מיט דער אַנ־דערער רייהע, וואָס אונזער הויז איז געווען צווישען זיי, דאָס דריטע פון אָנפאַנג. די קאָזאַקען האָבען שוין געוואוסט, אַז ביי אונז שטעהט איין אַן אָפיצער, האָבען זיי איבערגעהיפּט אונזער הויז און ראַבירט ביידע הייזער פון די שכנים. זעהענדיג אַז עס איז בלויז אַ גרופּע פון אַ צוואַנציג דרייסיג כוליגאַנעס, האָב איך גע־נומען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן אָפיצער, אַז ער זאָל אויסשיסען, וועלען זיי זיך צעלויפען. „ראשית, זאָגט ער, האָב איך ניט ביי זיך קיין רעוואָלווער, און שנית, ווען איך האָב אפילו, וואָלט איך עס אויך ניט געטאָן. וואָרים ווען איך זאָל שיסען און צופעליג

דער׳הרג׳ענען איין קאָזאַק און אפילו זיי זאָלען אַנטלויפען וועט די לאַגע ווערען געפעהרליכער. איצט זיינען זיי געקומען עטליכע צעהנדליג, זיי וועלען אָנראַבירען אַביסעל, פיליכט פאַרגוואַלטיגען איניגע פרויען און פיליכט וועמען ניט איז דער׳הרג׳ענען. זאָל איך אָבער דער׳הרג׳ענען איין קאָזאַק, וועט די גאַנצע דיוויזיע אַריינקומען, ניט ביינאַכט נאָר בייטאָג, און אויסקוילען די גאַנצע שטאָט". דערפאַר, זאָגט ער, האַלט ער קיינמאָל ניט קיין רעוואָל־ווער מיט זיך, ווייל אַ מענש איז דאָך מעהר ניט ווי אַ מענש מיט הייס בלוט און ווען ער זאָל האָבען אַ רעוואָלווער און וועלען העלפען אידען, קען ער זיי נאָך אַמאָל גאָר אומגליקלעך מאַכען.

איך האָב איינגעזעהן, אַז ער איז גערעכט און האָב שוין מעהר ניט גע׳טענה׳ט צו איהם, און מיר זיינען בלויז געשטאַנען ביים פענסטער און צוגעקוקט ווי די ראַבירונג געהט אָן און צוגעהערט די שרעקליכע קולות, וואָס איז געווען אַ סימן פון פאַרגוואַלטיגונג פון פרויען.

פלוצים דערזעה איך ווי קאָזאַקען־רייטער מיט לאַנגע פיקעס (אַזעלכע שפּיזען אויף לאַנגע שטעקענס) קומען אָן מיט אַ גאַלאָפּ אין שטאָדט אַריין און פון דער ריכטונג פון זייער פאָהרענץ האָב איך געזעהן, אַז זיי רינגעלען אַרום די שטאָדט.

„נו, טראַכט איך זיך: דאָס איז געווען בלויז אַ פאָר־שפּיל. איצט קומט די גאַנצע דיוויזיע, רינגעלט אַרום די שטאָדט, מ׳זאָל ניט קענען אַנטלויפען און די אמת׳ע חתונה וועט זיך ערשט אָנהויבען".

איך האָב אָבער געכאַפּט אַ קוק צו די פּאָגראָמירענדע קאָזאַקען און געזעהן, אַז זיי אַנטלויפען. דאָס איז שוין געווען אַ מדרש־פּלא פאַר מיר. אָבער אַזוי ווי די דאָזיגע קאָזאַקען ווייסען דאָך יאָ וועה יענע קאָזאַקען מיט די פיקעס זיינען און אַז זיי אַנטלויפען איז אַ סימן, אַז יענע זיינען ניט קיין פּאָגראָמשטשיקעס און איך בין גלייך אַרויס אין דרויסען און דער אָפיצער פון יענע קאָזאַקען האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו מיר מיט זיין ברענענדיג פערד און מיך געפרעגט ווער עס מאַכט דעם פּאָגראָם. איך האָב איהם ערקלעהרט, און איהם אָנגעוויזען די ריכטונגען, וואוהין די קאָ־

זאַקען זיינען געלאָפען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבען מיר און באַפוילען זיינע קאָזאַקען נאָכיאָגען די פּאָגראָמשטשיקעס און זיי ברענגען צו איהם.

די קאָזאַקען האָבען זיך גלייך אַוועקגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ און באַלד געבראַכט כמעט אַלע רויבער. דערווייל האָט ער מיר דערצעהלט, אַז דאָס איז די קאַדעטען גרופּע (סטודענטען וואָס לערנען פאַר אָפיצערען) און זיי זיינען געפאָהרען צו זייער שטאָב אין גריידיג. (אַ דרייסיג ווערסט פון אונז) דורכפאָהרענדיג מיט'ן שליאַך ניט ווייט פון אונזער שטאָדט (אַ דריי ווערסט) האָבען זיי דערהערט געוואַלדען און פאַרשטאַנען אַז עס געהט אָן אַ פּאָגראָם, האָבען זיי פאַרקירעוועט אַהער. דער אָפיצער איז געווען מיט אַ שעהן בערדעל (מיר האָבען איהם טאַקע אַזוי נאָכהער גערופען: דאָס בערדעל) אַ ליב־האַרציגער מענש, אַן אוקראַינישער פּאַטריאָט־נאַציאָנאַליסט און מיר שוין פאַר איין וועגס דערצעהלט, ווי אַזוי זייער קאַדעטען־גרופּע קעמפט אומעטום געגען די פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע פאַרשוואַרצען דאָס פּנים פון אוקראַינע.

דערווייל האָבען זיינע קאָזאַקען צונויפגעבראַכט אַלע רויבער און ער האָט זיי באַפוילען זיי זאָלען געהן אונטער אַ וואַך פון זיינע קאָזאַקען, און אָפּברענגען צו יעדען זיינע זאַכען, וואָס זיי האָבען געראַבירט.

צווישען זיי איז געווען איינער וואָס האָט געראַבירט אונזער שכן פון דער לינקער זייט.

יעדעס מאָל וואָס דער קאָזאַק האָט צוריקגעבראַכט זיינע זאַכען, האָט ער אונטערגעשפּרונגען (געווען אַ קליינער) און דער־לאַנגט דעם קאָזאַק אַ פּלעם אין פּיסק. דער אָפיצער מיט'ן בערדעל איז געשטאַנען און געלאַכט. אָבער איך האָב איהם געהייסען אויפ־הערען דאָס טאָן, ווייל גיורא עד עשרה דרא לא תבזה ארמאי באפיה. איך האָב באַלד אָנגעהויבען איינצו'טענה'ן מיט'ן אָפיצער מיט'ן בערדעל, זיי זאָלען בלייבען ביי אונז אין שטאָדט, אלא ניט, וועלען די קאָזאַקען זיך נאָכהער נוקם זיין אין אונזער שטאָדט. ער האָט גע'טענה'ט, אַז זיי מוזען פאָהרען אין שטאַב, און שנית האָבען זיי ניט מיט זיך קיין קאָסע און וועלען ניט קענען עקזיס־טירען דאָ. „פאַר דעם וועלען מיר זיך שוין זאָרגען, און איך

װעל בשום אופן ניט לאָזען אייך אַװעקפאָהרען, װייל אנשטאט אַ טובה װעט אַרויסקומען אַ רעה, אויב איהר װעט אַװעקפאָהרען״. און זיי זיינען געבליבען.

.37

# איך קעמפ מיט אַ האַק אין האַנט געגען צוויי קאָזאַקען מיט ביקסען

אַ פּאָר גויים פון דער מיכיוועקע, וואו די דיוויזיע איז געוועזען איינגעקוואַרטירט, האָבען מיר דערצעהלט, אַז זיי האָבען איינגעהערט ווי די אָפיצערען פון דער דיוויזיע שושקען זיך, אַרונטערצוכאַפּען זיך אין שטאָדט אין צייט פון אַ יאַריד, אָנמאַכען אַ טומעל און מיט דעם טומעל זיך באַנוצען און אַנטוואָפענען די קאַדעטען און נאָכהער געוועהנליך זיך נוקם זיין אין דער שטאָדט.

איך בין באַלד אַוועק צום בערדעל, איהם דערצעהלט די געשיכטע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ערוואַרטעט, אַז זיי זאָלען איהם אָפּטאָן אַזאַ שפּיצעל, און ער האַלט כסדר די קאַדעטען אויף דער וואַך, אָבער עס איז גוט, וואָס איך האָב איהם דערצעהלט זייער פּלאַן, ווי אַזוי זיי וועלען דאָס מאַכען, וואָרים בשעת יאַריד קענען זיי מאַכען אַ טומעל אויף פאַרשידענע פּונקטען און איידער זיי וואָלטען זיך געכאַפּט, וואָס עס קומט פאָר, וואָלטען יענע געקענט פאַרכאַפּען סטראַטעגישע פּאָזיציעס. אַזוי וועט ער זיי שוין פאַרלויפען דעם וועג און איך דאַרף זיך גאָר ניט זאָרגען: זיי וועלען גאָר ניט קענען טאָן דער שטאָדט. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָב פאַרזאָגט בסוד, אַז ווען מען וועט הערען וואָסערען ניט איז טומעל בשעת יאַריד, זאָלען קיין אידען זיך ניט געפינען אין גאַס און מען זאָל פאַרמאַכען די טירען.

ביי אונז אין הויז, איז קיין געוועלב ניט געווען, האָב איך די טירען סיי ווי געהאַלטען צוגעקייטעלט און געשטאַנען ביים פענסטער און געקוקט, וואָס דאָ וועט געשעהן און ווי אַזוי עס וועט געשעהן.

אין איין שעהנעם דינסטאָג, אונזער יאַריד־טאָג, זעה איך ווי

צוויי קאַזאַקעז מיט ביקסען רוקען זיך צווישען די פוהרען אין דער ריכטונג צו אונזער הויז. זיי זיינען צוגעקומען גלייך צום פענסטער, וואו איך האָב אַרויסגעקוקט, אַריינגעטאָן אַ פינגער אין אַ שטיקעל צעבראָכענער שויב (אין יענער צייט איז ניט געווען מעגליך צו קריגען גלאָז צו פאַררירכטען) און פּרובירען אויפצוקייטלען דאָס פענסטער. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָ הויבט זיך אָן דער עסק, בין איך גלייך אַריינגעלאָפען אין צווייטען צימער, פאַרריגעלט די טיר, געכאַפּט אַ האַק און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זייט ביי דער וואַנט, מיט דער אויסגע־שטרעקטער האַק צום פענסטערעל פון דער טיר און זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלען וואַגען אַריינצושטעלען אַ קאָפּ אין צימער, וועל איך איהם גלייך אָפּהאַקען. דעם עולם מיינעם האָב איך גע־הייסען דערוויייל זיך אַרויסרוקען דורכ'ן הינטערשטען הויז און אַנטלויפען מיט די גערטנער צו די באַקאַנטע גויים אונזערע. אַלע זיינען אַנטלאָפען, אָבער מיין פאָטער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון מיר און איך האָב געהאַט אַ צווייערלייעדיגע אויפגאַבע, אי צו קעמפען מיט די קאַזאַקען, אי איינזינען צו האָבען מיין פאָטער, ער זאָל זיך ניט טהאָן אַ פאַלשען דרעה. צי מאַכען אַ פאַלשען ריק־צוג, און קריגען אַ קויל.

די קאַזאַקען האָבען מיט די פריקלאַדען פון די ביקסען אויס־געבראָכען די פענסטערלאַך פון ביידע טירען און אַריינגעשטעלט די ביקסען און זיי געדרעהט אין דער זייט צו קענען שיסען אויף מיר. איך האָב דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט, ווייל איך בין גע־ווען באַשיצט מיט אַן אַרויסשטאַרטשענדען, אַביסעל, ווענטעל פון אַ הרובע. האָב איך איבערגעקעהרט די האַק מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און דערלאַנגט אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ איבער די ביקסען.

די קאַזאַקען האָבען אַפּנים דערפיהלט אַ שטאַרקען דרינזשע (ציטער) אין זייערע הענט, ווייל זיי האָבען אַרויסגעצויגען די ביקסען פון די פענסטערלאַך און מיט געוואַלדיגער רציחה גענו־מען ברעכען די טאַוולען פון דער טיר. איך האָב געזעהן, אַז עס וועט זיי לאַנג ניט נעמען אויפצוברעכען די טיר, האָב איך מיט דער האַק פאַרשטעלט די פענסטערלאַך און געהייסען מיין פאָטער זיך אַריינכאַפּען אין צווייטען צימער און נאַכהער האָב איך זיך אויך

אַריינגעשאַרט אַהין, צוגעמאַכט די טיר, וואָס האָט קיין ריגעל ניט געהאַט, בלויז איין העלפט איז געווען צוגעקייטעלט. האָב איך געכאַפּט אַ בערשטעל, אַריינגערוקט אין הענטעל פון דער טיר, אַז מען זאָל די טיר ניט קענען עפענען און געמוזט צוהאַלטען דאָס בערשטעל, אַז עס זאָל ניט אַרויספאַלען פון דעם טערעמאָסען (טרייסלען) די טיר. אַזוי ווי די טיר האָט ניט געהאַט קיין פענסטערלאַך, האָבען זיי זיך גלייך גענומען ברעכען די טאָוולען פון דער טיר און מיר האָבען אָפּגעצויגען צום דריטען צימער.

בשעת זיי האָבען זיך גענומען ברעכען די דריטע טיר, האָב איך דערהערט אַ גערואַלד אין פראָנט פון אונזער הויז און געהערט, ווי די קאָזאַקען אַנטלויפען. בין איך זיי גלייך נאָכגעלאָפען און געזעהן ווי זיי שפּרינגען אַרויס צוריק דורכ'ן פענסטער, ניט עפענענדיג די טיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען געווען איבעררעאַשט און ניט קיין צייט געהאַט זיך צו באַנוצען מיט דער טיר און אַרויסגעשפּרונגען צוריק דורכ'ן אָפענעם פענסטער. איך בין גלייך צוגעלאָפען צום פענסטער און געזעהן, אַז דאָס גערואַלד האָט אָנגעמאַכט מיין ברודער, קלמן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דורך דער הינטערשטער הויז, נאָר אָנשטאָט צו לויפען צו די גויים, איז ער אַרויס אין פראָנט און געשריען: גערואַלד!

די קאָזאַקען, אַרויסשפּרינגענדיג דורכ'ן פענסטער האָבען נאָך אויסגעשאָסען דערלאַנגען אַ קלאַפּ אין קאָפּ און אַראָפּכאַפּען דאָס היטעל פון מיין ברודער, קלמן, און אַנטלויפען. אין דער מינוט איז געוואָרען אַזאַ סומאַטאָכע, אַז די פוהרען האָבען אָנגעהויבען צו לויפען, ווי פון אַ פייער, און אין איינציגע מינוטען איז דער גאַנצער מאַרק און די שטאָדט געווען אָפּגערייניגט פון די פוהרען. דאָס האָט דאָס בערדעל געגעבען אַזאַ באַפעהל כדי צו האָבען פאַר זיך אַ ריינעם פלאַץ אָנצופיהרען דעם קאַמף געגען דער דיוויזיע דורך זיינע פּאָליעמיאָטען, צעשטעלט אויף סטראַטעגישע פונקטען.

די פאַרפּאָסטענס פון דער דיוויזיע, וואָס האָבען באַדאַרפט אָנמאַכען טומעל אויף פאַרשידענע פונקטען, כדי די איבעריגע זאָלען זיך קענען וואַרפען דורך פאַרשידענע ערטער אויף די קאַ-

דעטען, האָבען געזעהן אַז דאָס בערדעל האָט זיי איבערגעבעטן־רעוועט און האָט צעשטעלט פּאָליעמיאַטען אויף אַלע סטראַטע־גישע פּונקטען, און זיי האָבען זיך אָפּגעטראָגען.

איך האָב געזעהן, אַז עס איז ניט קיין תכלית זיך צו געפינען אין שטענדיגער מורא, איבערגעפּאַלען צו ווערען פון דער פּאָגראָם־דיוויזיע און אָנגעהויבען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן בערדעל ער זאָל מיר העלפען אָנקלאָגען די דיוויזיע, אַלס פּאָגראָם־דיוויזיע, און פּאָ־דערען צוזאַמען מיט מיר מען זאָל זי ראַספאָרמירען (צעלאָזען), צושטעלענדיג פון זיין זייט אַ באַזונדערען באַריכט, חוץ דעם, וואָס איך וועל צוזאַמענשטעלען מיט באַוויזען פונ׳ם פּאָגראָם.

דערצו האָב איך געמוזט האָבען געוועהנליך אַ מיליטערישען סודעבנע סליעדוואַטעל (אויספאָרשונגס ריכטער), און איך האָב געבעטען דאָס בערדעל ער זאָל פּועל׳ן ביים קריגס־מיניסטעריום מען זאָל צו אונז אַזאַ אויספאָרשונגס ריכטער שיקען, געבענדיג זיין מיינונג, אַז עס איז אַבסאָלוט נויטיג.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און עס איז אָראָפּגעקומען אַן אַמאָ־ליגער ניקאָלאַיעווסקי סודעבנע סליעדאָוואַטעל, גראַדע אַ ליבע־ראַלער מענש, און פאַרפאַהרען גלייך צו אונזער הויז און מיר פאַר־געשלאָגען צו מאַכען ערגעץ־וואו אַ הויפּט־פונקט, וואוהין צו רופען די עדות און צו זעהן קריגען פאַר איהם אַ סעקרעטאַר צו שרייבען די פּראָטאָקאָלען.

אַלס הויפּט־קוואַרטיר האָב איך באַשטימט די טשאַרטקאָווער קלויז און אַלס סעקרעטאַר האָב איך איהם פאָרגעשלאָגען מיין דינסט, מחמת איך האָב ניט געוואָלט זיך פאַרלאָזען אויף קיין אַנדערען צו שרייבען די פּראָטאָקאָלען, ווייל יעדע עדות־זאָגאַכץ איז אַלץ געווענדעט, ווי אַזוי מען שרייבט עס און וואָס פאַר אַ קאָליר מען גיט צו.

ער איז געווען זעהר צופרידען מיט מיר, אַלס סעקרעטאַר, און מיר זיינען גלייך צוגעטראָטען צו דער אויספאָרשונגס אַרבייט.

דעם ערשטען עדות האָב איך גערופען די פריהער דערמאָהנטע פרוי, נאָר אַזוי ווי זי איז געווען אונזער שכנה, האָב איך ניט געפיהלט ווי צו זיצען ביים דאָפּראָס (אויספרעג). איך האָב

עס ערקלעהרט דעם אויספאָרשונגס ריכטער און איהם געבעטען דעם דאָפּראָס אַליין צו שרייבען.

דער פּראָטאָקאָל איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אויסגעצייכענט. די דיוויזיע איז ראַספּאָרמירט געוואָרען און די אָפיצערען אַריינגעזעצט געוואָרען צו צוויי חדשים יעדער. דער אָפיצער, וואָס איז איינגעשטאַנען ביי אונז, האָט באַגעגענט אין קאָמענעץ מיין שוואָגער, בקי דיימאַנד, דעם טאָג, וואָס ער איז אַרויס פון טורמע און אויסגעמאַטערטער און געזאָגט צו איהם — „זעהסטו? דו ווייסט דאָך אַז איך האָב גאָר ניט געטאָן און בין געזעסען צוויי חדשים אומזיסט". דער פּראָטאָקאָל איז געווען דער איינציגער באַווייז געגען פּעטליוראַ'ס אַרמיי.

בשעת שוואַרצבאָרד'ס פּראָצעס האָט בערנאַרד לעקאַש, זיין אַדוואָקאַט, געקראָגען אין סאָוועט רוסלאַנד דעם פּראָטאָקאָל. אין „טאָג" איז געווען געשריבען, אַז דער סטאָטריטשער באַריכט איז געווען דער איינציגער באַווייז. דער „טאָג" האָט פאַרביטען אַ „מ" פאַר אַ „ט": עס האָט באַדאַרפט זיין: סמאָטריטשער.

.38

## דאָס בערדעל שיקט זאָגען אידען, אַז ער איז אין געפאַר

דאָס לעבען און די פּאַסירונגען האָבען אין יענער צייט געשטראָמט, אַזוי האַסטיג און אַזוי געגענגעזעצט, אַז מיר האָבען נאָך ניט באַוויזען זיך אויסצורוהען אַביסעל די נערוועז פון דער דראָהענדער געפאַר פון דער פּעטליוראַ'ס פּאָגראָם־דיוויזיע און מיר זיינען שוין אַריינגעפאַלען אין אַ נייער סכנה: די טאַראַשטשאַנסקי דיוויזיע פון די באָלשעוויקעס (אגב־אורחא איז כדאי צו באַמערקען, אַז זי איז פריהער געווען אַ פּעטליורישע־פּאָגראָם־באַנדע־דיוויזיע) האָט באַוויזען אויך אַ שנעלען אופן דורכצורייסען דעם פּעטליורישען פראָנט און אָנקומען אַזוי שנעל צו אונזער שטאָדט, אַז די פּעטליוראַ־אַרמיי האָט אפילו ניט געוואוסט דערפון און ניט געקענט צושיקען אַזוי שנעל קיין הילף צו אונזער שטאָדט.

דאָס בערדעל איז אויף זיין אייגענעם אחריות אַרויסגעטראָטען מיט זיין ביסעל קאַדעטען געגען די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען שוין געווען לעבען שלאַכטהויז פון אונזער שטאָדט.

ער האָט באמת באַוויזען אומבאַשרייבליכע העלדישקייט, ווען ער האָט מיט אַ הייפעלע מענשען געקעמפט, העלדיש, געגען איי־נער פון די ווילדסטע באָלשעוויסטישע דיוויזיעס (וועלכע פלעגט מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען, כאָטש שוין אונטער די באָלשע־וויקעס: ניט געקענט פאַרגעסען זייער פּעטליורישע טבע), ביז ס'האָט געקענט אונטערקומען מיליטער, לויט זיין אַרויספאָ־דערונג. קעמפענדיג אין פעלד אין דער פראָנט ליניע איז ער פאַר־וואונדעט געוואָרען און געשיקט אונז לאָזען וויסען, אַז ער איז שטערבליך פאַרוואונדעט, זייענדיג זיכער, אַז מיר וועלען איהם קומען ראַטעווען. אַזוי האָבען דערצעהלט די קאַדעטען, וואָס זיינען געווען לעבען איהם, זיינע אַדיוטאַנטען, און ווען מיר זיינען ניט געקומען און ער האָט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן, האָט ער געזאָגט, אַז מ'האָט מסתמא אונז ניט איבערגעגעבען זיין ביטע, אלא ניט וואָלטען מיר איהם געקומען ראַטעווען און ער וואָלט געבליבען לעבען.

און ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות. מיר וואָלטען זיכער געווען געפונען אַ וועג ווי אַזוי צוצוקומען צו איהם דורך די גויאישע גערטנער, ווען מיר זאָלען געווען וויסען, וועגען דעם און וואו ער געפינט זיך.

דער שגץ אָבער, מיט וועלכען ער האָט דאָס באַפוילען צו אונז, האָט צוליב דער טראַסקעריי פון די פּוליעמיאָטען, מורא גע־האָט זיך צו באַוועגען און זיך אַליין באַהאַלטען און אַזוי אַרום איז דאָס בערדעל געשטאָרבען אומזיסט און אומנישט, אָפּריינענדיג מיט'ן בלוט, ניט האָבענדיג אפילו מיט וואָס זיך צו פאַרבאַנדאַזשי־רען און אָפּצושטעלען דאָס בלוט־רינונג. נאָר אויב מיר האָבען ניט געקענט ראַטעווען זיין לעבען, האָבען מיר אָבער דערפאַר איינגעאָרדענט פאַר איהם אַזאַ אימפּאָזאַנטע לויה, אַז די פּעטליו־רישע מיליטער־פאַרשטעהער און זיינע מיליטער־קאָרעספּאָנדענטען, האָבען זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אידען זאָלען אַזוי

ליעב־האָבען און אָרויסווייזען אַזאַ צער איבער'ן טויט פון אַ פעט־ליורישען אָפיצער.

אין אַלע פעטליורישע פּעריאָדישע מיליטערישע אויסגאַבען איז געווען באַשריבען מיט אַלע איינצעלהייטען די פּאַטריאָטישע אימפּאָזאַנטע לויה, וואָס די אידען פון סמאָטריטש האָבען איינגע־אָרדענט פאַר אַ פעטליורישען אָפיצער און די פריינדשאַפט רעדעס, וואָס זיינען פון אונז געהאַלטען געוואָרען וועגען איהם.

פּנחס קראַסני, דער אידישער מיניסטער, האָט אָנגעקוואָלען פון נחת פון דעם גוטען שטיקעל פּאָליטישער אַרבייט, וואָס מיר האָבען אויפגעטאָן מיט דער לויה און ער האָט אַ סך מאָל גענוצט דעם ענין צו שטעכען די אויגען די פעטליורישע אַנטיסעמיטען, ווי אַזוי אידען באַהאַנדלען זייערע פריינד און וואָס פאַר אַ גוטע פּאַטריאָטען זיי זיינען, ווען מ'באַהאַנדעלט זיי ריכטיג.

די קאַדעטען זיינען שוין דאַמאָלס אַוועקגענומען געוואָרען פון אונזער שטאָדט פאַר אָפּרוה און ביי אונז איז שוין געבליבען אַ ריכטיגע מיליטערישע דיוויזיע, דער גענעראַל פון וועלכער האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי אונז אין זאַל. זעלבסטפאַרשטענד־ליך, אַז די מיליטער־גרופּע האָט זיך שוין געלעבט גוט מיט אונז, ווי מיט אמת'ע פריינט, אָבער לאַנג האָט דאָס ניט געדויערט. די טאַראַשטשאַנסקי דיוויזיע האָט זיך ווייטער דורכגעריסען און זיי האָבען געמוזט אויף שנעל אַנטלויפען פון אונז. ווען דאָס זשומען פון די קוילען האָט זיך שוין געהערט איבער אונזערע הייזער און איך בין געגאַנגען פאַרמאַכען די טיר, האָב איך געזעהן דעם לעצטען פעטליוראָוועץ מיט אַ וויס־בלאַנקענדען רעוואָלווער אין האַנט אַנטלויפען און נאָך איהם, איז שוין ערשינען, אַ ווילדער טאַראַשטשאַניעץ אויף אַ ווילד פערד, מיט אַ צוכראַסטעט־אָפען העמד, פון וואַנען אַ שוואַרץ־באַוואַקסען מיט געדיכטע האָר האַרץ האָט זיך אַרויסגעזעהן, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל, ד. ה. נאַקעטע אָרעמס. איך האָב שנעל פאַרהאַקט די טיר און אַנטלאָפען טיף אין דעם פערטען צימער, טאָמער שיסט מען אויף אונזער הויז, זאָלען מיר זיין באַשיצט מיט אַ דריי־פיר ווענט. פּלוצים דערהער איך, ווי מ'קלאַפּט אין דער פראָנט טיר, אָבער ווער וועט עס געהן עפענען אין אַזאַ מאָמענט? מען קלאַפּט? זאָל מען קלאַפּען!

דאָס קלאַפּען האָט אָבער אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, אַז איך האָב איינגעזעהן, אַז איך מוז זעהן, וואָס דאָרט איז. קריכענדיג אויפ'ן דיל, שאַרענדיג זיך ביי די ווענט, האָב איך זיך צוגעשאַרט ביז צום פראָנט צימער. איך האָב געהערט, ווי איינער שרייט לעבען אונזער פראָנט־טיר: „ברייגגט אהער אַ פּוליעמיאָט, ווּעלען מיר צושיסען דאָס הויז: דאָ איז דער פעטליורא־שטאַב". ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער אויפשריפט פון יענער זייט טיר, וועגען גענעראַל'ס איינקוואַרטירונג, וואָס איך האָב, אין דער שנעלער איבערראַשונג, פאַרגעסען אָפּצומעקען בשעת'ן פאַרמאַכען, וואָס האָט אַרויסגערופען אַזאַ צאָרן. איך האָב געזעהן, אַז מען מוז האַנדלען שנעל. איך האָב אַ געשריי געטאָן: „חברים, וואָס ווילט איהר"? „עפענען תיכף די טיר. ביי אייך זיינען באַהאַלטען פעטלוראָווצעס". „הערט זיך איין, חברים (טאָוואַרישטשי), צווישען אייערע געפינען זיך אויך רויבער און אַמאָל זיינען עס פאַרשטעלטע באַנדעס, דערפאַר האָב איך מורא צו עפענען. שיקט צו אַן אָפיציר צום זייטיגען פענסטער אין דער אוליצע, וועל איך איהם אָנקוקען, וועל איך וויסען, צו איך מעג עפענען. אַ רייטער האָט זיך געגעבען אַ לאָז צום זייטיגען פענסטער, איך האָב אָפּגעדעקט אַביסעל דאָס פאָרהאַנגעל און ער האָט צו מיר, גזלניש, אַריינגעשריען: „ביי אונז איז ניטאָ קיין אָפיצירען, מיר זיינע אַלע אָפיצירען. עפען תיכף"! „גוט, זאָג איך איהם, פאָהר צוריק צו דער פראָנט טיר און איך וועל דיך אַריינלאָזען"

איך האָב געעפענט די טיר און איהם ערקלעהרט, אַז אָפּטמאָל פאַרשטעלען זיך די פעטליוראָווצעס פאַר באָלשעוויקעס און, אַז מ'באַגעגענט זיי פריינדליך, זיינען זיי זיך נוקם, דעריבער מוזען מיר זיין פאָרזיכטיג און דערפאַר האָב איך מורא געהאַט צו עפענען ביז איך האָב איהם ניט געזעהן. „ווער איז ביי אייך איינגעשטאַנען און וואו איז ער?" האָט ער בייז אַ פרעג געטאָן.

„דער גענעראַל פון דער דיוויזיע האָט רעקוויזירט אונזער זאַל, דענקסטו, אַז איך האָב געקענט איהם דאָס פאַרווערען צו טאָן? אָבער ער איז ניטאָ, ער איז עטליכע מינוט בלויז פאַר אייער אַריינקומען אַנטלאָפען". דערווייל האָב איך געזעהן ווי

קעגענאיבער שטעהען סאָלדאַטען מיט ביקסען און שיסען אין יענער ריכטונג און די יתומה מיט די פלאַם־פייערדיגע באַקען שטעהט מיט אַן עמער וואַסער, גיסט וואַסער אויף זייערע ביקסען, וואָס זיינען אָנגעגליט פונ׳ם צופיל שיסעריי.

זאָג איך איהם: „זעהסט, אַט העלפט מיין חבר׳טע דאָרט אַנטקעגען אייערע סאָלדאַטען, וועלכע שיסען אין דער ריכטונג, דאָס איז אַ באַוויז, אַז זיי זעהען נאָך די פעטליוראָווצעס אַנט־לויפען, ווייל זיי זיינען טאַקע ערשט אַרויס פון שטאָדט״. „איך וועל אַריינשיקען אַ פאָר סאָלדאַטען זוכען צי איז ניט אימיצער פאַרבליבען אין הויז״, זאָגט ער.

„מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען״, זאָג איך, „אָבער זאָג די סאָלדאַטען, זיי זאָלען ניט זוכען קיין פעטליוראָווצעס אין די שופ־לאָדען״. ער איז געבליבען אויפ׳ן פערד לעבען דער טיר און צוויי סאָלדאַטען זיינען געגאַנגען מיט מיר זוכען פעטליוראָווצעס. אַריינקומענדיג צו מיר אין צימער, האָבען זיי אַן עפען געטאָן דאָס שופלאָדעל פון מיין נאַכט שאַפקעלע און אַרויסגענומען מיין ברודער׳ס, שמואל דוד׳ס, אַ ראַזיר־מאַשינדעל. ער האָט איהם גלייך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט: „דאָס איז ניט קיין פעטליוראָ־וועץ, און דו ועסט עס ניט צונעהמען ביי מיר״, און איך בין אַרויסגעגאַנגען זאָגען דער רייטער וועגען דעם. ער איז באַלד געגאַנגען מיט מיר אין צימער און מיין ברודער האָט זיך נאָך געהאַלטען אין רייסען מיט׳ן סאָלדאַט איבער׳ן ראַזיר־מאַשינ־דעל. (ווייל, ווען ער נעמט עס צו, האָט ער קיין אַנדערס ניט געקענט קריגען). „זעהסט, אַט דעם פעטלוראָווועץ האָט ער געפונען״. ער האָט זיך צולאַכט, געהייסען עס אָפּגעבען און זיי זיינען אַוועק.

צו דעם פאַרדרוס און וועהטאָג בנוגע דעם כלל איז ביי מיר דערצו נאָך געוועזן אַ פאַרדרוס און אַ וועהטאָג אַ פערזענ־ליכער. מיין ברודער, שמואל דוד, איז געקומען פון לאָנדאָן, אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט, צו געניסען פון דעם רעוואָלוציאָנערען גן־עדן. קומענדיג קיין מאָסקווע האָט ער גלייך פאַרזוכט דעם אמת׳ן טעם פון דער רעוואָלוציע: מ׳האָט געוואָלט צוראַבעווען ביי איהם אַלעס וואָס ער האָט געבראַכט. בלויז אַ דאַנק זיין

פריינדשאַפט מיט טשיטשערינען, דעם אויסלאַנדס־מיניסטער, מיט וועמען ער האָט באַלאַנגט צו איין קרייזעל אין לאָנדאָן, איז איהם געלונגען אָפּצוראַטעווען זיינע זאַכען, וועלכע זיינען געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס „פריי״. קומענדיג קיין קיעוו האָט מען ביי איהם געוואָלט צונעהמען דעם פידעל, ווייל דער שטעמפּעל „פריי״ איז געווען בלויז אויף זיין טראַנק און קאַרזינקע. ער האָט גע־טענה'ט, אַז די מוזיק־בויגענס וואָס אין דער קאַרזינקע, זיינען דאָך אַ באַווייז, אַז דער פידעל איז אויך פריי. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפען. ערשט ווען ער האָט אַ סטראַשע געטאָן צו טעלעגראַפירען צו טשיטשערינען, האָט מען איהם דורכגעלאָזט.

מיין ברודער האָט גלייך איינגעזעהען, אַז ער האָט זיך באַנאַרישט מיט זיין לויפען צו אַזאַ „פרייהייט״, אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלען.

.39

# אַ אידישער קרבן ביי די באָלשעוויקעס, אַ צוויי־טען ראַטעווע איך

מיר זיינען שוין געווען אַזוי מיד פון די אַלע מאָל אריין און אַרויס פון די אַרמייען מיט די שרעקונגען פאַר פּאָגראָמען, אַז מיר וואָלטען שוין געווען צופרידען, ווען די באָלשעוויקעס בלייבען שוין שטעהן לחלוטין, כאָטש מיר האָבען געוואוסט, אַז באַלד נעהמען זיי זיך אויספלינדערען דאָס האָב און גוטס פון די איינוואוינער. אָבער אפילו אַזאַ, מ'שטיינס געזאָגט, פאַר־געניגען איז אונז אויך פאַרשטערט געוואָרען דורכ'ן צווייטען קרבן, וואָס אונזער שטאָדט האָט געגעבען. אויב יענער קרבן פון די פּעטליוראָווצעס איז געווען שוין אַן אַלטער מאַן, איז דער קרבן, פון די באָלשעוויקעס, געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, איינער פון די זיידענע שטאָדט יונגעלייט, איצי־מאיר בלאַנק, אַ זוהן פון משה בלאַנק, דער פאַרזיצער פון אונזער קאָמיטעט צו העלפען די אַנטרונענע, אַ איד אַ למדן און ירא־שמים, וועלכער איז געווען פאַררעכענט פאַר'ן קלוגסטען פרומען אידען אין שטאָדט. אַ

באָלשעוויסטישער סאָלדאַט האָט געכאַפּט ביידע, דעם פאָטער מיט'ן זוהן, אין הרב משה'לע קלויז, וואָס איז געשטאַנען קעגנ־איבער זייער הויז, און געפאָדערט געלט. האָט דער פאָטער גע־זאָגט, אַז ביי זיך האָט ער ניט קיין געלט, ער זאָל איהם לאָזען אַהיים, וועט ער ברייגנען. ער איז אַהיים געגאַנגען און ניט צוריקגעקומען, צי איבער'ן שיסעריי, צי פאַר מורא. דער סאָלדאַט האָט זיך אָנגעהויבען טשעפּען צום זוהן, זאָגט ער איהם, מסתמא איז דער פאָטער פאַר שרעק געבליבען ליגען אין הויז, ווייל ער איז אַ שוואַכער מענש, ער זאָל געהן מיט איהם צו זיי אין הויז, וועט ער איהם געבען דאָס געלט.

ווען ער איז צוגעקומען צום הויז, האָט ער אויף שנעל אַ פאַרמאַך געטאָן די טירען, אָבער ניט באַוויזען זיי צו פאַרריגלען און דער סאָלדאַט האָט זיך געבראָכען אין דער טיר אַריין, אַזוי אַז ער האָט מיט זיין קערפּער געמוזט צוהאַלטען די טיר. דער סאָלדאַט איז געוואָרען אין כעס, אַריינגעשאָסען אין דער טיר, געטראָפען איהם גלייך אין האַרץ און איהם אויפ'ן אָרט דער־הרג'עט.

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שוידערליכען איינדרוק אין שטאָדט. ס'איז אויסגעקומען, אַז ניט נאָר האָבען מיר פאַר־לוירען אַין קאָפּ, נאָר ווי מיר האָבען אַלע פאַרלוירען די קעפּ: אויב ביי די באָלשעוויקעס, קען אויך אַזוינס פּאַסירען, וואָס זשע איז שוין דער חילוק פון זיי ביז די פּעטליוראָווצעס?

דערווייל קומט מען און מ'קלאַפּט אָן ביי אונז אין הויז און מ'פאַלט אַריין מיט אַ געוויין, איך זאָל געהן ראַטעווען הערש הארבאטע, וועמען די טאַראַשטשאַנצעס האָבען געכאַפּט און האַלטען איהם, ער זאָל געהן מיט זיי ווייזען דעם וועג אין אַ דאָרף אַריין (קיין קרעניטשאַן). דאָס געוויינליך האָט געמיינט אַ נייער קרבן, ווייל זיי האָבן ניט באַדאַרפט קיין וועג־ווייזער. איך בין אַוועק צום קאָמאַנדיר, איהם דערצעהלט די געשיכטע וועגען קרבן און וואָס פאַר אַ פּאַניק און שרעק דאָס האָט אַרויסגערופען און דעריבער איהם געבעטען באַפעהלען אָפּצולאָזען דעם אַלטען אידען, וואָס שטאַרבט ממש אַוועק פון שרעק בלויז, ספּעציעל ווען דער וועג איז אַזאַ, אַז מען דאַרף ניט קיין וועג־ווייזער, ווייל מיט

פאַרמאַכטע אויגען קען מען אויך אַהין טרעפען, ווייל עס איז קיין אַנדער וועג ניטאָ און ווי נאָר מען פאָהרט אַרויס פון שטאָדט אַריבער דער בריק און מ'פאַרנעהמט זיך לינקס, מוז מען שוין קומען גלייך אין דעם דאָרף אַריין. דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילען אָפלאָזען דעם אידען און מיר האָבען פרייער אָפגעאָטעמט, ווען מיר האָבען געזעהן די אַרמיי אָפפאָהרען. כאָטש אין שטאָדט אין נאָך געבליבען אַ זכר, ווייל די פראָנט־סאָלדאָטען זיינען אַלע מאָל ערגער און ווילדער געווען, סיי ביי די באָלשעוויקעס, סיי ביי די פעטליוראָווצעס, ווי די פונ'ם הינטערגרונט.

אויפ'ן צווייטען טאָג, האָבען זיך די באָלשעוויקעס גענומען צו זייער אָפענער מלאכה: פלינדערען. איך קום אַרויס גאַנץ פריה און זעה, ווי ס'שטעהען עפעס עטליכע אידען און גויים לעבען מיין פאָטער'ס פריינד, פרץ אַהרן מיכעל'ס (שלאפמאן). איך געה צו, זעה איך, ווי אַ קליין סאָלדאַטיקעל, אַהן אַ ביקס אפילו, טראָגט קעסטלאך טשוועקעס פון דעם פרץ'ס געוועלב און ער שטעהט מיט פאַרלעגטע הענט און קוקט, קאַלטבלוטיג און גלייכגילטיג, צו, ווי דאָס סאָלדאַטיקעל צוראַבירט זיין אייזען־געוועלב. צום פאַרדרוס, האָב איך זיך אָבער דאָ גאָר דערלעבט אַ שטיקעל נקמה אין מיין טאַטענ'ס פריינט. ער איז אַ איד אַ ריז און ווען ער טהוט אַ בלאָז אויף דעם סאָלדאַטיקעל, פאַרפליהט ער קיין מאָסקווע און דאָ מוז ער נעבאך שטעהן און צוקוקען און שווייגען. ער האָט אָבער תמיד געהעצט מיין פאָטער קעגען מיר. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען אויטאָריטעט. לערנען האָט ער טאַקע געקענט. און אַ שטיקעל בעל חשבון איז ער אויך געווען, פלעגט ער מיך תמיד מוטשען מיט זאַדאַטשעס (פראָבלעמעס) און אַז ער האָט מיך ניט געקענט בייקומען, פלעגט ער ווערען אין כעס אויף מיר, ספעציעל נאָכדעם ווי איך האָב איהם איינמאָל געפּאַקט ביי דער האַנט, ווען ער האָט געוואָלט ווייזען זיין אויטאָריטעט אויך אין געאָגראַפיע און געזאָגט, אַז קרים איז אַ כרך גדול און איך האָב אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער.

ספעציעל בין איך געווען ברוגז, ווען ער האָט געהייסען מיין פאָטער אַכטונג געבען אויף מיר, וואָס אַזאַ בחור'עצעל פון זעכצעהן יאָר זאָל גאָר האָבען די העזה צו געהן רעדען בפני קהל

ועדה (דאָס איז געווען נאָכ'ן קעשענעווער פּאָגראָם, ווען איך האָב געוואָלט אָרגאַניזירען אַ זעלבסט־שוץ) און נאָכהער, אַז כ'בין עלטער געוואָרען, האָט ער געהעצט מיין פּאָטער געגען מיין ציוניסטישער טעטיגקייט, זאָגענדיג געוויינליך, אַז אידען דאַרפען וואַרטען אויפ'ן משיח, ניט זיין קיין ציוניסטען. „נו, ה' . . . פּרץ, האָב איך איהם דאָ געפּאַקט, אידען דאַרפען אַן אייגען לאַנד, צי זיי דאַרפען שטעהן און קוקען, ווי מען צוטראָגט זייער האָרע־וואַניע פון זייער גאַנץ לעבען?"

„יאָ! יאָ! האָט ער געזיפצט. איצט זעה איך, אַז דו ביזט גערעכט געווען, אָבער ס'איז שוין צו שפּעט".

אָט אַזוי האָט מען זיך צוגעוואוינט צו שטעהן און קוקען, ווי די באָלשעוויקעס ראַבירען, פּונקט ווי די פּעטליוראָוצעס, מיט דעם איינציגען אונטערשייד, וואָס ביי זיי איז מען כאָטש גע־שטאַנען און רוהיג צוגעקוקט, ווי זיי ראַבעווען. מען האָט זיך ניט באַדאַרפט באַהאַלטען. איך האָב געוואוסט, אַז על פּי פּראָגראַם טאָרען קיין איינצעלנע באָלשעוויקעס ניט ראַבעווען, ס'דאַרף זיין אַ באַפעהל — דעקרעט און ס'דאַרף טראָגען אַ רעגירונגס כאַ־ראַקטער, אָבער מישען זיך ווען עס האָט געהאַלטען בלויז ביי ראַבירונג אין אַזאַ שעת חירום און שעת סכנה, ווען ס'איז אַ פראַגע פון אַ פּראָנט־פּאָזיציע, האָב איך ניט געוואָלט. חוץ דעם האָב איך טאַקע געוואָלט, אַז אידען זאָלען פאַרזוכען דעם טעם פון באָלשעוויזם און ניט ברענען מיט סימפּאַטיע צו זיי, ווייל דאָס איז געווען אַ סכנה, ווען די פּעטליוראַ'ס קעהרען זיך אום.

אויפ'ן צווייטען טאָג אין דער פריה, קלאַפּט אימיצער ביי אונז אין פראָנט טיר. איך געה צו און עפען די טיר און אַ סאָלדאַט רוקט זיך גלייך אַריין אין צימער און באַפעהלט מיר גלייך, איך זאָל אויסטאָן די הויזען, ווייל ער דאַרף אַ פּאָר הויזען. דאָס האָט מיר שוין פאַרדראָסען. זאָג איך איהם: „מיינע הויזען וועלען ניט טויגען אויף דיר, אָט וועל איך אַריינרופען מיין ברודער וועט ער דיר געבען אַ פּאָר הויזען, וואָס טויגען אויף דיר" און אַ געשריי געטאָן: „קלמן"! מיין ברודער איז באַלד געקומען צולויפען אין פראָנט צימער און איך האָב איהם גע־זאָגט: (אויף רוסיש געוויינליך) „קלמן, טהו אויס דיינע הויזען,

ער וויל אַ פּאָר הויזען", און איהם אַ וואונק געטאָן, ער זאָל זיך לאָזען. ווי נאָר דער סאָלדאַט האָט זיך אָנגעבויגען אַראָפּצוציהען די הויזען ביי איהם, האָב איך איהם אַרומגעכאַפּט און געזאָגט מיין ברודער ער זאָל פלעמען, וויפיל ער קען. מיין ברודער האָט איהם גוט אָנגעפּליאָסקעט די מאָרדע און איך האָב צוגע־פיהרט דעם סאָלדאַט ביז צו דער טיר און איהם אַ שליידער געטאָן, אַז ער האָט שיעור געבראָכען דעם קאָפּ און צוריק פאַר־מאַכט די טיר.

איך האָב שוין אָבער ניט געקענט באַוויזען די חכמה, ווען אַ צווייט מאָל זיינען אַריינגעקומען צוויי מיט ביקסען און גע־פּאַקט מיין פעטער (שלום הויכמאַן) ביי אונז אין זאָל און איהם געהייסען אויסטאָן די שטיוועל, וועלכע ער האָט זיך קוים דער־האָביעט (געקראָגען), ווייל אין יענער צייט איז שווער געווען צו קריגען אַ פּאָר גוטע שטיוועל. מיין פעטער איז געווען אַ סאָלדאַט און ניט געוואָלט געבען די שטיוועל, האָט איין סאָלדאַט אָנגעשטעלט די שפּיז פון ביקס אויף זיין האַרץ און אַ געשריי געטאָן „דאַיאָש"!?, האָט מיין פעטער אָנגעכאַפּט די ביקס און זיך אָנגעהויבען צו רייסען מיט איהם ביז ער האָט נאָכאַמאָל שוין צוגערוקט די ביקס ביז צום האַרץ. „דאַיו, דאַיו!" (איך גיב, איך גיב), האָט שוין דער פעטער אויסגעשריען. דער סאָלדאַט האָט די שטיוועל ניט געקענט אַרויפציהען אויף זיך. האָט ער געמאַכט עטליכע מי־שברך'ס און אַרויס אויף די כאַליעוועס, ווי אויף שטאָלצען.

40.

## די פעטליוראָווצעס קעהרען זיך אום מיט טענות, אַז מען האָט געשאָסען אויף זיי

אַזוי ווי אַלעמאָל האָט אויך דאָס מאָל נאָך ניט גענומען קיין עק צו דער קאַץ־און־מויז שפּיל מלחמה פון אַריין און אַרויס. באַלד זיינען אָנגעקומען צו פעטליורא'ן פאַרשטאַרקונגען און זיי האָבען נאָכאַמאָל צוריקגעטריבען די טאַראַשטשאַנצעס און צוריקגעקומען

צו אונז אין שטאָדט אַריין מיט טענות צו מיר, אַז אידען האָבען זיי נאָכגעשאָסען פון דער שטאָדט בשעת זייער אַנטלויפען, ווייל זיי האָבען אַליין געזעהן דורך פעלד גלעזער, אַפילו אידישע פרויען צווישען די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיי נאָכגעשאָסען פון קעגנ־איבער אונזער הויז און מיר אַנגעוויזען אויף אלי מאיר דוד'ס הויז. אמת, זאָג איך דעם גענעראַל, מען האָט אייך טאַקע נאָכגעשאָסען און איך האָב עס אַליין געזעהן, אָבער זיי האָבן ניט געשאָסען, זיי האָבען בלויז געגאָסען וואַסער אויף זייערע צוגליהטע ביקסען, ווייל זיי האָבען זיי געצוואונגען אַזוי צו טאָן. איך האָב איהם אָנגעוויזען אַ פאַקט, אַז ווען ניט מיין פריינט (קראַטשעק), וואָס האָט שוין געזעהן די באָלשעוויקעס אָנקומען פונם שלאַכט־הויז־וועג און דערזעהן, ווי אַ פעטליוראָוועץ לויפט נאָך אין שטאָדט, זאָל ניט געווען אָנוויזען דעם אָפיצער, ווי אַזוי צו אַנטלויפען מיט זייטיגע גאַסען (אוליצעס), וואָלט ער געווען אַריינגעפאַלען צו די באָלשעוויקעס אין די הענט, ווייל זיי זיינען שוין געווען אין שטאָדט. דאָס איז געווען דער אָפיצער, וואָס איך האָב געזעהן דעם לעצטען אַנטלויפען פון שטאָדט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. ער האָט זיך געמוזט אומקעהרען, ווייל זיי האָבען ביים גלח פאַרגעסען, פון גרויס איילעניש, וויכטיגע דאָקומענטען, וואָס מען האָט געמוזט ראַטעווען און ער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, און ווען ניט מיין פריינט, כאַפּען אים די באָלשעוויקעס מיט די דאָקומענטען. דער גענעראַל האָט זיך צולאַכט. ער ווייסט, אַז אידען וואָלטען זיי ניט נאָכגעשאָסען און דער אָפיצער האָט איהם דערצעהלט, ווי אַזוי אַ איד האָט איהם געראַטעוועט — אָנווייזענדיג ווי אַזוי צו אַנטלויפען, ווייל די באָלשעוויסטישע רייטערס לויפען שוין אין שטאָדט אַריין. ער האָט בלויז געשפּאַסט, געוואָלט זעהן, וואָס איך האָב צו זאָגען וועגען דעם.

די דאָזיגע אַרמיי האָט נאָכגעיאָגט די באָלשעוויקעס און צו אונז זיינען אָנגעקומען די פּראָלאָווצעס. דאָס איז געווען אַ באַוואוסטע פעטליוראָווסקע כוליגאַנסקע בריגאַנדע, וואָס האָט אין אַ סך אַנדערע געגענדען געמאַכט פּאָגראָמען. מיר האָבען שוין געוואוסט פון עטליכע אַזוינע באַנדעס, ווי טיוטיונאָווצעס, טשאָרנאָ־

שליטשניקי, שווארצע באַשליקעס, די סילעציס, אַ באַנדע וואָס האָט געטראָגן אַ לאַנגען, שמאָלען פּאַס האָר, ספּעציעל צוגע־שניטען, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי איין עק פון אַ הערינג (סילעצי אויף אוקראַאיניש).

איצט האָב איך פאַרשטאַנען וועלען מיר זיך ניט אַרויס־דרעהען אָהן צרות. אַזוי ווי מיין קאָזין האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל, האָבען מיר געעפּענט ביי איהם אין הויז, דאָס דריטע פון אונזער, און ערשטע פונ׳ם וואָלאָסט אַרויספאָהר אין שטאָדט אַריין, דורך וועלכען די פּראָלאָוצעס זיינען אָנגעקומען, אַ פּע־רעוויאַזאָטשנע פּונקט, ד. ה. אַ פּלאַץ איבערצובינדען פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען, אַרויסגעשטעלט אַ רויטען קרייץ און צו דערצו נאָך געבעטען דעם אַטאַמאַן פּראָלאָוו — אַליין זיך איינצוקוואַרטירען דאָרט אין הויז.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און איך האָב שוין דערהערט געוואָלדען פון פאַרשידענע עקען פון די זייטיגע גאַסען. דאָס האָבען די פּראָלאָוצעס אָנגעהויבען צו כאַפּען פרויען אין גאַס, כאָטש עס איז געווען אין מיטען אַ שעהנעם העלען זונען טאָג, האָבען זיי זיך גאָר ניט געשעהמט און געטאָן זייער חיה׳שע פאַר־גוואַלדיגונגס־אַרבעט אין מיטען גאַס. איך בין צוגעלאָפען צום אַטאַמאַן, פּראָלאָוו, וועלכער איז געזעסען אין פראָנט פון הויז גאַנץ רוהיג און אים געהייסען עפּעס טאָן. דערווייל האָט אַקעגנ־איבער אונז אַ רייטענדער קאזאַק געשלעפּט פאַר די האָר אַ מיידעל (רייזעל שלמה לייזערס, וויסבערג). איך האָב איהם אָנגעוויזען דערויף און ער האָט מיר געענטפערט: „ניכאי מאָאי קאָזאַקי וועסעליאַטסיאַ טראָשקי, (זאָלען זיך מיינע קאָזאַקען אַ ביסעל משמח זיין). אָבער אין דעם מאָמענט איז אָנגעלאָפען טאַקע פון יענעם פּלאַץ, וואָס דער קאָזאַק האָט געשלעפּט דאָס מיידעל, אַן אַנדער מיידעל, (אהרן יהושיע העטיע׳ס אַ מיידעל), געלאָפען פון דאָרט גלייך צו אונז מיט אַ געוואַלד, און ווען זי איז צוגעקומען נאָענט פון אונז, האָבען מיר געזעהן ווי אַ שטראָם (אַ פאָנטאַן) בלוט שיסט אַרויס פון איר שטערן. דאָס האָט איר אַ קאָזאַק דערלאַנגט אַ שטאָך מיט אַ שפּיז אין שטערן אַריין. „אָט דאָס הייסט ביי דיר זיך משמח זיין?״ — האָב

איך שוין מיט גאָל איהם אַ פרעג געטאָן. ער האָט זיך עפּעס דערפיהלט ניט באַקוועם און אַ פייף געטאָן און אַלעס האָט זיך אָפּגעשטעלט.

בלויז איינציגע פרויען און מיידלעך, וועלכע האָבען זיך צופעלעיג געפונען אין גאַס, צי לעבען זייערע הייזער אין דעם קורצען מאָמענט, זיינען געכאַפּט און פאַרגוואַלטיגט געוואָרען, טאַקע אויפ'ן אָרט אין מיטען גאַס און דערמיט האָט זיך גע־ענדיגט די פּראָלאָווטשינע עקזיסטענץ ביי אונז אין שטאָדט. אָט די באַנדע, וואָס איז געווען די שרעק פון פיעלע שטעדט אין אַנדערע, וויט פון אונז, געגענדען. איך האָב שוין מיט דעם אַטאַמאַן אַביסעל צוגעקנעלט, איהם אַנגעוויזען אויף זיין פאַלש אינפאָרמירטקייט, באַוויזען אים מיט פאַקטען, ווי אַזוי מיר העלפען די גאַנצע צייט דער אוקראַאינישער רעפּובליק און ווי דוקא די באָלשעוויקעס האָבען דערהרגעט ביי אונז אַ יונגען מענשען, אַ באַוויז, אַז מיר האַלטען ניט מיט זיי, און איך האָב איהם, מיר דאַכט, אַביסעל אַריבערגעוואונען אויף אונזער צד און איך בין מעהר ווי זיכער, אַז אויב אַפילו ער האָט נאָך געלאָזט ערגעץ־וואו זיינע קאָזאַקען זיך משמח זיין, איז דאָס שוין געווען אויף אַ פיעל מילדערען אופן. איך האָב נאָכהער מער ניט געהערט פון שוידערליכע פּאָגראָמען פון די פּראָלאָווצעס.

עס איז מעגליך, אַז זיי האָבען זיך נאָכהער געביטען דעם נאָמען און געאַרבעט אונטער אַן אַנדערער באַנדיטישער פירמע. לויט די גרוסען, וואָס איך האָב אָפּגענומען נאָכהער, זייענדיג שוין אין גאַליציע (צי אפשר שוין אין קאַנאַדע?), איז דער אַטאַמאַן פּראָלאָוו אַריבער צו די באָלשעוויקעס און געשפּילט ביי זיי אַ ראָלע. איך קאָוויר ניט פאַר דער זיכערקייט דערפון, ווייל איך געדענק אַפילו ניט ווער עס האָט מיר דאָס דערציילט און צי עס איז אַ פערזאָן, וואָס מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזען, אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך מיר דערמאָנט דער פאַקט בשעת דעם שרייבען איצט, האָב איך אים פאַרצייכענט. זאָלען די, וואָס וועלען האָבען בעסערע מעגליכקייטען, און מעהר אינטערעס אין דעם, דאָס זוכען צו באַשטעטיגען, אָדער עס אָפּלייקענען.

מיר פאַרנאַכלעסיגען בכלל וויכטיגע אַרבייטען, וואָס וואָלטען

באַדאַרפט געטאָן ווערען אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. עס וואָלט באַדאַרפט באַשטימט ווערען אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיך באַשעפטיגען מיט צוזאַמענשטעלען רשימות פון די אומגעקומענע אין אַלע שטעדט, כל זמן עס לעבען נאָך מענשען, וועלכע געדענקען עס. אַ זאַך וואָס מען וועט שפּעטער זיכער ניט קענען אויספירען, ווייל קיינער האָט דאַמאָלסט אַזעלכעס ניט איינזינען געהאַט צו פאַרצייכענען און אויב אַזוינס איז טיילווייז געטאָן געוואָרען, איז עס מסתמא פאַרניכטעט געוואָרען.

מען וואָלט אויך באַדאַרפט זאַמלען אין אַלע לענדער, וואו אידען פון רוסלאַנד און אוקראַינע געפינען זיך, פאַקטען פון אויגען עדות וועגען די באַנדעס א. ד. גל. וואָס ס'איז פון זיי געוואָרען, וואָס פאַר אַ ראָלען זיי האָבען נאָכהער געשפּילט ביי די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבען זיך באַנוצט מיט אַ סך פון די באַנדעס, ווען זיי האָבען זיך געניטיגט, ווי למשל מיט אַזאַ באַנדע, ווי מאַכנאָ'ס א. ד. גל.

איך האָב למשל געטראָפען אין קעמדען, ניו דזשוירזי אַ יונגענמאַן, ראָטענבערג, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס זעצער, ביי פּעטליוראַ'ן אויף אַ באַוועגליכער, פון שטאַב, באַן. און ער האָט מיט זיינע הענט געדרוקט פאַגראָם פּראָקלאַמאַציעס. אַזוינע פאַקטען און מאַטעריאַלען זיינען זעהר וויכטיג, ניט נאָר היסטאָריש, נאָר אויך פּראַקטיש, ווי למשל ביי שוואַרצבאַרדס פּראָצעס, און דערפאַר האָב איך אגב אורחא דאָס דאָ אָנגעמערקט.

דער אידישער קאָנגרעס וואָלט זיך באַדאַרפט נעמען דערצו.

.41

## דריי גבאים קומען מיך שעלטען און בענטשען מיך גאָר

ווען דער מלחמה־פראָנט האָט זיך דערווייטערט פון אונז, האָט זיך באַלד איינגעשטעלט אָרדנונג און מיר האָבען זיך דער־פיהלט פריי, ווי אין אַן אמת'ער פריייער רעפּובליק. דורכצו־פיהרען אסיפות, צי טעאַטער־פאַרשטעלונגען, האָבען מיר בלויז

באַדאַרפט לאָזען וויסען דער צענטראַלער פּאָליציי־סטאַנציע אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק וועגען דעם, ד. ה. רעגיסטרירען בלויז דעם פאַקט, און טאָן וואָס מיר ווילען, אָהן צו וואַרטען אויף ערלויבעניש. אויך אין פראַגען פון מסחר א. ד. ג., איז געווען אַלעס אין אָרדנונג. אידען האָבען געהאַנדעלט און געוואַנדעלט און פאַרדינט שעהן געלט. דאָס אַלעס איז פאַרגעקומען געוועהנליך, אויב צווישען דער אָפענסיווע און צוריקטריט, האָט געדויערט אַ היפּש שטיקעל צייט, ס'זאָל זיין בכדי שיעשו. אין אַזאַ צווישענצייט פלעגען אָבער אַרומפאָהרען פעטליוראָווסקע שטראָף־בריגאַדעס (קאַראַ־טעלניע אָטראַדי), וועלכע האָבען געהאַט אַלס זייער אויפגאַבע צו כאַפּען די שקצים פון די דערפער, וועלכע האָבען זיך אויסבאַ־האַלטען און ניט געוואָלט געהן אין פּעטליוראַ'ס אַרמיי. (ווייל רוסיפיצירט פאַר אַזאַ לאַנגער צייט דורכ'ן צאַר און זיינע גלחים און ניט פאַרמאָגענדיג קיין פּאַטריאָטיש נאַציאָנאַל־אוקראַאיניש געפיהל), אָדער צו באַשטראָפען די עלטערען, וועלכע האָבען זיי אויסבאַהאַלטען. קיינע נגישות און קיינע שמייסעכצער האָבען ניט געהאָלפען און די גויים האָבען ניט געוואָלט אויסזאָגען די באַ־העלטעניש פון זייערע שקצים, אָבער ווי נאָר די בריגאַדעס האָבען אָנגעהויבען אָוועקצופיהרען די בהמות, זיינען די גויים זיי נאָכגעלאָפען, צוגעזאָגט, זיי אַרויסצוגעבען די כלאָפּציעס, (שקצים), אַבי מ'זאָל זיי אומקעהרען די בהמות. אָט אַזוינע ברי־גאַדעס, ווי געזאָגט, האָבען צו קיין אידען ניט געהאַט קיין שייכות, אָבער זיי האָבען זיך געקענט טשעפּען, אויב זיי האָבען געוואָלט, אויך צו אידען, פאַר וואָס זיי געהען ניט אין דער אַרמיי פאַרטיידיגען די אוקראַאינישע רעפּובליק און דאָס וואָלט געווען אַ זעהר גערעכטע טענה. נו, מיט אַזוינע אַטאַמאַנדלאַך זיינען מיר שוין ווי עס איז דורכגעקומען מיט כאַבאַר א. ד. גל., אַ פּאָר פאַלען זיינען טאַקע געווען, ווען צוויי אידען זיינען גע־שמיסען געוואָרען, איינער אַן עלטערער מענש, מאיר־הערש פון קריניטשאָן (לעוויטעס), מסתמא פאַר אויסבאַהאַלטען זיינע שעהנע מיידלאַך פון אַטאַמאַן. מ'האָט איהם אַזוי געשמיסען, אַז ער איז שוין פאַרבליבען אַ פאַרגעלבטער אויפ'ן פנים דאָס גאַנצע לעבען, כאָטש ער איז תיכף אַנטלאָפען פון דאָרף און זיך אַריינגעצויגען

צו אונז אין שטאָדט אַריין. דער צווייטער געשמיסענער איז געווען אַ אינגער בחור, חיים־בער אַלטער סטאָליערס, וועמען די קאַזאַקען פון אַזאַ בריגאַדע האָבן געכאַפּט אין מיטען גאַס, איהם אַראָפּגעצויגען די תחתונים און געשמיסען, אַז זיינע קולות זיינען געגאַנגען עד לב השמים.

אין אַ שעהנעם פרייטאָג־צו־נאַכט, שוין אַרום עלף אַ זייגער, קומט צולויפען צו מיר בעני דינציג און דערצעהלט מיט שרעק, אַז אַ שטראָף־בריגאַדע איז נאָר וואָס אַנגעקומען אין שטאָדט און דער אַטאַמאַן האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי מאמצי ליפא מאיר׳ס, וויינשטיין, אַ שכנה פון זיין פעטער, איציק דינצין און געזאָגט דער מאַמצי׳ן, (אַ אשה צנועה און אַ צדקת), אַז מען זאָל איהם צו־שטעלען אַ נקבה זונה אויף בייגאַכט, אלא ניט, וועט ער אַרויס־שיקען זיינע קאַזאַקען כאַפּען אַ אידיש מיידעל. ביי דער מאַמצי׳ן אַליין זיינען געווען צוויי מיידלאך און ביים שכן, דינצין, צוויי מיידלאך און ס׳איז געוואָרען אַ פּאַניק. איך האָב געהייסען דעם בעני דינצין אַרויפלויפען צום רימער (דער סטאַראָסטע אין יענער צייט) און איהם הייסען תיכף קומען צו מיר. דער רימער איז געקומען אַ צושראָקענער, פאַרשטאַנען שוין עפּעס אַ צרה. „רעב יואל, זאָג איך צו איהם, ווייסט איהר עפּעס וועגען אַ שעהנער גוי׳קע, מ׳זאָל זי קענען קריגען פאַר׳ן אַטאַמאַן?״ ער האָט זיך אַביסעל פאַרשעמט, אָבער באַלד געקומען צו זיך, אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט:

„יאָ״! — „געהט זשע תיכף ומיד, נעהמט זי און פיהרט זי אַוועק צו מאַמצי ליפא מאיר׳ס, צום אַטאַמאַן. באַצאָהלען וועט ער אַליין. אויב איהר קריגט זי, געהט אַהיים שלאָפען. אויב ניט, קומט צוריק צו מיר און לאָזט מיר וויסען״. איך האָב געוואַרט אַנטקעגען אַ שטונדע צייט. ער איז ניט צוריק געקומען און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרזאָרגט דעם ענין, און בין געגאַנגען רוהיג שלאָפען.

שבת אינדערפריה, איך קום אַהיים פון קלויז און בייס עפּעס צו ביז מיין פאָטער וועט קומען פון קידוש, און ערשט איך זעה: דריי גבאים געהען זיך אַזוי לאַנגזאַם פון דער שוהל־גאַס, וואו די איבעריגע בתי־מדרשים זיינען געווען, אין דער ריכטונג

גלייך צו אונזער הויז. זוסיא פרעהליך, דער שטאָט־גביר, פּאַ־סעסאָר, אַ למדן, אַ ירא שמים, אַ מוהל לשם מצוה און שטאָדט בעל־הלואה, גבאי פון זיניקאָווער קלויז, ישראל איטעס (הובער־מאַן), בעל טאַקסע, גבאי פון בית מדרש און משה שליאָמעס, (גבאי פון גרויסער שוהל און גבאי פון דער חברה נושאים). „אַ גוט שבת״! — „גוט שבת, גוט יאָהר! זיצט אידען, וואָס עפּעס פאַר אַ נייעס האָט איך עפּעס געבראַכט צו מיר?״ — ״משה, האָט זיך אָנגערופען זוסיא פרעהליך, (מיין פאָטער׳ס חבר, נאָכהער מחותן און מיין חבר׳ס פאָטער, צו וועמען איך פלעג יעדען טאָג אַריינקומען אין הויז, שפּילען שאַכמאַט מיט איהם) איז יואל רימער געווען נעכטען אָוועגט ביי דיר״? איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז מ׳איז מסתמא געוואָהר געוואָרען, אָבער ניט געוואָלט מאַכען דעם רימער אַ מיאוס פנים און ניט געוואָלט זיי זאָלען אויסנאַרען ביי מיר דעם יאָ מיט דעם ניין. ענטפער איך כאורת גוברין יהודאין, מיט אַ צוריק־פראַגע: „וואָס איז דען וויכטיג״? „האָ! עס איז שוין גאָר וויכטיג״, ענטפערען זיי שוין אַלע דריי מיטאַמאָל. „אַלע בתי מדרשים קאָכען זיך דאָרט און מען האָט אונז געשיקט צו דיר געוואָהר ווערען דעם אמת״. „וואָסער אמת? וואָס ווילט איהר וויסען?״ „מיין זוהן, רופט זיך אָן זוסיא פרעהליך, האָט געהערט נעכטען ביינאַכט ווי דער רימער האָט אַרויסגערופען די אוליאַניכע און ערגעץ אַוועק מיט איהר. מיר אַלע דריי האָבען זיך גענומען צו איהם, האָט ער צוערשט געלייקענט, אָבער, אַז איך האָב איהם איבערגעגעבען אַלע סימנים פון מיין דוד׳ן, האָט ער שוין מודה געווען, אַז ער האָט עס געטאָן, אָבער, האָט ער געזאָגט, אַז ס׳ניט זיין שולד, אַז דו האָסט איהם געשיקט, איז ער געגאַנגען. איז דאָס אמת, האָסטו איהם געשיקט?״ „יאָ! ס׳איז אמת ויציב״! „סטייטש, (האָט ער אַזש אָנגעהויבען צו ציטערען פון אויפרעגונג איבער אַזאַ עבירה, וואָס איך בין באַגאַנגען, און מורא פאַר מיר מיך צו שטעלען אין אַזאַ פאַרלעגענהייט, געכאַפּט מיט אַזאַ מעשה נורא), דו זאָלסט טאָן אַזאַ זאַך?״ „ער האָט דאָך געסטראַשעט צו כאַפּען אַ אידיש מיידעל, אויב מ׳וועט איהם ניט צושטעלען קיין

גוי'אישע". „נו, רופט ער זיך אָן, כאַפּען, זאָל ער כאַפּען! אָבער דו האָסט ניט געטאָרט טאָן אַזאַ זאַך".

„נו, זאָג איך צו איהם, און ווי איז דער דין, אַז ער וועט כאַפּען אייער חוה'ן?" (מיין איצטיגע שוועגערין) — „פאַרוואָס עפּעס מיין חוה'ן"? — טהוט ער אַ ווייז מיט דער האַנט צו זיך אויפ'ן האַרצען. „פאַרוואָס עפּעס אַן אַנדער מיידעל? — פרעג איך איהם שוין צוריק סאַרקאַסטיש מיט דעם זעלבען טאָן, ווי ער האָט מיך געפרעגט. איהר מאַכט זיך נאַריש, האָב איך שוין אָנגעהויבען ערנסט. ווען ער פאָדערט פון מיר אַ אידיש מיידעל, טאָר איך זיך נישט מישען און מוז איהם לאָזען כאַפּען, ווענען ס'וועט איהם קומען צו דער האַנט. אָבער אַז ער האָט געוואָלט אַ זונה, האָב איך געהייסען דעם רימער זי צושטעלען. ער האָט אַליין באַצאָהלט דער זונה. אָבער ווען איך דאַרף אַפילו באַצאָהלען טויזענט רובעל פאַר אַזאַ זונה, טהו איך עס אויך".

איך האָב געזעהן, אַז דאָס איז נאָך אַלץ ניט גענוג אַרגומענט פאַר זיי. טהו איך זיך אַ ווענד צו זוסיא פרעהליך: „נו, און ווי וואָלט געווען ווען דער אַטאַמאַן ווערט אין כעס אויף דער שטאָדט און כאַפּט אייך און ציהט פון אייך אַראָפּ די תחתונים אין מיטען מאַרק, ווי חיים־בער אַלטער סטאָליער'ס, און שמייסט בפולסין דנורא, אַז איהר זאָלט איהם געבען אייערע פינף בנים פאַר סאָלדאַטען אין דער פעטליורישער אַרמיי? לוינט זיך אונז איבער אַ גוי'אישער זונה צו מאַכען איהם בייז געגען דער שטאָדט"? דער אַרגומענט פון שמייסען האָט שוין געווירקט בעסער ווי דער פון לאָגיק, און די דריי גבאים האָבען זיך דורכגעקוקט און איינגעזעהן, אַז זיי האָבען זיך נאַריש געמאַכט און פאַרשפּילט מיט זייער פרומקייט. זיי האָבען קאָלעקטיוו שוין געזאָגט: „אַ גוטען שבת, טהו און דער אויבערשטער זאָל דיר העלפען", און אַוועק פאַרשעהמט.

.42

# פּעטליוראַ שטעלט אונז אין אַ ביטערער פאַרלעגענהייט

צי מחמת פּעטלוראַ האָט חרטה געהאַט אויף זיינע פּאָגראָם־מעשים, צי ווייל ער האָט געקראָגען הילף, צי געוואָלט קריגען הילף פון דער אַנטאַנטע און געוואָלט דעריבער זיך אויספּיינען פאַר איר, אָבער ער האָט פלוצים באַשטימט אַ פּאָר מיליאָן רובעל צו העלפען די פּאָגראָם געליטענע מיט'ן באַדינג, אַז ביים אידישען מיניסטעריום זאָל געשאַפען ווערען אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פאַר דעם צוועק, צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע פּאַרטייען מיט די ציוניסטען איינגעשלאָסען. דער הויפּט־באַדינג איז געווען, אַז די ציוניסטען זאָלען אַריינגעהן אין דעם קאָמיטעט.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מיר וואָלטען געווען צופרידען, ווען מ'פאָדערט ניט אונזער אַנטייל, אָבער, אַז מ'האָט אונז אויפגעפאָדערט, האָבען מיר געמוזט דעם פאַרשלאַג באַהאַנדלען אויף אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ, גערופען צוליב דעם צוועק.

כמעט אַלע זיינען געווען געגען אונזער, ציוניסטען, אַנטייל. ווייל ראשית וויל מען ניט פּעטלוראַ'ס בלוטיג געלט, שנית וויל מען ניט פּעטליוראַ זאָל זיך באַנוצען מיט אונזער אַנטייל אַלס באַווייז, אַז ער איז ניט קיין פּאָגראָמשטשיק: מיר זיינען דאָך מהאי טעמא געווען געגען אידישע מיניסטאָרען. ס'איז נאָר געווען אַ פראַגע, טאָמער רופען מיר אַרויס פּעטליוראַ'ס צאָרען מיט אונזער אָפּזאָג און שאַפען אַ פרישע, צי אַ פאַרשטאַרקטע, אַטמאָספערע פאַר נייע פּאָגראָמען.

חוץ דעם אַרגומענט וואָס איז אויך געווען וויכטיג, האָב איך געהאַט נאָך אַנדערע פּראַקטישע אַרגומענטען, יאָ אַנטייל־צונעהמען אין אַזאַ קאָמיטעט:

א) אַ קאָמיטעט איז ניט קיין מינסטאָרען־אַמט.

ב) ס'איז אַ פראַגע פון פּקוח־נפשות צו ראַטעווען סתם קראַנקע פון די פּאָגראָמען און אָנגעשטעקטע פרויען מיט ווענערישע קראַנקהייטען און מיר קענען ניט ערוואַרטען פון ערגעץ קיין הילף.

ג) מיר זיינען אָפּגעריסען פון דער וועלט און קענען במילא ניט שטערען פּעטליוראַ'ן אַרויסצוגעבען אַ סטייטמענט, אַז די ציוניסטען באַטייליגען זיך אין זיין הילפס־קאָמיטעט.

ד) אין פילע שטעדט לעבען מענשען אין די גאַסע קעלערס און אין די וועלדער און וויסען ניט צי די געפאַהר איז אַריבער און די אינסטרוקטאָרען פון דעם קאָמיטעט קענען ברייגגען פיעל הילף און נוצען אין דער הינזיכט.

ה) אין די קליינע שטעדטלעך, וואו עס זיינען ניטאָ קיין טעטיגע עסקנים, ליידען די אידען אַמאָל אומזיסטע צרות, בלויז ווייל עס איז ניטאָ ווער ס'זאָל זאָגען אַ שטאַרק וואָרט און די אינסטרוקטאָרען קענען דאָ פיל העלפען.

ו) מיר זיינען אָפּגעריסען אין שטאָדט פון דער אַנדערער און וויסען ניט, וואָס ס'טהוט זיך. און די ציוניסטישע אַרבייט איז אינגאַנצען אָפּגעשטעלט און אונזערע ציוניסטישע אינסטרוק־טאָרען (איך האָב פאָרגעשלאָגען מיר זאָלען פאָדערען פאַר זיך צוויי דריטעל, אַכט פון צוועלף) וועלען קענען, אגב־אורחא, אַריינ־ברייגגען ציוניסטיש־העברעאישעס לעבען און אויפלעבונג אין זייערע באַזוכטע פונקטען.

שלום אַלטמאַן, דער אוסישקין פון פאָדאָליער גובערניע, האָט איינגעשטימט מיט מיינע אַרגומענטען און דאָס איז געווען גענוג צו ברענגען די קאָנפערענץ צו אַ פּאָזיטיווער שטעלונג.

ערשט איצט האָב איך זיך געפונען אין אַן אומאַנגענעמענער לאַגע איבער צוויי טעמים: ראשית האָט מען פאָרגעשלאָגען, איך זאָל זיין איינער פון די אינסטרוקטאָרען און איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט אַרויסווייזען קיין פּחדנות (ווייל שטאַרק זיכער איז מען ניט געווען אפילו מיט פּעטלוראַ'ס „קמיע") און זיך אָפּזאָגען. שנית, איז געווען אַ פראַגע פון געהאַלט. איך האָב צו פערצעהן־פופצעהן יאָר געלייענט מענדעלעס טאַקסע און די קהל'שע קליאַמקע־פּיאָוקעס האָבען אויף מיר געמאַכט אַזאַ ערשיטערענדיגען איינדרוק, אַז עד היום האָב איך אַן עקעל־געפיהל צו געלט פאַר געזעלשאַפטליכער אַרבייט, כאָטש לאָגיש פאַרשטעה איך, אַז אַזעלכעס איז ערלויבט, געוועהנליך אויב מען קריגט אַ מענשליך־אַנשטענדיגען געהאַלט, ניט מ'באַשטימט זיך

אַליין, צו דורך דער הילף פון גוטע ברידער, מלחכי־פינכאַ־ניקעס און כבוד־זוכער, געשוואָלענע געהאַלטען, ווי עס פיהרט זיך, על פי רוב, אפילו איצט, אין אונזערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. איך האָב ניט געקענט שטעלען אַנדערע קאַלעגען, וועלכע האָבען זיך געגנויטיגט אין דעם, אין אַ פאַרלאַגענהייט, אַפּזאָגענדיג זיך פון געהאַלט, און איך האָב געפונען אַ הכשר: איך וועל אַוועק־געבען דאָס געלט אַ יתומים־גרופּע צווישען די אַנטרינענע, וועגען וועלכער איך וועל שרייבען אַ ספּעציעלען עפּיזאָד.

איך האָב זיך פאַרזאָרגט מיט אַלע נויטיגע פּעטליוראָווסקע פּאַפּירען, זיך צוגענעהט דעם פּעטלוראָווסקי מיניסטעריום־גערב צו מיין סטודענטען־היטעל, אַלס שמירה פאַר מזיקים, אַז ער זאָל ניט קענען פאַרלוירען געהן און זיך אַרויסגעלאָזט צום ערשטען פּונקט פון מיין מאַרשרוט, סאָלאָפּקאָוויץ דורך דונעוויץ, וואו ס'האָט געוואוינט מיין פּאָטער'ס און מיין פריינד, מאָטעל רויזען (רוזן). זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָב ניט געקענט דורכ־פאָהרען דונעוויץ און ניט אָפּשטאָטען אַ וויזיט צו מאָטעל רויזען און בין געוועהנליך אַוועק צו איהם.

אָבער זיין קאַלטע אויפנאַהמע און זיין מאָדנער קוק אויף מיר האָט מיך געמאַכט צו פיהלען ווי אין קוואָס.

איך האָב זיך באַלד געכאַפּט וועגען מיין קין־צייכען, וואָס איך טראָג אויף זיך און פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף איהם.

בשעת פראָסקוראָווער שחיטה האָבען די פּעטליוראָווצעס דער־הרג'עט זיינס אַ מיידעל, פרידה, איינע פון די בנות ציון היקרות, און איך האָב מיר שוין געקענט אויסמאַלען, וואָס דער פּעטלוראָוו־סקע־גערב האָט איהם געקענט דערמאָהנען און וואָס פאַר אַ גע־פיהל דאָס האָט געקענט אַרויסרופען ביי איהם, ניט נאָר צו פּעטליוראַ'ן, נאָר אויך צו מיר.

איך האָב מיט איהם אַרומגערעדט די גאַנצע סיטואַציע און ער האָט איינגעזעהן, אַז די אַרבייט מוז געטאָן ווערען. איך האָב נאָך אפילו דאָ אין ניו יאָרק שוין געהאַט מיט איהם אַזאַ מין „צוזאַמענשטויס", ווען איך האָב איהם פאַרגעשלאָגען צו באַאַרבייטען פאַר'ן „הדואר" די פילע בריף וואָס מיר האָבען פון

סאָוועט־רוסלאַנד. (איך האָב דאַמאָלס ניט געהאַט קיין צייט אַזעלכעס צו טאָן). זיין וואונד פון פּראָסקוראָוו האָט זיך דערוועקט און ער האָט זיך אָנפאַנגס געקווײנקעלט, צי ער זאָל שרייבן געגען די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען געווען די, וועלכע האָבען, סוף־כל־סוף, פאַרניכטעט פעטליוראַ'ן, דעם רוצח פון זיין געליבטער טאָכטער. אָבער מיין אַרגומענט, אַז דער אמת שטעהט העכער פון אַלעס, אַז די מאַסען־רציחות פון דעם קאָמוניסטישען רעזשים געגען אידען וויגען איבער אַפילו פעטליוראַ'ס שחיטות און מיר טאָרען נישט שווייגען וועגען דעם, האָבען ערשט געווירקט אויף איהם און ער האָט באַאַרבייט אַ גאַנצע סעריע בריף, וועלכע וועלען פאַרבלייבען אַלס אַ נייע מגילת־איכה פון דעם נייעם אידישען חורבן אונטער די קאָמוניסטען.

פון דונעוויץ בין איך גלייך אָפּגעפאָהרען קיין סאָלאָפּקאָוויץ, מיין ערשטער פונקט, וועלכער האָט געליטען פון פּאָגראָמען, סיי פון די פעטליוראָווצעס, סיי פון די טאַראַטשאַנצעס, די באַוואוסטע באָלשעוויסטישע פּאָגראָם־דיוויזיע. אָנגעקומען אין שטאָדט, האָב איך גלייך געלאָזט וויסען אַלע פּאַרטייען צו שיקען צו צוויי פאָרשטעהער אין דעם קאָמיטעט, וואָס איך וויל גרינדען און האָב זיך גלייך אָנגעשטויסען אויף פּאַרטיי־ראַסעריי.

ס'אַריינגעקומען צו מיר אַ איד, יעקב־יוסי, און אָנגעהויבען צו שיטען פעך־און־שוועבעל אויף זיין אייגענעם זוהן, אַ פאָרשטעהער פון די פּועלי־ציון אין דעם קאָמיטעט.

„היתכן? ער, אַ שטאָדט בעל־הבית, זאָל ניט זיין אין קאָמיטעט און זיין זוהן, אַ שמאַרקאַטש, אַ בחור'ל, אַ צוציק זאָל יאָ זיין אין קאָמיטעט?" איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז מיר איז ניט נוגע, ווער עס איז אין קאָמיטעט, אַזוי לאַנג, ווי ער איז געשיקט פון אַ פּאַרטיי, איז די פּאַרטיי פאַראַנטוואָרטליך פאַר איהם און מיר איז ניט וויכטיג, צי ער איז יאָ אַ חשוב'ער בעל־הבית, צי ניט, צי איז ער אַ צוציק, צי אַן אַלטער צאַפּ.

הכלל, דער יעקב־יוסי, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען טאַקע אַ שטיקעל שטאָדט־פּוסיפּאַק, האָט זיך אָנגעהויבען מיט מיר צו קריגען. ער וועט עס ניט דערלאָזען, ער וועט קעהרען וועלטען. איז כל זמן ער האָט גערעדט שטיל, האָב איך איהם

געלאָזט זיך אַראָפּרעדען פון האַרץ, ווען ער האָט אָבער אָנגעהויבען צו שרייען, האָב איך זיך אויפגעהויבען און איהם שטרענג באַפוילען צו פאַרלאָזען דאָס צימער, איידער איך מאַך איהם דאָס צו טאָן, און ער איז אַוועק מיט אַ דראָהונג צו מיר.

.43

## איך שרייב אַ פּראָטאָקאָל געגען נאַטשאַלניק מיליציע אין זיין אייגענער קאַנצעלאַריע

אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט די צוגרייטונגען צו דער אָרגאַניזירונג פון קאָמיטעט און אויסאַרבייטענדיג אַ פּלאַן פון אַרבעט, וואָס צו טהאָן מיט די הונדערט טויזענט רובעל, וואָס איך האָב געבראַכט פאַר דעם קאָמיטעט, בין איך אַרויס אין גאַס זיך דורכשפּאַצירען איבער דער שטאָדט און זי באַטראַכטען. אַראָפּקומענדיג ערגעץ אין אַ גאַס נאָכ'ן מאַרק, דערזעה איך ווי צוויי מיליציאָנערען שלאָגען מיט נאַהאַיקעס אַ אידען, וואָס שטעהט לעבען אַ פוהר. איך בין שנעל צוגעלאָפען, אַ פרעג געטאָן די מיליצאָנערען פאַר וואָס זיי שלאָגען דעם אידען. דערזעהן אַ מיניסטערסקע קנעפּעל (גערב) אויף מיר, האָבען זיי זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען צו פאַרענטפערען זיך, אַז זיי ווילען אים נעמען אויף דער סטיקע (אַ מין צוואַנג־פאַרעכץ פאַר'ן וואָלאָסט) און ער וויל ניט געהן מיט זיי און געוואָלט אַנטלויפען. דער איד האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מורא, מ'וועט איהם שיקען צום פראָנט. איך האָב זיך שטאַרק צובייזערט אויף די מיליצאָנערען, אַז אין אונזער אוקראַינישער רעפּובליק, טאָר מען קיינעם ניט שלאָגען און זיי ערקלערט אַרעסטירט און זיי באַפוילען זיי זאָלען געהן מיט מיר צום נאַטשאַלניק מיליציע. דעם אידען האָב איך אַ וואונק געטאָן ער זאָל אָפּציהען. זעהענדיג אַז איך האָב אַרעסטירט צוויי מיליציאָנערען מיט ביקסען און מיט נאַהייקעס און פיהר זיי, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז איך האָב עפּעס אַ שטאַרקען כוח און אידען זיינען שוין אונטערגעלאָפען און מיר אונטערגעזאָגט, אַז די פאַר נאַהייקעס, וואָס זיי האָבען דערלאַנגט דעם אידען, זיינען גאָרניט.

זיי האָבען געשלאָגען עפּעס אַ סטאָליאַר אויף דער טאָרגאָוויצע מיט די פּריקלאַדען אין די בני־מעיים, אַז ער איז געשוואָלען ווי אַ באַרג און קען ניט געהן אויף די פיס.

איך בין אַריין צום נאַטשאַלניק מיט אַ שטאַרקען ירגזון:
— „וואָס פאַר אַ בעל־הבית ביזטו עפּעס. וואָס מען שלאָגט ביי דיר אידען?" „איך שלאָג ניט קיין אידען" — האָט ער מיר געענטפערט איבערראַשט אויף מיינעם אַזאַ פּלוצליכען אָנפאַל אויף איהם, ניט פּרעגענדיג מיך אפילו ווער בין איך און וואָס פאַר אַ רעכט איך באַזיץ. „איך האָב אַליין געזעהן, ווי די צוויי מיליציאַ־נערען האָבען געשלאָגען אַ אידען, אָבער מ'האָט מיר געזאָגט, אַז זיי האָבען פאַרקריפּעלט אַ סטאָליער פון דאָ ניט ווייט". „איך וויים גאָרניט וועגען דעם", האָט ער אָנגעהויבען שטאַמלען, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז יענער איז טאַקע ריכטיג פאַרקריפּעלט.

„דו דאַרפסט אָבער יאָ וויסען, וואָס דיינע מיליציאָנערען טהוען און דו ביזט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייערע טהאָטען. שיק רופען יענעם אידען אַהער און גיב מיר פּאַפּיר, וועל איך צוזאַמענשטעלען אַ פּראָטאָקאָל".

דער סטאָליער איז אַריינגעקומען איז מיר פינסטער גע־וואָרען אין די אויגען. דריי וואָכען נאָכ'ן שלאָגען און ער האָט קוים געקענט געהן. ער האָט געמוזט געהן מיט צושפּאַרטע פיס, ווייל די בני־מעים זיינען געווען געשוואָלען ווי אַ פופציג־זעכציג פונטיגע באַמבע וואָלט געווען ביי איהם דאָרט צוגע־טשעפּעט. „אָט דאָס הייסט ביי דיר, אַז מ'שלאָגט ניט קיין אידען", האָב איך זיך בייז אַ ווענד געטאָן צו איהם, אָנווייזענדיג אויף דעם צושראָקענעם, נעבעך, זאָגענדיג צו איהם אין גוי'איש, אַז ער זאָל מעהר קיין מורא ניט האָבען, אַז אַלע וועלען קריגען די געהעריגע שטראָף פאַר אַזאַ כוליגאַניזם, און זיך גענומען שרייבען דעם פּראָטאָקאָל.

דער נאַטשאַלניק מיליציע איז פּלוצים פאַרשוואונדען און באַלד זיינען אַריינגעקומען דער יעקב־יוסי מיט נאָך אַ פּאָר בעלי בתים מיט'ן נאַטשאַלניק מיליציע און זיי האָבען אָנגעהויבען צו רעדען מיט מיר אויף אידיש, אַז ער איז זעהר אַ גוטער פּריץ, איך זאָל אויף איהם קיין שלעכטס ניט שרייבען. זיי האָבען גע־

רעדט צו מיר אידיש און איך האָב זיי געענטפערט אין אוקראַ־איניש. אַז איך שרייב ניט אויף קיינעם קיין שלעכטעס. איך שטעל בלויז צוזאַמען אַ פּראָטאָקאָל פון דעם וואָס איך האָב געזעהן.

„אָבער דער פּריץ איז גאָר ניט שולדיג, ער איז זעהר אַ גוטער", זאָגען זיי מיר נאָכאַמאָל אין אידיש און איך ענטפער זיי נאָכאַמאָל אין אוקראַיניש „איך ווייס ניט, צי דער פּריץ איז אַ שלעכטער צי אַ גוטער, ווי איהר זאָגט, אָבער שולדיג איז ער שוין גאָר, אַז זיינע מיליצאָנערען קענען אַזוי צו'ממית'ן אַ מענשען". „יאָ, אָבער ער האָט גאָר ניט געוואוסט ביז איצט וועגען דעם", טענה'ן זיי ווייטער צו מיר אין אידיש. און איך ענטפער ווייטער: „אויב ער האָט ניט געוואוסט ביז איצט, איז עס נאָך ערגער. דאָס באַווייזט, אַז ער איז זעהר אַ שלעכטער בעל־הבית, אויב אַפילו ער איז, ווי איהר זאָגט אַ גוטער מענש. חוץ דעם, זאָג איך זיי, איך שרייב ניט וועגען פּריץ, צי ער איז גוט, צי שלעכט, איך שרייב בלויז אַ פּראָטאָקאָל וואָס עס איז געשעהן, וועל אַריינשיקען דעם פּראָטאָקאָל אין מיניסטעריום, און וואָס זיי וועלען שוין דאָרט באַשליסען, אַזוי וועט זיין. דאָס קעהר זיך שוין ניט אָן מיט מיר." איך האָב פאַרענדיגט דעם פּראָטאָקאָל, איהם דערלאַנגט דעם נאַטשאַלניק, ער זאָל זיך אונטערשרייבען. ער האָט איהם אונטערגעשריבען און איך האָב איהם אַריינגעלייגט אין קעשענע און זיך אַוועקגעגאַנגען פון קאַנצעלאַריע אַפילו אָהן אַ זיי געזונט צו איהם, ווי אַן אמת'ער טשינאָווניק. די אידען אין שטאָדט האָבען אויפגעלעבט. דערפיהלט, אַז עס איז נאָך דאָ עפּעס אַ גאָט אויף דער וועלט, און אַז זיי זיינען ניט אַזוי עלענד און הפקר. עס איז מיר אָבער באַשערט געווען צו פאַר־שאַפען עגמת נפש אַ אידישער פאַמיליע. עס איז שוין געווען פרייטאָג פאַרנאַכט, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אין די הינטער־געסלאַך, ראשית זעהן ווי די אָרימעלייט לעבען און שנית זעהן, ווי דער אָנקומענדער שבת האָט איצט אַ פּנים. דורכגעהענדיג דורך איין הויז, האָב איך געזעהן עפּעס אַ בלאַסע פרוי זיצט אין אַ מין צימער־קאַמער, בלאַטיג, פינסטער און בין אַריין אָהין זיך מיט איהר דורכרעדען. איך האָב דערזעהן, אַז די פרוי ציטערט, אַז זי קען קיין וואָרט ניט אַרויסרעדען. איך האָב אַ שמעק גע־

טאָן און דערפיהלט אַ ריח פון בראָנפען און פאַרשטאַנען, אַז איהר מאַן מאַכט מסתמא בראָנפען און די פרוי מיינט מסתמא, אַז איך בין אַ קאָנטראָליאָר (אַ „קנעפּעל" איז אַ „קנעפּעל"). דער־ווייל איז דער מאַן אויך אַרויסגעקומען אַ בלאַסער, צעשראָקענער. הכלל, איך האָב אָנגעהויבען רעדער צו זיי ווייך, זיי ערקלעהרט, וואָס איך טהו דאָ און זיי האָבען גאָרניט וואָס מורא צו האָבען, אויב זיי מאַכען אַביסעל בראָנפען, זאָלען זיי מאַכען און פאַרקויפען געזונטערהייט. איך האָב אָבער געזעהן, אַז זיי האָבען נאָך אַלץ מורא (ווייל ביי פאַניען זיינען געווען טשינאָווניקעס וואָס האָבען געקענט רעדען אידיש, אפשר בין איך אַזעלכער?) און באַשלאָסען, אַז די בעסטע זאַך איז: פון זיי אַוועקצוגעהן.

איך האָב זיי געזאָגט אַ גוטען שבת און אַוועק און דערפאַר באַשלאָסען שוין מעהר קיין באַזוכען ניט צו מאַכען.

דערווייל בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז אַ פריהעריגע סומע געלט, וואָס מען האָט אַריינגעשיקט אין שטאָדט אַריין האָט מען צוטיילט, נישט צווישען אָרימעלייט און נויטבאַדערפטיגע, נאָר לויט נפשות צווישען אַלע איינוואוינער פון שטאָדט. איך האָב באַלד געלאָזט וויסען דעם קאָמיטעט, אַז איך וועל זיי ניט איבער־געבען די הונדערט טויזענט רובעל, ביז זיי וועלען ניט צוריק צענויפזאַמלען דאָס געלט פון פריהער, וואָס איז אַזוי ניט ריכטיג צוטיילט געוואָרען, אַז עס קומט גאָר אויס, אַז דער שטאָדט גביר, וואָס פאַרמאָגט זעקס קינדער, האָט געקראָגען מעהר פון גרעסטען שטאָדט־אָרימאַן, וועלכער פאַרמאָגט בלויז פינף קינדער.

הכלל, ס'איז געקומען צו מיר איינער פון די שטאָדט־גבירים (פּוריצמאַן), טאַקע באמת אַ זיידענער יונגערמאַן, געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז עס איז אונמעגליך צוריקצענויפצוזאַמלען דאָס געלט אפילו ביי די גבירים, ווייל זיי האָבען דאָס ניט גענומען פאַר זיך, נאָר פאַר מתן בסתר, פאַר יורדים, וואָס מען האָט ניט געקענט אַריינשטעלען אין צעטעל פון די קבצנים און ער האָט גאַראַנטירט, (ער האָט געדאַרפט זיין דער קאַסירער, ווּעמען איך האָב באַדאַרפט איבערגעבען די הונדערט טויזענט רובעל), אַז איצט וועלען זיי האַנדלען לויט די אינסטרוקציעס פון מיר און באַשלוסען פון קאָמיטעט.

דעם נאַטשאַלניק מיליציע האָט מען שנעל באַזייטיגט, ווייל דער יעקבֿ־יוסי איז מיר נאָכגעפאָהרען אַזש קיין ווינקאָוועץ מיך בעטען, איך זאָל איהם מוחל זיין, אַזוי דערשראָקען האָט ער זיך אַפּנים פאַר מיין מאַכט.

.44

# אהרון כהן פון יאַרמאָלינעץ שעלט און דער שאַראָווקער רבֿ פיהרט מיך אין באַד אַריין

פון סאָלאָפּקאָוויץ בין איך אַוועקגעפאָהרען קיין יאַרמאָלי־נעץ, די שטאָט וועלכער די צוויי אַמעריקאַנער דעלעגאַטען, דר. קאַנטאָר און דר. פרידלענדער, זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען דורך אַ באָלשעוויסטישער באַנדע.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַטען האָבען דערוועקט אין אונז פיל האָפנונג און בטחון מיט זייער קומען. מיר האָבען דערפיהלט, אַז מיר זיינען ניט עלענד, אַז עמיצער איז נאָך דאָ ערגעץ־וואו, וואָס טראַכט וועגען אונז און וועט אונז העלפען. אָבער די ענטוי־שונג איז געווען נאָך גרעסער, ווען זיי זיינען אָפּגעפאָהרען פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, געגען אונזער ראָט, קיין פּראָסקוראָוו און זיינען אויפ׳ן וועג, לעבען יאַרמאָלינעץ, דער׳הרג׳עט געוואָרען.

איך, און מיר אַלע, האָבען געפיהלט ניט נאָר אַ וועהטאָג פאַר זייער לעבען און אונזער פאַרשטעהערשאַפט, נאָך אויך אַ בושה: אַז אונזערע מענשען, אַזש פון אַמעריקע, ווערען אַזוי הפקר־דיג דער׳הרג׳עט, וואָס זשע קענען מיר שוין ערוואַרטען? מיר האָבען זיך דערפיהלט דערשלאָגען, פאַרלוירען און פאַר׳יתומ׳ט.

אָנגעקומען אין שטאָדט, בין איך פאַרפאָהרען צו מיינעם אַ קרובֿ, ציטרענעל, און געלאָזט וויסען אַלע פאַרטייען, זיי זאָלען רופען זיצונגען און אויסקלייבען צו צוויי פאַרשטעהער פאַר דעם קאָמיטעט, וואָס איך בין געקומען גרינדען. דערווייל האָב איך זיך דערמאָהנט, אַז משה נחום׳ס, פון אונזער שטאָדט, האָט מיך געבעטען אָפּצוזוכען זיין קרובה, און מיין באַקאַנטע, טשאַרנע צאַליאַוויטש, אַן אלמנה מיט אַ בת־יחידה׳לע פון וועמען ער האָט ניט געהערט די גאַנצע צייט. איך האָב אָנגעהויבען זיך נאָכצו־

פרעגען אויף דער צאַליאָוויטש, און קיינער האָט פון איהר ניט געוואוסט, ביז איך האָב אָנגעטראָפען אויף אימיצען, וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז איהם דאַכט זיך, אַז עפּעס אַן אָרימע פרוי מיט אַ קינד וואוינט אין באָד. דאָס האָט מיר אויסגעקוקט אויסטערליש, ווייל זי איז געווען אַ שעהנע, אינטעליגענטע פרוי, ווי זשע קומט זי אין באָד אריין? נאָר אַזוי ווי קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זי איז, בין איך געגאַנגען אין באָד אַריין. איך קום אַריין: הזאת נעמי? אָט דאָס איז די שעהנע צאַליאָוויטש? און אין אָט דעם קבר? אָרעם איז זי געווען און שטאָלץ דערצו, בעטען קיין הילף האָט זי ניט געוואָלט און זיך געשעהמט, האָט זי זיך פאַרקליבען אַהער אין אַ זייטיגען צימער — פינסטערען־נאַסען־בלאָטיגען קבר פון באָד, און פינסטערט דאָ אָפּ אַזוי איהר לעבען און קוקט שוין אַליין אויס, ווי דאָס פינסטערע צימער.

איך האָב אָנגעהויבען איינטענה'ן מיט איהר, אַז זי וועט ווערען קראַנק מיט'ן קינד, אַז איך קען איהר איצט, דורכ'ן קאָמיטעט, אַרויסהעלפען צו דינגען אַ וואוינונג אין שטאָדט און זי וויל ניט הערען. זי וויל ניט קיין קצבה און אָט דאָ בלייבט זי. ערשט ווען איך האָב איהר פאָרגעשלאָגען, אַז איך וועל זעהן, מען זאָל זי באַשטימען אַלס פאַרקויפערין אין קאָאָפעראַטיווען געוועלב, וואָס איך געה איבערלאָזען געלט צו גרינדען, און מען זאָל איהר באַשטימען אַ געוויסען געהאַלט, אַלס פאַרקויפערין, האָט זי ערשט איינגעשטימט, אַז איך זאָל איהר נאָמען הערמאָהנען, אַנדערש האָט זי מיר פאַרבאָטען אפילו איהר נאָמען צו דערמאָנען, אַז מען זאָל ניט ויסען, וואו זי איז.

שבת בייטאָג בין איך זיך דורכגעגאַנגען צו דער זיצונג פון די אַלגעמיינע ציוניסטען (אַלס אַזעלכער) און אָנגעקומען אויף די קולות, וואָס אהרון כהן האָט געשריען: „מיר האָבען אין דער ערד פעטליורא'ן מיט זיין געלט צוזאַמען". ווען ער האָט מיך דערזעהן אויף דער טיר האָט ער זיך דערשראָקען און געוואָלט פאַרדרעהען די טעמע אַן אַ זייט. איך האָב איהם באַרוהיגט און איהם געזאָגט, אַז ער קען שעלטען פעטליורא'ן וויפיל ער וויל, אַז כ'בין לייבוש חכם'ס זוהן (מיין פאָטער פלעגט האַנדלען מיט איהם) און ער האָט גאָרניט וואָס מורא צו האָבען פאַר מיר. מיר האָבען

שוין דאַמאָלסט פאַרבראַכט אין אַ חבר'שער אַטמאָספערע עטליכע שטונדען און זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז מיט שעלטען פעטליור־ראַ'ן וועט מען גאָרניט אויפטהאָן און דער ה' כהן האָט שוין איינגעשטימט, אַז זיי זאָלען נעהמען ביי מיר דאָס געלט, וואָס איך האָב געבראַכט פאַר זייער שטאָדט.

פון דאָרט בין איך אָפּגעפאָהרען קיין שאַראָווקע. ביי אונז אין שטאָדט פלעגט מען זאָגען, אַז אין שאַראָווקע איז דער הימעל פאַרשטעקט מיט שטרוי. בין איך געוועזן צופרידען, וואָס אין מיין ראַיאָן איז אַריינגעפאַלען שאַריווקע: אָט, וועל איך קענען אָנקוקען דאָס טשיקאַווע שטעדטעל. איז דאָס גראָדע דוקא א שעהן שטעד־טעלע, וואָס ליגט אויף אַ באַרג. די הייזער זיינען אַפּנים אַמאָל אַלע געווען געדעקט (די דעכער) מיט שטרוי. און אַזוי ווי עס ליגט אין דער הויך אויף אַ באַרג און אימיצער איז מסתמא אַמאָל דורכגעפאָהרען אין טאָל און די שטיבער אין דער הויך מיט'ן שטרוי (די דעכער) האָבען געמאַכט מסתמא אַזאַ איינדרוק, ווי דער הימעל וואָלט געווען פאַרשטעקט מיט שטרוי. איצט איז דאָס שוין געווען מאָדערניזירט מיט נייע גאַנץ שעהנע, הייזקעלעך און עס האָט געמאַכט אויף מיר דוקא אַ גאַנץ שעהנעם איינדרוק. דערהערט, אַז עס איז געקומען אַ רייכער פעטער מיט געלט, האָבען שוין מסתמא די כלל־טוער דאָרט געבויט גאַנצע פּאַלאַצען אין זייערע חלומות. און דער רב פון שטאָדט איז אויך ניט אָפּגע־שטאַנען אין דער הינזיכט. ער האָט מיך געבעטען איך זאָל געהן מיט איהם אין באָד אַריין. איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז איך האָב ניט קיין סמעטע (בודזשעט) פאַר געלט אויף בעדער און איך קען גאָר ניט באַשליסען אין דער הינזיכט. אָבער ער איז באַשטאַנען רק איך זאָל געהן מיט איהם. נו! מילא, אַז דער שטאָדט־רב וויל מיך פיהרען אין באָד אַריין, בין איך גע־גאַנגען. איך האָב טאַקע הנאה געהאַט אויך פון דעם באָד, ספּע־ציעל פון דער מקוה. אַזאַ קליין שטעדטעלע זאָל האָבען אַזאַ וואונדערבאַרע מקוה'לע, וואוהין דאָס ריינע, לויטערע וואַסער פון אַ ברונעם איז אַריינגעקומען און אַ גרויסער סאַמאָוואַר האָט דאָס וואַסער געוואַרעמט און מ'האָט געקענט אַלע מאָל אַנלאָזען פרישע וואַסער, איז עס טאַקע געווען פאַר מיר אַ וואונדער.

איך געדענק שוין ניט, וואָס דער רב האָט געוואָלט פון מיר, צי אַ נייעם סאַמאָוואַר, צי עפּעס אַנדערש צו־רעכט מאַכען דאָרט. אָבער איך האָב איהם צוגעזאָגט, ווען איך וועל זיך אומקעהרען קיין קאַמענעץ וועל איך די באַד־פראַגע אין זינען האָבען און זיך אויסטאַרען די נויטיגע סומע, ווייל איך אַליין, דאָ, קען גאָרניט באַשליסען.

דער רב, אַ גאַנץ וואוילער איד, איז געווען צופרידען פון מיין הבטחה און איך בין פון שאַריוקע אַפּגעפאָהרען קיין מעכילפּאָליע. דאָרט זיינען געקומען אַ פּאָר בחורים און מיר דערצעהלט, אַז דער נאַטשאַלניק מיליצע האָט אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף זייער ביבליאָטעק.

איך בין אַוועק אין קאַנצעלאַריע פון'ם נאַטשאַלניק, זיך גוט אָנגעבייזערט אויף איהם פאַרוואָס ער פאַרמאַכט קולטור־אַנשטאַל־טען אין אונזער, פרייער רעפּובליק. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער מישט זיך טאַקע ניט אין אידישע ענינים, נאָר אַן אַנדער בחור האָט איהם געבעטען די ביבליאָטעק צו פאַרמאַכען און יענער איז זיין פריינט, האָט ער יענעם צוליב געטאַן, און אויב איך וויל, וועט ער גלייך שיקען עפענען די ביבליאָטעק. איך בין גלייך אַוועק מיט אַ מיליציאָנער און געפענט די ביבליאָטעק. דאָ אין ניו יאָרק ערשט האָט מיך דערקענט דער דאַמאָלס יונג בחור'ל, ישראל באַראַץ (אַ צעירי־ציוניסט) און מיר דערצעהלט, אַז דאָס איז געווען ער, וואָס האָט געהייסען פאַרמאַכען די ביבליאָטעק, ווייל די לינקע האָבען זי געוואָלט פאַרכאַפּען און איך האָב גאָר אַרויסגעהאָלפען די לינקע פאַרכאַפּען די ביבליאָטעק פון די ציוניסטען. און דעריבער וועל איך זיך דאַרפען אַמאָל קלאַפּען אַ ספּעציעלען על חטא, שחטאתי ב'הילף צו לינקע.

פון מעכילפּאָליע בין איך אַפּגעפאָהרען קיין זינקאָוו. אויפ'ן וועג איז געווען זייער הייס און איך האָב אַרונטערגענומען דאָס היטעל און עס אַוועקגעלייגט אויף די קניעס. דער גוי, דער פורמאַן, וואָס דער וואָלאָסט האָט איהם באַשטימט מיך צו פיהרען, איז גע־ווען אַ וואוילער גוי, און ער האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך, אַלס איד, האָב גאָר ניט קיין מורא צו פאָרען אין אַזאַ צייט, ווען קאָ־זאַקען און סתם גויים הרג'ענען אידען אויף די וועגען. דאָס

האָט דאָך געקענט זיין אי אַ לייטישע, אי אַ בייזע אָנצוהערעניש. איך האָב עס אָנגענומען אַלס אַ לייטישע. אָבער באַלד האָב איך דערזעהן גאַנץ ווייט נאָך פאָהרען צו אונזער ריכטונג צוויי קאָזאַקען. איך האָב שוין געוועהנליך געהאַלטען מיינע אויגען אָנגעשטרענגט אין יענער ריכטונג. מיט יעדער דערנעהענטערונג, האָב איך מעהר בולט געזעהן די רציחה אַרויסשפּראָצענדיג פון זייערע אויגען, אַ זאַך וואָס האָט מיך געוואונדערט , וואָרים על פי שכל און על פי לאָגיק, וואָלטען זיי באַדאַרפט וועלען מיך אויסמיידען. ווען זיי זיינען שוין צוגעקומען גאַנץ נאָהענט, האָב איך באַמערקט אַן אויסערגעוויינליכע רציחה אין זייערע אויגען און איך האָב געזעהן, ווי זיי האָבען געהייסען דעם גוי, וואָס האָט זיי געפיהרט, ציהען אַזוי די פערד, אַז ווען מיין פוהר וועט זיך באַגעגענען מיט זייער פוהר, זאָלען זיי זיין נאָהענט איינע צו דער אַנדערער. דאָס האָט מיר שוין גאָרניט געשמעקט. טראַכט איך, „וואָס איז עפּעס געשעהן מיט פּעטליוראַ'ס שמירה־קמיע? (קנעפּעל־גערב) ! ערשט, איך טהו אַ קוק, דאָס היטעלע ליגט אויף די קני'עס. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן און אָנגעטאָן דאָס היטעל און אויגענבליקלעך האָבען די קאָזאַקען אַ ציה געטאָן אין דער זייט און אַוועק פון מיין וואָגען און שנעל אָפּגעצויגען.

.45

# איך שטעל אָפּ דאָס קעהרען אום שבת און ווער פאַרזיכערט מיט עולם הבא

אָנגעקומען קיין זינקאָוו בין איך פרייטאָג פאַרנאַכט און האָב שוין ניט קיין צייט געהאַט צו טאָן עפּעס אָרגאַניזיר־אַרבייט. דער בעל־אכסניא, ספּעציעל די בעלת־האכסניא, האָט עפּעס אָנגע־שמעקט פון מיין קנעפּעל און פון מיין נאָכפרעגען, ווי אַזוי דער נאַטשאַלניק מיליציע פיהרט זיך דאָ אויף, אַז איך בין עפּעס אַ שטיקעל מאַכער, און זי האָט מיר שוין אָנדערצעהלט אויף דעם פּריסטאַוו (דער נאַטשאַלניק איז געווען אַמאָל אַ פּריסטאַוו ביי פּאַניע'ן) המן'ס מסירות. צוערשט האָט זי מיט איהרע איבער־

טרייבונגען געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, אַז זי איז ברוגז, ווייל ער וויל זי זאָל האַלטען ריין די אכסניה. שבת פריה האָב איך זיך אָבער איבערצייגט, אַז זי איז געווען גערעכט. איך געה מיר אַרויס אַביסעל שפּאַצירען און טהו אַ קוק, אידען און אידענעס, אַלט און יונג, שטעהען מיט בעזעמער און קערען די גאַסען און מי־ליציאָנערען שטעהען און היטען זיי. איך בין גלייך צו צום ערשטען מיליציאָנער, בייז איהם אַ פרעג געטהאָן, וואָס הייסט עס, וואָס זיי צווינגען אידען מחלל שבת זיין אין אונזער פרייער אוק־ראינישער רעפּובליק? דער מיליציאָנער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויסט גאָרניט, דער נאַטשאַלניק, וואָס שטעהט דאָרט ווייט אַרונטער, האָט זיי עס באַפוילען. איך האָב זיך גלייך אַוועקגעלאָזט צום נאַטשאַלניק. אָנקומענדיג נעהענטער האָב איך געהערט, ווי אַזוי ער האָט געענטפערט דעם פּרעזידענט פון דער קהילה, וואָס האָט איהם געבעטען אין נאָמען פון דער קהילה אָפּצושטעלען די אַרבייט: „מניע פּליעוואַט נאַ טעביא אי נאַ וואַשו אַבשטשינו" (איך שפּיי אויף דיר און אויף אייער קהילה). איך בין גלייך צו און אַרויסגעשאָסען מיט אַ ווילדער רציחה: „וואָ אימיא מיניס־טערסטוואַ זשידיוווסקיך ספּראַוו, יאַ טאָבי פּריקאַזיוו סדימאַטי זאַראַס ווסיך זשידיוו איז ראַבאָטי!" (אין נאָמען פון מיניסטעריום פון אידישע אנגעלעגענהייטען באַפעהל איך דיך תיכף ומיד אַרונ־טער צונעהמען אַלע אידען פון דער אַרבייט). דער נאַטשאַלניק האָט אַ דרעה געטהאָן דעם קאָפּ צו מיר, אַ בליק געטאָן צו מיין קנעפּעל אויפ'ן היטעל און איז אויגענבליקליך אײנגעזונקען גע־וואָרען, ווי אין דער ערד אַריין, אַזוי, אַז מיר האָבען ניט באַמערקט, ווי אַזוי ער איז אַוועק פון אונז.

איך בין דאָן געבליבען אַליין מיט'ן פּרעזידענט פון דער קהילה (מיר דאַכט ער האָט געהייסען פּוקעלמאָן), וועמען איך האָב גאָרניט געקענט און ער מיך אויך ניט, אָבער דער פאַל האָט אונז אַזוי היימיש געמאַכט, גלייך מיר קענען זיך שוין פון לאַנג און מיר האָבען זיך ביידע געקאַטשעט פון געלעכטער, ווי אַזוי דער כוליגאַן נאַטשאַלניק איז אַריין ווי אין דער ערד אַריין און מיר האָבען זיך געלאָזט אַרויף צו די גאַסען, וואו די אידען האָבען געקערט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען איז שוין קיין זכר פון קיין אידען ניט

געוועזן אויף די גאַסען און מיר האָבען ערשט נאָכאַמאָל געשמאַק געלאַכט פון דעם זאַנדערבאַרען פאַל.

דאָ אין זינקאָוו האָט געוואוינט דער רבי, הרבי משה'לע, וועמען מיין פאָטער פלעגט שטיצען, ווייל ער פלעגט אַמאָל פאָהרען קיין טשאַרטקאָוו, צו מיין פאָטער'ס רבי'ן. איך אַליין האָב אויך געהאַט עפּעס אַ שטיקעל באַציהונג צום רבי'ן, ווייל ווען ער איז גע־קומען צו אונז אין שטאָדט אַריין דאָס ערשטע מאָל און איך בין געוועזן אַ קינד פון אַ פיר־פינף יאָהר, בין איך געוועזן דער איינ־ציגער, וואָס האָב אויפגעסען זיינע שיריים, די יויך, ווייל זי איז געוועזן אַזוי געזאַלצען, אַז קיינער פון די חסידים האָט זי אין מויל ניט געקענט נעהמען. דער רבי האָט דערפאַר מיך אַריינגעשטופּט צווישען אַ הרובע און אַ וואַנט און זיך מיט מיר געשפּילט. חוץ דעם האָב איך איהם געדיינקט דעם חסד־נעורים, די שפּאַצירען, וואָס ער פלעגט מאַכען צוועלף ביינאַכט דוקא דורכ'ן בית־עולם, אין שעהנע לבנה־נעכט, וועלכע האָבען געמאַכט אויסצוקוקען די מצבות ווי מתים, וואָס שטעהען שמונה־עשרה, אָבער מיט'ן רבי'ן האָב איך זיך געפיהלט זיכער און שטאַרק הנאה געהאַט פון די שפּאַצירען. איצט, אַז איך בין אין זינקאָוו האָב איך געפיהלט עפּעס אַ שטיקעל פליכט אַריינצוגעהן צום רבי'ן, ראשית אַרומ־שמועסען די פּאָליטישע סיטואַציע (ער איז געוועזן אַ קלוגער איד) און שנית צו ברייינגען מיין פאָטער אַ גרוס פון איהם.

שבת אָוועגד נאָך הבדלה בין איך אַוועק צום רבי'ן. ווען איך בין אריינגעקומען איהם געבען שלום־עליכם, האָב איך באַ־מערקט, אַז עפּעס איז ער אַביסעל צושראָקען. איך האָב זיך ווייטער געכאַפּט, אַז דאָס פּעטליורא־קנעפּעל פאַרראַט מיך, אָבער ארונטערנעהמען דאָס היטעל ביים רבי'ן האָב איך דאָך ניט גע־קענט, האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך בין לייבוש חכם'ס זוהן און ער דאַרף ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם קנעפּעל, ווייל דאָס איז בלויז אַ שמירה געגען גויים. אַ גוטען זכרון האָט ער געהאַט און ער האָט מיר גלייך געפרעגט: „דאָס ביזטו, וואָס האָט אַמאָל אויפגעגעסען מיין געזאַלצענע יויך?" „יאָ", האָב איך איהם געזאָגט. „און ווער האָט היינט באַפוילען ארונטערצונעהמען די איזען פון דער אַרבעט, אויך דו?" „יאָ",

זאָג איך איהם. „פאַר דער איינער מצוה אַליין ביזטו שוין פאַר־זאָרגט מיט עולם־הבא, אָבער וואָס וועט זיין, אַז דו וועסט אָוועק־פאָהרען?". „זאָרגט זיך ניט, איך וועל שוין פאַרזאָרגען דעם כוליגאַן".

איך האָב געוואָלט אויסגעפינען די באַציהונג פון די רביים צו דער פראַגע פון אַ אידישען מיניסטער, ווייל כאָטש איך בין ארומגעפאָהרען אין נאָמען פון אידישען מיניסטעריום, האָב איך, אין דער זעלבער צייט, געפיהרט אַן אַגיטאַציע געגען איהם. ער האָט מיר געענטפערט זעהר דיפּלאָמאַטיש: „מיר מישען זיך אינגאנצען ניט אין פּאָליטיק, אָבער אַ אידישער מיניסטער דאַרף די צושטימונג פון אַלע אידען". דאָס האָט געמיינט, אַז זיי זייען געגען.

דאָ אין זינקאָוו האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף דעם ערשטען פּעטליורישען קרבן מיט אויסגעשטאָכענע אויגען, און אזוי ווי זינקאָוו איז געווען אַ גרויסע שטאָדט, האָב איך באַשלאָסען דאָ צו פאַרברייגען מעהר און זאַמלען מאַטעריאַלען און פאָטאָגראַפיעס וועגען די פּאָגראָמען, ווייל איינע פון אונזערע אויפגאַבען איז געווען צו זאַמלען מאַטעריאַלען וועגען די פּאָ־גראָמען, פאַר וועלכען ס'איז באַשטימט געוואָרען אַ ספּעציעלע אַרכיוו־אָפּטיילונג טאַקע ביים אידישען מיניסטעריום.

די פראַגע וועגען פּאָגראָמען איז ניט געווען אַזאַ לייכטע צו באַשטימען מיט פאַקטען און דאָקומענטען, ווער ס'איז שולדיג, ווייל אָפטמאָל האָבען זיך די פאַרשידענע קעמפענדע אַרמייען פאַרשטעלט, איבערגעטאָן אין געגנערישע אוניפאָרמס און געמאַכט פּאָגראָמען אונטער די פירמעס פון אנדערע אַרמייען. אַזוי האָבען געהאַנדעלט די פּעטליוראָווצעס, די באָלשעוויקעס, די דעניקינ־צעס און אַנדערע באַנדעס. היינט גיה דערגעה אַ טאָלק.

איך האָב געזוכט צו זאַמלען אונבאַשטרייטבאַרע באַווייזען. אזוי ארום האָב איך זיך אָנגעשלאָגען אויפ'ן פאַקט, אַז איינע פון די שוידערליכע שחיטות, נאָך פּראָסקוראָוו און פעלשטין, אין קיטייגאָראָד (קיטאַרעד) זיינען געמאַכט געוואָרען ניט מיט פּעט־ליוראַ'ס וויסען, הגם דורך זיינע קאָזאַקען, נאָר לויט אַ פאַר־

אָרדענונג פון דער פוילישער רעגירונג און דורך אַ פוילישען אָפיצער־פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט דורכגעפיהרט די שהיטה מיט פּעטליורישע קאָזאַקען, כדי צו פאַרשוואַרצען פּעטליוראַ'ס נאָמען, ווייל פוילען אליין האָט געהאַט אַן אויג אויף אוקראַינע, ספּעציעל אויף פּאָדאָליע.

אין אַרכיוו פון אידישען מיניסטעריום האָבען זיך צווישען אַלע דאָקומענטען און באווייזען וועגען פּעטליוראַ'ס פּאָגראָמען, געזאַמעלט דורך אונז, אינסטרוקטאָרען, אויך געפונען באווייזען און דאָקומענטען וועגען דעניקינ'ס און פוילענ'ס פּאָגראָמען. איך פּערזענליך האָב געמאַכט צוויי־דריי קאָפּיעס און איין קאָפּיע איבערגעגעבען דעם געגענד־קאָמיטעט פון דער קהילה, אָבער איך ווייס ניט, וואו דער קהילה־אַרכיוו איז אַהינגעקומען, צי געפינט ער זיך נאָך ערגעץ־וואו באַהאַלטען, אָבער בנוגע דעם אַרכיוו פון פּנחס קראַסני, ווייס איך, אַז די פּאָליאַקען האָבען אַ פּנים דערשמעקט, אַז ביי איהם געפינט זיך אַזאַ אַרכיוו און איהם געוואָלט אַרעסטירען (ער איז געווען אינטערנירט אין טאַרנאָוו, פוילען). איז ער אַנטלאָפען צוריק קיין רוסלאנד צו די באָלשעוויקעס. צי ער האָט אויך באַוויזען צו ראַטעווען עפּעס פונ'ם אַרכיוו ווייס איך ניט, ווייל דער אַרכיוו איז ביי איהם קאָנפיסקירט געוואָרען. אויב ער איז איינגאַנצען אריינגעפאַלען צו די פּאָליאַקען אין די הענד, וועלען זיי איהם זיכער פאַרניכטען. פּנחס קראַסני איז דערקענט געוואָרען אין קיעוו און מ'האָט איהם געוואָלט אַרעסטירען אַלס אַ פּעטליוראָוועץ. אָבער ער איז אַזוי געווען אַ פּעטליוראָוועץ, ווי מיר אַלע — נאַציס. ער איז געווען אַ קרבן מעהר ווי אַ מיניסטער, אַ תינוק שנשבה בין הגויים. אַ פּשוט'ער, זעהר באַגרעניצטער איד, אַ טיפּ פון אַ שטיקעל זעמסקי נאַטשאַלניק (אויסגעזעהן ווי מענדעל ביילים), וועלכער האָט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק געגרינדעט אַ פאָלקס־פּאַרטיי פון אַ האַלבען מנין אידען (לייען און צייל!), און אָט דורך דער פאָלקס־פּאַרטיי (אַ מיטגליד, שוואַרצער, איז יעצט אין ניו יאָרק) איז ער געוואָרען מיניסטער און האָט געבראַכט, אין אַ געוויסען זינען, נוצען.

.46

# מיין פאָטער פאַרגלייכט זיך מיט פּעטליוראַ׳ס אָפיצירען און דאָס ראַטעוועט איהם פון טויט

איינמאָל, בשעת מיין אָפוועזענהייט, איז אָנגעקומען אַ פּעט־ליורישע אַרמיי־אָפטיילונג צו אונז אין שטאָדט און מיין פאָטער האָט זיך פאַרגלייכט מיט דריי אָפיצירען פון דער אָפטיילונג פאַר אַ באַשטימטער סומע, וועלכע ער האָט איבערגעגעבען אַלע דריי אָפיצירען, וועלכע האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג.

אזוי ווי די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלען, האָבען געוועהנליך אַלע הייזער צוגעמאַכט זייערע טירען און זיך ניט געוויזען אויף דער גאַס. אזוי ווי אַלע מאָל זיינען אויך איצט צו אונז אין הויז זיך צונויפגעקומען שכנים, נאָהענטע און ווייטע, צווישען זיי פרוי האַלפערין מיט איהרען אַ חשוב׳ן אייניקעל, וועלכען זי איז אויסגעזעסען אויפ׳ן בעט אַלע ניין חדשים פון שוואַנגערשאַפט פאַר דעם פלעגט זי אַלעמאָל מפּיל זיין.

מיין פאָטער האָט פאַרטאָג זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ פענסטער פון פראָנט־הויז און זיך איינגעקוקט, צי געשעהט ניט עפּעס אַ צרה. פלוצים דערזעהט ער, ווי אונזערער אַ שכן פון דער זייט געגענ־איבער, לויפט צו זיך אַהיים, און ווען ער איז געווען געגענ־איבער אונזער הויז, אין מיטען מאַרק, האָבען איהם אָנגעיאָגט צוויי קאָזאַקען אויף פערד און איהם דערלאַנגט אַ פּאָר נאַהייקעס, פאָדערענדיג געלט און סטראַשענדיג איהם מיט נאָך נאַהייקעס. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין געלט און האָט זיך געבעטען ביי זיי איהם ניט צו שלאָגען. האָבען די קאָזאַקען פון איהם געפאָדערט, ער זאָל זיי אָנווייזען ביי וועמען מען קען קריגען געלט. ער האָט זיי אָנגעוויזען אויף אונזער הויז און זיי האָבען זיך געלאָזט גלייך צו אונזער הויז.

מיין פאָטער איז אריין אין זאַל, דאָס פערטע צימער פון פראָנט, וואו אַלע זיינען געווען, פאַרמאַכענדיג הינטער זיך אַלע טירען פון די צימערען, און מיט אַלעמען אַרויף אויפ׳ן בוידעם

פון צווייטען הינטערשטען הויז, כדי צו קענען פון דאָרטען אַנט־לויפען דורך די גערטנער. מיין ברודער, קלמן, איז איבערגע־בליבען און געהיט די טירען. ווען זיי האָבען דורכגעבראָכען אַלע פינף טירען, איז ער ארויס דורך מיין צימער אין קאַמער און איז ארויף אויפ׳ן בוידעם. איידער ער האָט באוויזען זיך אַוועקצושטעלען אויפ׳ן בוידעם האָבען זיי זיך אריינגעריסען אין קאַמער. מיין שוואָגער, בקי, האָט שנעל אַרויפגעצויגען די לייטער. פאַר כעס איבער דעם שפיצעל מיט דער לייטער האָבען די קאָ־זאַקען גענומען שיסען אויפ׳ן בוידעם אַרויף.

דאָס האָט, געוועהנליך, ארויסגערופען אַ פּאַניקע און אַלע האָבען אָנגעהויבען ארונטערשפּרינגען פונ׳ם בוידעם אויפ׳ן גאַניק פון הינטערשטען הויז. מיין פאָטער האָט גענומען דאָס אינג בחור׳ל, דאָס היילפּעריגטשיקעל, און מיט איהם אונטער דעם אָרעם זיך ארונטערגעלאָזט אויפ׳ן גאַניק און פונ׳ם גאַניק אין גאָרטען און זיך דאָרט צוזאַמען מיט איהם באַהאַלטען. מען האָט באַדאַרפט אַרויסהעלפען דער שוואַכער פרוי, היילפּערין, אַרונטערצולאָזען זיך. די קאָזאַקען האָבען אָפּנים דערהערט, אַז מען שפּרינגט ערגעץ־וואו, האָבען זיי זיך אַ לאָז געטאָן מיט די פערד פון דער גאַס צום הינטערשטען טייל פון הויז און זיינען אָנגעקומען פּונקט ווען די פרוי היילפּערין איז אראָפּגעשטיגען אויפ׳ן גאַניק.

אזוי ווי זי האָט דערזעהן די קאָזאַקען האָט זי אַ געשריי געטאָן: „גוואַלד, וואו איז מיין קינד?״ „איך בין דאָ! איך בין דאָ, מאַמע!״ האָט דאָס בחור׳ל ארויסגעשריגען פון דער באַהעלטעניש פונ׳ם גאָרטען. אַז די קאָזאַקען האָבען דערהערט דאָס קול, זיינען זיי גלייך צו צום פּלויט פון גאָרטען, אָנגעשטעלט די ביקסען און אַ געשריי געטאָן: „וויליעזייטע, אַ טאָ סטרע־ליאַטע בודיעם״ (קריכט ארויס, אלא ניט וועלען מיר שיסען).

מיין פאָטער האָט איבערגעלאָזט דאָס בחור׳ל אין באַהעל־טעניש און אַליין איז ער אַרויסגעקומען, לאָזענדיג זיך געהן צו זיי.

„אָ, עטאָ טי, סטאַריטשאָק; טשטאָ טי סכאָוואַלסיאַ?״ (דאָס ביזטו, אַלטיטשקער; נאָך וואָס האָסטו זיך באַהאַלטען?). דאָס זיינען געווען די דריי אָפיצירען, וועמען ער האָט פאַרנאַכט גע־

האָט געגעבען דאָס געלט. זיי האָבען איהם דערקענט און באַרוהיגט, ער זאָל ניט מורא האָבען. זיי האָבען דערקלערט, אַז זיי האָבען ניט געוואוסט אַז דאָס איז זיין שטוב, און אַ איד האָט זיי אַנגעוויזען אַז דאָ קענען זיי קריגען געלט. זיי האָבען איהם אויסגעמאָלען, ווי אַזוי דער איד זעהט אויס. זאָל ער זיי ווייזען וואו ער וואוינט, וועלען זיי איהם פאַרשמייסען צום טויט פאַר אַזאַ שפּיצעל. מיין פאָטער האָט געווענליך זיי געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ אַ סך אידען, וואָס זעהען אויס אַזוי און ער קען דעריבער ניט וויסען ווער דאָס איז.

די קאָזאַצקע אָפיצירען האָבען פאַרזיכערט, אַז עס איז גאָר ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. נאָר אויב זיי וועלען טרעפען דעם איד מיט דער געלער באָרד, וועלען זיי איהם פאַרשמייסען צום טויט. זיי זיינען אַוועק, און דער עולם האָט זיך צוריק אומגעקעהרט אין שטוב אריין.

דער שכן איז געווען מיין פאָטער'ס אַ פריינד, אָבער פון דער געשיכטע אָן האָט שוין מיין פאָטער מיט איהם מעהר ניט גערעדט, כאָטש ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט ביי זיך געהאַט עטליכע טויזענט רובעל און ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען זיי וועלען איהם באַזוכען וועלען זיי עס צונעהמען. האָט ער זיך געוואָלט ראַטעווען. אַגב, האָט ער גערעכענט, אַז אַזוי ווי די טירען פון אונזער הויז זיינען געווען זעהר שטאַרקע, און ווען זיי וועלען האַלטען אין ברעכען זיי, וועט ער דערווייל קענען אַנטלויפען און זיי וועלען קיין שאָדען ניט קענען טאָן ביי אונז אין הויז.

.47

# איך באַצאָהל שיעור מיט'ן לעבען פאַר העלפען די אַנטרונענע

נאָכדעם ווי מיר האָבען געקענט מאַכען פאַרבינדונגען מיט'ן „דזשאָינט", האָבען מיר געקראָגען סיי געלט־שטיצע, סיי חפצים, גאַנצע קאַסטענס, מיט פאַרשידענע זאַכען: אונטערוועש, קלייד־

לאַך, בלוזעס, קאָסטיומען, שיך א. ד. גל. ווען ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער טראַנספּאָרט סחורה (אַרום שבועות־צייט) זיינען מיר זיך צונויפגעפאָהרען און צוטיילט די אַלע קאָסטענס צווישען די פאַרשידענע פּונקטען, לויט דער צאָהל נפשות און נויטיגענ־דיגע. אויף מיינע פּליטים זיינען אָנגעקומען דריי קאָסטענס מיט סחורה, חוץ אייניגע קלייניגקייטען, וואָס ס'האָט מיר נאָך גע־פעהלט צום סכום, וואָס כ'האָב באַדאַרפט נעהמען פון אַ גע־עפענטען קאָסטען. איך האָב פאָרגעשלאָגען, אַז מ'זאָל די קאָס־טענס גלייך צעשיקען צו די פּונקטען און די סחורות צוטיילען, ווייל די באָלשעוויקעס קענען זיך אריינרייסען, ווען אַפילו אויף אַ קליינער ווילע, און דערווייל אוועקרויבען די קאָסטענס מיט סחורה. ס'זיינען אָבער געווען אַנדערע מיינונגען אויך. אייניגע האָבען גע'טענה'ט, אַז די באָלשעוויקעס וועלען ניט וואַגען צו טשעפּען זאַכען, וואָס זיינען באשטימט פאַר פּאָגראָם־געליטענע און פאַרטריבענע. אָבער געווירקט, אַז מיר זאָלען ניט ריהרען דערווייל די סחורות, האָט דער אַרגומענט פון חבר דראַכלער, אַז אויב מיר וועלען איצט, זומער־צייט, צוטיילען די סחורות, וועלען די שיך און די מלבושים ביז הערבסט צוריסען ווערען און ווען דער הערבסט מיט די בלאָטעס און קעלטען וועט אָנ־קומען, וועלען די אָרימעלייט שוין ניט האָבען קיין שיך און קיין קליידער.

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און איך האָב דערהערט, אַז די באָלשעוויקעס האָבען דורכגעריסען דעם פראָנט און יאָגען זיך אויף קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. איך האָב גלייך גכעאַפּט אַ פוהר און געלאָפען קיין קאָמענעץ ראַטעווען די קאָסטענס סחורה. אָבער איידער איך בין אָנגעקומען קיין קאָמענעץ, אַ יאַזדע פון דריי שעה, זיינען די באָלשעוויקעס שוין אַריין דורך אַן אַנדער וועג אַהין. זיי זיינען גלייך אַריין צום פּאַרוואַלטער פון סקלאַד פון „דזשאָינט"־סחורה און איהם געוואָרענט, אונטער'ן סטראַשונאַק פון טויט־שטראָף, ניט וואַגען צו ריהרען די סחורה.

איך קום אַריין צו חבר באַנדער, פּאַרוואַלטער פון סקלאַד, און וויל מיינע קאָסטענס, ווייס איך וואָס? ער הערט מיך, ווי המן דעם גראַגער: ער האָט איין טענה, ער האָט מורא. איך

בין אַוועק צו חבר דראַכלער, דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פונ׳ם גאַנצען געגענד־קאָמיטעט, געהאַט טענות צו איהם פאַר זיין אַר־גומענט, וואָס האָט צוריקגעהאַלטען די אַרויסגעבונג פון די קאַסטענס אין צייט, און געפאָדערט, אַז ער מוז מיר אַרויסגעבען מיינע קאַסטענס, איידער די באָלשעוויקעס וועלען זיי צונעהמען. ער האָט געהייסען חבר באַנדער מיר אַרויסגעבען די קאַסטענס, אָבער יענער איז געווען, ראשית, אַ שרעקעדיגער (און מ׳האָט געמעגט מורא האָבען אין אַזאַ צייט) און שנית, אַ דיסציפּלינירטער און פּינקטליכער: ער האָט אונטערגעשריבען, אַז ער וועט ניט ריהרען און ער איז פאַראַנטוואָרטליך און ער וועט איצט קיינעם ניט פאָלגען.

איך האָב געזעהן, אַז ס׳איז אַ איד אַן עקשן און איך וועל מיט איהם גאָר ניט מאַכען, האָב איך פאָרגעשלאָגען אַ שפּיצעל־אויפטהו (טריק); נעמליך, איך וועל איהם אַרויסגעבען אַ קבלה מיט׳ן דאַטום פון צוריק מיט אַ טאָג, ד. ה., איידער די באָלשעוויקעס האָבען איהם געגעבען דעם אָרדער, אַזוי, אַז די קאַסטענס הייסען שוין אַרויסגעגעבענע. דעם פאָרשלאַג האָט ער אָנגענומען און איך האָב גענומען די קאַסטענס און אין אַ זעקעל האָב איך גענומען די איבעריגע עטליכע זאַכען, צווישען זיי קינדער־סאַנדאַלען, הילצערנע מיט בלעכלאך אַרומגעשלאָגען אַרום די פּאָדאָשוועס (סאָילס) און בין אַוועקגעפאָהרען. מורא האָב איך געהאַט, טאָמער נעמט מען מיך איבער אין שטאָדט. ווען איך האָב זיך שוין דערזעהן פון יענער זייט טורמע, וואו דער לעצטער באָלשעוויסטישער סאָלדאַט־וואַכמאַן איז געשטאַנען און געהיט דעם וועג, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט: געמיינט, אַז כ׳בין שוין אַרויס פון געפאַהר.

אָפּפאָהרענדיג אַן אַכט ווערסט ביז דער טראָגאָלניע, ערשט איך זעה סאָלדאַטען, אָהן ביקסען, בלויז אין סאָלדאַטסקע שיי־נעלען, געהען אין דער זעלבער ריכטונג, וואוהין איך פאָהר. דער־הערט אַ פוהר פאָהרען, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט וואַרטען זיך אַרויפצוכאַפּען אויף דער פוהר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין האָניג וועל איך שוין ניט לעקען, אָבער קיין אויסוועג איז ניט געווען.

איך האָב געמוזט פאָהרען גלייך צום לייב אין מויל אַריין. זיי האָבען זיך אַרומגעזעצט אויף דער פוהר פון אַלע זייטען און מיך אָנגעהויבען קיבעצען, אַז איך בין אַ ספעקולאַנט, פיהר אַוועק די סחורה פון קאַמענעץ, וואוהין די באָלשעוויקעס זיינען אַריין, כדי זיי זאָלען גאָר ניט האָבען, נעהענטער צו דער גרעניץ, צו די פעטליוראָווצעס און פאָליאַקען. איך בין זיי געוועהנליך ניט שולדיג געבליבען קיין ענטפער און הערוויל פרובירט אויסגעפינען פון זיי, וואָס פאַר אַ פייגעל זיי זיינען. נו, נו, קיין בעסערע „גדולה" האָב איך זיך ניט געקענט אָנפרעגען: דאָס זיינען סאָלדאַטען פון דער טאַראַשטשאַנסקע דיוויזיע, וואָס שטעהט אין גריידיג, אַ דרייסיג ווערסט פון אונזער שטאָדט, און זיי געהען עס אַהין אין שטאַב, נאָכדעם, ווי זיי זיינען באַפרייט געוואָרען פון פראָסקוראָווער טורמע פון פעטלוראַ'ס געפאַנגענשאַפט. ס'איז למשל ווי צו געהן קיין פילאַדעלפיע דורך אָלבאַני, אָבער אָט אַזוי האָט מען געפיהרט מלחמה. אָבער זייער איגנאָראַנטישקייט אין געאָגראַפיע האָט ניט גרינגער געמאַכט מיין לאַגע. זיי האָבען מיך געוואָלט בעהמען מיט זיך אין שטאַב צו די טאַראַשטשאַנצעס, וואָס ס'האָט געמיינט אַ זיכערער טויט, ווייל איך האָב געהאַט אין די קאַסטענס שטיוועל און הויזען און גראָבע ווינטער אונטערוועש, אַלעס נויטיג פאַר סאָלדאַטען, און ווען די טאַראַשטשאַנצעס דערזעהען נאָר די זאַכען, וואָס איך האָב אַרויסגעפיהרט פון קאַמענעץ, נאָכ'ן אַריינקום פון די באָלשעוויקעס, וואָלטען זיי שוין ניט געפרעגט קיין קשיות און ניט אָנגענומען קיין תירוצים, נאָר גלייך אויפ'ן אָרט געשאָסען אפילו אָהן אַ משפט. אַ מענשליך לעבען איז דעמאָלט געווען ביליגער פון אַ פליג. איך האָב אָנגעהויבען צו טענה'ן מיט דברים היוצאים מן הלב און זיי דערצעהלען, ווי אַזוי איך אַרבעט אומזיסט, אָהן געצאָלט, צו העלפען די פאָגראָמירטע פון פעטליוראַ'ן און געליטענע פונ'ם צאַר און זיי פאָרגעשלאָגען צו פאָהרען קיין גריידיג דורך אונזער שטאָדט און איך וועל אויסוואַרטען מיט עטליכע פון זיי הינטער דער שטאָדט און עטליכע זאָלען אריינגעהן אין שטאָדט און פרעגען וועמען זיי וועלען טרעפען, גויים, צי אידען, מענער, צי פרויען, צי אפילו קינדער, צי די מיליציע און אויב ס'איז ניט אמת אַלעס, וואָס איך הער־

צעהל זיי וועל איך פאָהרען מיט זיי קיין גריידיג צו זייער שטאָב. מיינע רייד האָבען געווירקט און זיי האָבען איינגעשטימט. דערווייל איז אַראָפּ איין סאָלדאַט פון פוהר און אַריינגעקוקט אין אַ שפּאַלט פון אַ קאַסטען און געזאָגט, אַז ער זעהט דאָרט פּאָדקאָוועס פון שטיוועל און ס'איז ווייטער געוואָרען אַ גערודער צווישען זיי. אַז איך בין מסתמא אַ פּעטליוראַ־שפּיאָן. דאָ האָב איך אַרויסגע־נומען פון זעקעל אַ פּאָר הילצערנע סאַנדאַלען מיט די בלעכלאך אַרום, זיי געוויזען און געפרעגט: „נו, דענקט איהר, אַז בור־זשויעס וועלען אָנטאָן אַזוינע הילצערנע סאַנדאַלען? זעהט איהר דען ניט, אַז ס'איז פאַר בלוטיגע אָרימע לייט און אָט די בלעכלאך זיינען עס די פּאָדקאָוועס, וואָס ער האָט געזעהן", און זיי האָבען זיך ווייטער איינגעשטילט. דערווייל איז אָנגעפאָהרען נאָך אַ ליידיגע פוהר מיט לייבוש שאַפּיראָ און איניגע סאָלדאַטען האָבען זיך אַרויפגעכאַפּט אויף יענער פוהר, אָנגעהויבען זוכען צווישען שטרוי און געפונען אַ האַלבען פוד (צוואַנציג פונט) זאַלץ. אַ נייער ויצעקו. אַלע אידען זיינען שפּעקולאַנטען און מסתמא בין איך שוין אויך בלויז אַ שפּעקולאַנט. שאַפּיראָ איז שוין געוועזען מעהר ׳ טויט, ווי לעבעדיג פון שרעק, ווייל פאַר אַזאַ קלייניגקייט האָט מען אויך געקענט באַצאָהלען מיט'ן לעבען. איך בין אַראָפּ פון פוהר און צוגעגאַנגען צו יענער ראָטעווען די סיטואַציע. „חברים, האָב איך גע'טענה'ט צו זיי, איז דאָס ביי אייך אַ שפּעקולאַנט, ווען אַ מענש שטעלט איין זיין לעבען און פאָהרט אין פראָנט־זאָנע צו ברייננגען צוואַנציג פונט זאַלץ פאַר אַזוינע אָרימע לייט, ווי מיר זיינען, אום צו פאַרדינען ברויט פאַר אַ פּאָר טעג פאַר זיינע קליינע קינדערלאך? וואָרים נאָך אַלעמען וויפיל האָט דען דאָס גאַנצע זאַלץ די ווערט? אפילו ניט קיין געבעקעל־ברויט פאַר אַ גאַנצער וואָך פאַר זיין פאַמיליע?" — איך האָב אַזוי לאַנג גערעדט, ביז זיי האָבען איינגעשטימט מיט מיר, אַז דאָס הייסט ניט קיין שפּעקולאַנט. דערווייל קומט אָן אַ רייטער־מרגל מיט אַ ביקס. זיי דערצעהלען איהם מיין גע־שיכטע און ער וויל עפענען אַ קאַסטען, אלא ניט מוז איך געהן אין שטאָב. איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז איך האָב ניט קיין רעכט צו עפענען די קאַסטענס, אָהן דער אָנוועזענהייט פון דעם

קאָמיטעט, נאָר אויב ער וויל, קען ער עס טהאָן, אָהן מיין ער־לויבעניש. ס'איז געווען אַ גורל־פראַגע, וואָס איך האָב געמוזט שוין וויסען. וועט ער אָנטרעפען אויף פרויען־זאַכען, בין איך פריי, וועט ער אָנטרעפען אויף שטיוועל א. ד. ג., וועל איך ביים וואַלד אַרונטערשפּרינגען און אַנטלויפען מיט'ן וואַלד אַהיים און ראַטעווען דאָס לעבען. דער סאָלדאַט האָט זיך גענומען מיט דער שפּיז פון דער ביקס אויפברעכען אַ ברעטעל פון אַ קאַסטען. ווען ער שטעכט מיך מיט דער שפּיז וואָלט מיך אפשר ניט אַזוי וועה געטאָן, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אויף אָפּצורייסען זיך. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן: אַ קליידעל! „עס ווייזט אויס, ס'איז אמת, וואָס ער דערצעהלט, לאָזט איהם פריי!" און וויל אָוועקפאָהרען מיט'ן קליידעל. „חבר, זאָג איך איהם, איך בין פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדער זאַך, וואָס וועט פעהלען. ווען עס איז אַ מלבוש וואָס דו דאַרפסט, ביזטו אַזאַ מיוחס ווי יענע אַרימעלייט, אָבער דאָס קליידעל גיב מיר צוריק."

ער האָט מיך געפאָלגט. לעבען דאָרף ניעגען, זיינען די סאָלדאַטען אַראָפּ, געכאַפּט צו זשמעניעס זאַלץ יעדערער און מיך געוואָרענט, אַז זיי וועלען קומען מאָרגען אין שטאָדט זיך אָנפרעגען אויף מיר.

## 48.

# פּטור געוואָרען פון די סאָלדאַטען מוז איך אויך פּטור ווערען פון די זאַכען

ווען איך בין פּטור געוואָרען, לעבען דאָרף ניעגען, פון די סאָלדאַטען, האָט זיך מיר נאָך אַלץ אויסגעוויזען, אַז זיי וועלען מיר נאָך נאָכיאָגען. ווען זיי וועלען אַריינקומען אין דאָרף און דערצעהלען די שיקסעס, אַז איך פיהר אַן אוצר מיט קליידלעך און בלוזעס, וועלען די שיקסעס זיי אָנרעדען מיר נאָכצויאָגען און מיך צו באַרויבען פון זייערט וועגען. דאָ איז דאָך ניט געווען אַזוי די פראַגע פון די עטליכע קליידלאַך, ווי, אַז עפּענענדיג די קאַס־טענס וועלען זיי דאָך טרעפען שטיוועל, הויזען א. ד. גל.

ווען מיר זיינען צוגעקומען אויפ׳ן שליאַך (הויפּט־וועג קיין גריידיג) צום וועג, וואו מ׳פאַרנעהמט זיך אין וואַלד אַריין צו אונזער שטאָדט און זיך אומגעקוקט, אַז קיינער לויפט אונז ניט נאָך, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט: ראשית בין איך פּטור געוואָרען פונ׳ם הויפּט־שליאַך, וואו עס האָבען געקענט אָנקומען אַנדערע סאָלדאַטען, און באַוואָפענטע נאָך דערצו. אין וואַלד האָב איך געהייסען דעם פוהרמאַן טרייבן די פערד אַביסעל שנעלער, כדי צו זיין, וואָס גיכער אין דער היים מיט דעם פגר, וואָס איך האָב געפיהרט מיט זיך.

אָנגעקומען אַהיים איז שוין געווען פרייטאָג פאַרנאַכט און האָב שוין ניט געקענט קלעהרען פון צוטיילען די סחורה. איך האָב אָבער באַשלאָסען, אַז מאָרגען בייטאָג מוז די סחורה צוטיילט ווערען. קיין קבלות האָב איך דאָך שבת ניט געקענט נעהמען, האָב איך באַדאַרפט, אַז דער גאַנצער קאָמיטעט זאָל אָנוועזענד זיין בשעת דער חלוקה, כדי אַלע פון קאָמיטעט זאָלען קענען אונטערשרייבען אַ קאָלעקטיווע קבלה. אָבער ווי אַזוי ברענגט מען דעם פאָרזיצער, משה בלאַנק, וועלכער איז געווען אַ פרומער און אַ חסיד, צו אַ זיצונג שבת? איך בין אַוועק צו איהם און איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און די פראַגע פון סכנות נפשות און פקוח נפשות, וואָס שטעקט אין דעם. טאָמער קומען די סאָלדאַטען מיט באַוואָפענטע סאָלדאַטען און טרעפען די טרפה׳נע סחורה און ער האָט איינגעשטימט צו קומען צו אַ זיצונג, אַבי מ׳זאָל ניט שרייבען גאָר ניט, בלויז אויסמאַכען פּעקעלאַך און זיי אַרויסגעבען און מוצאי־שבת וועלען מיר זיך צונויפקומען און לויט׳ן זכרון צוזאַמענשטעלען אַ צעטעל פון די אַרויסגעגעבענע סחורות. אַזאַ צעטעל לויט׳ן זכרון איז אונמעגליך געווען צו מאַכען, אָבער וועגען דעם האָב איך זיך ניט געזאָרגט. איך האָב אַוועקגעזעצט מיין ברודער, קלמן, אין מיין צימער, וועלכעס איז געווען אָפּגעטיילט פון דער זאַל מיט אַ טיר פון אַ שאַפע, (גע־דינט, אַלס באַהעלטעניש, ווען ס׳איז נויטיג געווען). איך האָב דאָ אין זאַל אויסגערופען אויף אַ הויך קול: דעם און דעם די און די זאַכען און ער האָט דאָרט פאַרצייכענט. פּטור געוואָרען מיט׳ן אויסמאַכען די פּעקלאַך, האָב איך באַפוילען יעדען, ער זאָל

גלייך קומען נעהמען זיין פּעקעל און אין אַ האַלבער שעה צייט בין איך פּטור געוואָרען פון דעם פּגר.

פון לייבוש ר׳ אברהמ׳לעס (שאַפּיראָ) און פון דעם טומעל פון אַרויסגעבען די פּעקלאַך אום שבת איז מען אין שטאָדט געוואָר געוואָרען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אויפ׳ן וועג און מ׳האָט אָנגעהויבען צו געהן צו מיר מיט פראַגען וועגען עצם־ענין און פאַר וואָס איך האָב נישט געבענשט קיין גומל.

יעדער האָט פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ געפאַהר איך בין געווען, סיי אין קאַמענעץ, אַרויסנעהמענדיג די סחורה, סיי אויפ׳ן וועג אַהיים.

איך אַליין האָב ערשט איצט, נאָך דעם ווי איך האָב זיך אויסגעטשוכעט פון דעם קאַשמאַר, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען אין די פאַר מעת־לעת, אַרומגעזעהן, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך בין באַגאַנגען, איינשטעלענדיג דאָס אייגענע לעבען ניט צו ראַטעווען אפילו יענעמ׳ס לעבען, נאָר צו פאַרזאָרגען יענעם מיט שמאַטעס.

מיר האָבען געלעבט אין אַ צייט, ווען מ׳האָט מאַנכעס מאָל ניט געקענט האַנדלען לויט׳ן פאַרשטאַנד און לאָגיק און געמוזט האַנדלען לויט די ברויזענדע, אין דעם מאָמענט, געפיהלען. אויפ׳ן מאָמענט אין קאַמענעץ האָב איך מיר ניט געקענט אויסמאָהלען ווי אַזוי איך קען איבערלאָזען די קאַסטענס, אַז די באָלשעוויקעס זאָלען זיי צונעהמען און, אַז ס׳וועט קומען הערבסט און די פרויען מיט די קינדער, און אפילו מענער, וועלען דאַרפען אומגעהן אין די קעלטען און די בלאָטעס נאַקעט און באָרפוס. און איך האָב געהאַנדעלט לויט דער מאָמענטאַנער סיטואַציע, וואָס איך האָב דורכגעלעבט און פאַר אַ שטיק צייט געמיינט, אַז איך האָב באַקומען אַ האַרץ־פעהלער פון דער איבערלעבעניש.

די סאָלדאַטען האָבען געהאַלטען וואָרט. זונטאָג זיינען זיי אַריינגעקומען אין שטאָדט אַריין, געפרעגט דעם נאַטשאַלניק מי־ליצע, אַ פאָר גויים און אַ פּאָר אידען, זיך איבערצייגט, אַז אַלעס, וואָס איך האָב זיי דערצעהלט וועגען מיין וואָוילטעטיגער אַרבייט, איז אמת, און זיי זיינען שוין אפילו צו מיר ניט געקומען, נאָר גלייך אָוועקגעפאָהרען פון אונז קיין גריידיג, צום שטאָב פון די

טאַראַשטשאַנצעס, וואָס בלויז דער נאָמען אַליין האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף פילע שטעדט.

אָבער מיט דער איינער איבערלעבעניש און מיט דעם איינעם דערשרעק בין איך נאָך ניט אָפּגעקומען. איך האָב מיר אָנגעפרעגט דעם אמת׳ן מפטיר מיט די זאַכען.

די באָלשעוויקעס זיינען שוין געהאַט אַנטלאָפען און די פעטליוראָווצעס אַריינגעקומען, אָפּגעשטאַנען אַ שטיקעל צייט און ווייטער אַנטלאָפען און די באָלשעוויקעס נאָכאַמאָל אַריינגעקומען. און איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסען אין דער גאַנצער געשיכטע.

אָבער די באָלשעוויקעס פאַרגעסען ניט. זיי זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ מאַסע פּוסטע־פּאַסניקעס, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אויסהיטען פון מיליטער־דינסט, צי סתם האָבען אַ מעגליכקייט צו קריגען אַ פּאַיאָק (אַ פּאָרציע עסען), ווייל ניט זייענדיג מאָבילי‌זירט ביי זיי צו וועלכער ניט איז אַרבייט, האָט מען קיין פּאַיאָק ניט געקענט קריגען, וואָס דאָס האָט פּשוט געמיינט: הונגערען.

אָט די פּוסט־און־פּאַסניקעס, פילע פון זיי בוך־ווערים, האָבען גענישטערט אַלע פאַרכאַפּטע פּאַפּירען, כדי צו באַווייזען, אַז זיי זיינען טעטיג און טאַקע דערוויל געזוכט פּריטשעפּקעס, וואו מען האָט נאָר געקענט געפינען אַזעלכע.

אין מיינע רעפּאָרטס צום געגענד־קאָמיטעט אין קאַמענעץ, האָבען זיי געפונען צוויי אַזעלכע פּריטשעפּקעס:

1) ניט געפונען קיין קבלות אויף די זאַכען, וואָס איך האָב אויסגעטיילט, בלויז אַ קאָלעקטיווע קבלה פון אונזער קאָמיטעט, וועלכע דער געגענד־קאָמיטעט האָט אנערקענט, אַלס גילטיג, אָבער זיי האָבען דאָס ניט געוואָלט אנערקענען.

2) אויך אַזאַ מין קאָלעקטיווע קבלה פאַר אַכט הונדערט ראַניש, וואָס דער קאַסירער אונזערער, רב מענדעל קיטאַי, האָט אַרויסגעגעבען, אויסגעליגען דער שטאָדט אַמאָל ביינאַכט בשעת אַ פּעטליוראַ אַנפאַל, ווען עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט צונויפצוזאַמלען געלט אין שטאָדט. נאָכהער האָט די שטאָדט געוועהנליך ניט געוואָלט אומקעהרען די אַכט הונדערט ראַניש.

כאָטש איך בין ניט געווען אין שטאָדט בשעת מעשה און

דער קאַסירער האָט קיין רעכט ניט געהאַט אַרויסצוגעבן דאָס געלט, אָהן מיין, סעקרעטאַר׳ס, אונטערשריפט. דאָך האָב איך זיך גערעכנט מיט דער לאַגע, אָנגעשריבן אַ באַריכט וועגן דער סיטואַציע און ערקלערט, אַז ס׳איז דאָך גלייכער מיט אַכט הונדערט ראַניש פון קאָמיטעט־געלט צו פאַרהיטען אַ פּאָגראָם, איידער דאַרפען נאָכהער העלפען די געליטענע פון די פּאָגראָמען, צוגעלעגט אַ קאָלעקטיווע קבלה פון גאַנצען קאָמיטעט, וועלכע דער געגענד־קאָמיטעט האָט אָנערקענט פאַר גילטיג און פאַרגעסען די גאַנצע געשיכטע.

די בוך־ווערים, האָבען אָבער אַרויסגעזוכט די צוויי פאַלען, איבערגעגעבען זיי צו דער טשעקאַ.

אין אַ שעהנעם ערב ראש־השנה, איז אַראָפּגעקומען צו אונז אַ טשעקאַ־טראָיקע: אַ שיקסע, אַ זונה, מיט אַ רעוואָלווער איינגעשטעקט אין פאַרטוך, (אַ סימן פון די אמת׳ע זונות מערדע־רינס־סאַדיסטקעס), אַ לאַנגער גוי, ווי עוג מלך הבשן, און אַ סטודענט, דר. באַרשטשעווסקי׳ס אַ ברודער.

.49

# איך בעט זיך ביי טשעקא זי זאָל מיך אַרעסטירען און זי וויל ניט

ווען די טשעקאַ־טראָיקע איז אָנגעקומען אין שטאָדט, האָט זי גלייך אַרעסטירט אונזער פאָרזיצער, משה בלאָנק, און דער קאַסירער, מענדעל רב (קיטאַי), האָט זיך שוין אויסבאַהאַלטען און זיי האָבען מיך אַרומגעזוכט. איך בין געווען אין מיהל, גע־שטאַנען אויף דער טיר, געקוקט צו דער שטאָדט און דערזעהן ווי מיין ברודער, קלמן, לויפט ווי פייל פון בויגען אין מיהל אַריין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשעהן אַ נייעס און איהם אַקעגען געלאָפען. „משה, דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז זאָלסט גלייך כאַפּען אַ פוהר און אנטלויפען קיין קופין זיך באַהאַלטען, ווייל משה בלאָנק זיצט שוין אין וואָלאָסט אַרעסטירט און וויינט, מענדעל רב האָט זיך באַהאַלטען און איצט זוכט מען דיך אַרום״.

„לויף צוריק און זאָג דעם טאַטען, אַז ער זאָל גאָר קיין מורא ניט האָבען. איך האָב קיינעם ניט דער'הרג'עט, קיינעם ניט באַ'גנב'עט און אַנטלויפען זיך באַהאַלטען איז ערגער. איך וועל באַלד אַהיים קומען און אַליין געהן צו דער טשעקאַ־טראַיקע. געה אַראָפּ אין וואָלאָסט, זאָג משה בלאַנק, ער זאָל זיך ניט זאָרגען . . . איך וועל באַלד קומען, הייסען איהם אַרויסלאָזען און מיר אַרעס־טירען אויף זיין אָרט".

אַרויפקומענדיג אין שטאָדט אַריין בין איך פריהער אַוועק אין וואָלאָסט אויספרעגען משה בלאַנק, וואָס מען וויל פון איהם, און וואָס ער האָט געזאָגט.

„מען וויל האָבען די אַכט הונדערט ראַניש, אלא ניט וועט מען אונז אַלע דריי שיסען דאָ אויפ'ן אָרט". ער האָט דערוייל געקראָגען אַ שטאַרקען נערווען צוזאַמענברוך און קען זיך ניט קאָנטראָלירען, און שרייט, אַז ער שטאַרבט און זיין פרוי, מינצי, באַוויינט שוין מיך, דעם גזלן, וואָס האָט איהם אַריינגעשלעפּט אין קאָמיטעט.

איך האָב זיך צולאַכט פון דעם פּוסטען איבערשרעק, זיי פאַרזיכערט, אַז איך געה גלייך צו דער טשעקאַ־טראַיקע, זיי ערקלעהרען די געשיכטע און מען וועט איהם גלייך אַרויסלאָזען, אלא ניט וועל איך זיך הייסען אַרעסטירען, מיך אויף זיין אָרט.

געקומען צו דער טראַיקא און דערזעהן די זונה מיט'ן רעוואָלווער איינגעשטעקט (ווי די באַקאַנטע פּאַניאַטשקא, וואָס האָט געשאָסען מענשען ווי מייז, אָט מיט אַזאַ רעוואָלווער) אין פאַרטוך, און דעם לאַנגגען גוי, האָב איך ערשט דערפיהלט, וואָס אַזוינס טשעקאַ מיינט. איך האָב אָבער פאָרט געהאַט אַ שטיקעל נחמה, וואָס דער דריטער, דער סטודענט, איז אַ ברודער פון דר. באַרשטשעווסקי, אונזערער אַ פריינט. איך האָב גענומען איינ־טענה'ן מיט איהם יושר, ווייס איך וואָס ? „הנח את המכר": לייג אַוועק די אַכט הונדערט ראַניש, אלא ניט מאַכען מיר גלייך אַ טריבונאַל און מען שיסט אייך. „סטייטש, גזלן, אַרעסטיר מיך און שיק מיך קיין קאָמענעץ, דאָרט וועל איך אויסזוכען אין דעם געגענד־קאָמיטעט די קאָלעקטיווע קבלות וועגען דעם. ער האַלט זיך ביי זיינעם: מיר מוזען צושטעלען די אַכט הונדערט

ראַניש און בלאַנק׳ן וויל ער ניט אַרויסלאָזען און מיך וויל ער ניט אַרעסטירען.

איך מאָהן די שטאָדט די אַכט הונדערט ראַניש וואָס זיינען שוין געווען דעמאָלט לויט׳ן קורס אַ היבשע סומע, און זיי לאַכען זיך אויס. משה בלאַנק שרייט דערווייל געוואַלד, אַז ער שטאַרבט. ער גיט זיין חלק, מענדעל רב גיט זיינס און מיין פאָטער שטימט שוין איין צו געבען פאַר מיר מיין חלק, אָבער דאָ שווימט אַרויף אַן אַנדערע פראַגע: ביי די באָלשעוויקעס טאָר קיין אַנדערע וואַליוטאַ (געלט), חוץ זייערע, ניט זיין און פאַר אַנדערע וואַליוטאַ, אַז מען געפינט ביי עמיצען, ווערט ער גלייך אויפ׳ן אָרט דער־שאָסען, איז ווי זשע קענען מיר געהן געבען די אַכט הונדערט ראַניש? ערשט דעמאָלט קען מען דאָך אונז ערשט שיסען. און געזעצליך דערצו!

הכלל, איך בין נאָכאַמאָל אַוועק צו דער „טראָיקאַ", אַנגעהויבען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן סטודענט, אַז ראשית איז ניט קיין יושר צו מאָהנען ביי אונז די אַכט הונדערט ראַניש, וואָרים מיר אַרבייטען אַלע אומזיסט, פאַר וואָס זשע זאָלען מיר ליידען? מיר האָבען דאָך געגעבען דאָס געלט צו ראַטעווען די שטאָדט פון די פעטליוראָווצעס. און שנית, אויב מיר מוזען שוין יאָ אַוועקגעבען די אַכט הונדערט, ווען מיר איהם געבען אַכט הונדערט סאָוועטישע רובעל. ווי אַזוי קאָנען מיר איצט קריגען ראַנישען, אַז מען טאָר זיי ניט האָבען"?

פאַר אַ אידען איז עס אַ פיינע טענה, האַ?

„ס׳וועט אייך גאָר ניט העלפען, זאָגט ער צו מיר. איהר מוזט שאַפען די ראַנישען און איהר האָט גאָרניט וואָס מורא צו האָבען פאַר דער וואַליוטאַ־פראַגע".

דערווייל טהוט ער מיך אַ פרעג שטילערהייט: „חבר חכם, אפשר קענסטו קריגען פאַר אונז אַ שטאָפיקעל בראַנפען?"

צוערשט האָב איך געמיינט, אַז ער זוכט עפעס צו האָבען אַ נייעם בלבול געגען מיר, ווייל קיין בראַנפען האָט מען אויך ניט געטאָרט פאַרקויפען, אָבער באַלד האָב איך זיך שנעל באַ־

רעכענט, אַז פֿאַרקעהרט, דערמיט וועל איך גאָר האָבען אַ בייטש געגען זיי, ווייל קאָמוניסטען טאָרען ניט טרינקען. „איך וועל דיר צושטעלען בראָנפּען, ווען מיך נאָכהער אַרעסטירען, פאַר'ן בראָנפּען, האַ?". „דאַיו וואָס מאַיאַ טשעסטנאַיע סטודענטשעס־קאָיע סלאָוואָ" (איך גיב דיר מיין עהרען סטודענטען־וואָרט).

איך בין אַוועק און באַלד זיך אומגעקעהרט, פאַרזיכטיג אָוועקגעשטעלט דאָס פלעשעל ביי דער טיר, ער זאָל ניט באַמערקען, און איהם געזאָגט, אַז מען קען ניט קריגען. „העי, ביזט אַ טרוס," זאָגט ער צו מיר. „אַז איך פאַרזיכער דיך האָסטו ניט באַדאַרפט מורא האָבען". „אויב דו ביסט אַ פיינער מענש, וועט שוין אַ מלאך דיר ברענגען אַ פלעשעל. זעה נאָר ער זאָל עס ניט אויסטרינקען, איידער דו געפינסט עס".

ער האָט פאַרשטאַנען די אַנצוהערעניש און געכאַפּט אַ קוק אַרום און עס דערזעהן. „איצטער זעה איך, אַז דו ביזט אַ פיינער מענש". „זיי זשע דו אויך אַ פיינער מענש און נעהם ביי מיר סאָוועטישע רובעלס" — האָב איך גלייך אויסגענוצט די געלעגענהייט.

„דאָס קענען מיר ניט. מיר האָבען אָרדערס צו נעהמען נאָר אַזאַ געלט, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרען פון דער קאָסע".

„נו! און וואָס איז מכח דער וואַליוטאַ־פּראַגע?" „דאָס האָסטו גאָר ניט וואָס מורא צו האָבען. איך גאַראַנטיר דיר, אַז מיר וועלען אייך גאָר ניט טאָן דערפאַר און טאָמער זאָל אייך אימיצער נאָכהער פרעגען, קענסטו זאָגען, אַז דאָס ליגט ביי אייך אָנגעגרייט נאָך פון דעמאָלט, אין פאַל טאָמער מאָהנט מען אייך צוריק דאָס געלט, וואָס איהר האָט ניט געטאָרט פאַרנוצען פאַר אַנדערע צוועקען, ווי בלויז פון אייער קאָמיטעט".

דער תירוץ איז מיר טאַקע געפעלען געוואָרען און איך האָב גלייך אַרויסגענומען די אַכט הונדערט ראַניש, זיך געהייסען געבען אַ קבלה און צו שיקען תיכף באַפרייען משה בלאָנק.

פטור געוואָרען פון דער צרה, פרעגט ער מיך ערשט. „נו, און וואָס איז מכח קבלות פאַר די זאַכען? פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען קיין קבלות פאַר זיי?" „פאַרשטעהסט ניט? די פּעט־ליוראָוועס האָבען זיך דערנעהענטערט, האָב איך מורא געהאָט

זיי זאָלען ניט פאַרכאַפּען די זאַכען, האָב איך זיי שנעל אויסגעטיילט, אָבער איך האָב אַ צעטעל פון די אַלע מענשען, אויסגערעכענט, וואָסערע זאַכען יעדער האָט געקראָגען, קענסטו געהן זיי פרעגען און זיך איבערצייגען". „גוט, ברענג מיר דאָס צעטעל". „מאָרגען פריה וועל איך דאָס ברענגען". איצט ווי אַזוי קריגט מען דאָס צעטעל? ס'איז שוין געווען נאַכט, דאָס צעטעל איז געלעגען ער־געץ וואו אויפ'ן בוידעם, איינגעשטעקט צווישען די טשערעפּעס און וואו, האָב איך ניט געדיינקט און מיט קיין ליכט ביינאַכט האָט מען ניט געקענט געהן, וויל צומאָרגענס, צי אפשר נאָך ביינאַכט, וואָלט מען שוין געקומען פאַר אַ זוכונג און מען האָט נאָך געקענט געפינען געוויג זאַכען, פאַרוואָס צו באַשטראָפען, צי שיסען אַפילו, אַ האַלבען פוד זאַלץ, הענגענדיג אין קוימען, אַ פוד צוקער אונטער'ן אויווען, אַ פאַר פוד מעהל, צווישען האָלץ און ד. ג.

די גאַנצע נאַכט בין איך אַזוי אַרומגעגאַנגען אין דער פינס־טער אויפ'ן בוידעם, דורכגעטאַפּט אַלע טשערעפּעס פון דעם לאַנגען, זעכציג מעטערדיגען דאַך (צוויי זייטען) און ערשט אַרום פינף אין דער פריה האָב איך געפונען דאָס צעטעל. (איר־גענד וועלכעס צעטעל מיט נעמען האָט געקענט פאַררעכענט ווערען סיי ביי די פעטליוראָווצעס, סיי ביי די באָלשעוויקעס, אַלס מי־ליטערישע אָרגאַניזאַציע און דעריבער האָבען אַזוינע צעטלען ניט געטאָרט ליגען צו דער האַנד). איך בין שוין געווען טויט מיד און האָב אַריינגערופען דעם שכן, זיידע, צי פיני, שפּיאָלטער און אים געהייסען אָפּשרייבען אַ קאָפּיע, טאָמער נעהמט ער צו דאָס צעטעל, און איך האָב זיך אַביסעל צוגעשפּאַרט אין אַנטועכץ, און זיבען אַזייגער האָב איך דאָס צעטעל צוגעטראָגען צו דער טראָיקע.

ער האָט דאָס צעטעל צוגענומען, אָבער קיינעם ניט געגאַנגען פרעגען. אַנטלויפענדיג פון די באָלשעוויקעס און זייענדיג שוין אין גאַליציע איז מיר ערשט פאַרענטפערט געוואָרען דער מדרש־פּלאָ. די טראָיקע איז אַרומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, אומעטום געפונען אַנדערע תירוצים זיך צו טשעפּען, צונויפגע־זאַמעלט ראַנישען מיט ניקאָלאַיעווסקי געלדער, שווערע טויזענדער, און מיט דעם אַנטלאָפען קיין גאַליציע.

.50

# מיין פאָטער ראַטעוועט אונז פון שמואל קאַטער און פון פוילישן קאָמענדאַנט

אין אַלע צייטן, סיי בשעת מלחמה אונטער ניקאָלאַיען, סיי בשעת דער ממשלה פון די פּעטליוראַווצעס און באַלשעוויקעס, האָבן מיר ניט אָפּגעשטעלט אונזער קולטור־תרבות׳יסטישע אַרבייט, ווי שולען, ביבליאָטעקען, לעקציע־אָוונטען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען און אויך ניט, די ציוניסטיש־פּראַקטישע אַרבייט, ווי פאַרקויף פון שקלים און קרן־קימת־מאַרקעס.

איך האָב זיך צו געלט־ענינים קיינמאָל ניט צוגעריהרט, דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון מיין חבר, אייזיק פרעהליך, וועלכער איז געווען דער קאַסירער פון אונזער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

מיינער אַ ברודער, יואל, און ער זיינען בשעת די באַלשעוויקעס האָבן זיך געפונען ביי אונז אין שטאָדט אַרויסגעגאַנגען פאַרקויפן שקלים, צי קרן־קימת־מאַרקעס. שמואל קאַטער האָט עס באַמערקט, זיי נאָכגעשפּיאָנירט און ווען ער איז שוין געווען זיכער, אַז ער קען זיי פאַקען ביי דער האַנט מיט די באַווייזען, האָט ער זיי אָפּגעשטעלט אין מיטען מאַרק און ערקלערט זיי אַרעסטירט. דער דאָזיגער שמואל קאַטער איז ניט געווען ניט קיין מיליציאָנער און ניט קיין אַנדער מין מאַכער, נאָר ראשית, האָט מען ביי די באַלשעוויקעס ניט געדאַרפט זיין אַזעלכער אימיצען צו אַרעסטירען און אפילו צו שיסען, און, שנית, האָט ער באַזעסען אַזאַ גרויסען פּיסק (מויל), אַז אַלע האָבן פאַר איהם מורא געהאַט נאָך אַפילו אין ניקאָלאַי׳ס צייטען. אַליין איז ער גראָדע ניט אַזאַ גבור און יעדער מיטעלמעסיגער קרעפטיגער מאַן איז בכוח געווען מיט איהם זיך צו ספּראַווען. ער האָט אָבער געהאַט אַ קול — שאגת־ארי און פלעגט שרייען נאָך העכער אַפילו ווי זיין קול האָט איהם ערלויבט, און דערמיט האָט ער אַנגעוואָרפען אַ מורא. נו, אַז ער האָט זיי ערקלעהרט אַרעסטירט, איז ווען זיי שטעלען זיך אַנטקעגען, וואָלט ער אַזוי געשריען, אַז עס וואָלט שוין געקומען ווער עס באַדאַרף. האָט מיין ברודער אָנגענומען אַן אַנדער טאַקטיק, ער האָט אַ וואונק געטאָן מיין חבר, ער

זאָל זיך מיט איהם אויס׳טענה׳ן אַביסעל און ער איז אַוועק צו מיין פאָטער און איהם דערצעהלט די געשיכטע.

מיין פאָטער האָט שוין איינמאָל געהאַט צרות מיט אונזער ציוניסטישער טעטיגקייט. דאָס איז געווען ווען די פּאָליאַקען זיינען אַריינגעקומען צוזאַמען מיט די פּעטליוראַוועצעס און גע־וואָרען בעלי־בתים ביי אונז אין שטאָדט. זיי האָבען געמיינט, אַז זיי וועלען ווערען שותפות — בעלי־בתים איבער גאַנץ אוקראַינע, אָדער לכל הפחות איבער פּאָדאָליער גובערניע, וואו עס וואוינען אויך פּאָליאַקען און וועלכע איז פאַררעכענט אַלס אַ פּוילישער געגענד. ווען דער קאָמענדאַנט איז אָנגעקומען צו אונז אין שטאָדט האָט ער זיך בּאַראַטען מיט די פּאָליאַקען פון די אַרומיגע דערפער, זיי זאָלען איהם רעקאָמענדירען דעם בעסטען בלאַגאָנאַדיאָזשנעם (פאַרלעסליכען) אידען איהם צו באַשטימען אַלס בירגער־מייסטער פון שטאָדט, און די גויים האָבען איהם רעקאָמענדירט מיין פאָטער. ס׳האָט ניט לאַנג גענומען און דער קאָמענדאַנט איז געוואָהר גע־וואָרען, אַז מיין חבר, פרעהליך, און איך, זיינען די הויפּט־מאַכער פון אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאַמעלט געלט. ביי איהם איז דאָס ניט אַנדערש, ווי אַן אָרגאַניזאַציע צו שטיצען די באָל־שעוויקעס. מיר זיינען אָבער באַצייטענס געוואָהר געוואָרען, אַז מ׳וויל אונז אַרעסטירען און מיר האָבען זיך דערוויילּ אויסגעהיט, אָבער ס׳איז דאָך קיין תכלית ניט געווען אַזוי צו לעבען, ספּעציעל אונטער די פּאָליאַקען, וועלכע פלעגען שמייסען און ממית׳ן נאָך ערגער פון די פּעטליוראַוועצעס.

מיין פאָטער איז אַרויפגעגאַנגען צום קאָמענדאַנט, איהם דערצעהלט, אַז איינער פון די געזוכטע (איך) איז זיין זוהן, ער־קלעהרט דעם גאַנצען ענין פון אונזער אַרבייט, געגען וועלכער ער איז אויך, ווייל פרומע אידען וואַרטען גאָר אויף משיח׳ן, ער זאָל זיי פיהרען קיין ארץ ישראל, אָבער דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט פּאָליטיק און די געלט־זאַמלונגען באַשטעהען אין גראָשענס, וואָס האָבען קיין ווערט ניט און דעריבער דאַרף ער זיך ניט איינ־טערעסירען גאָר מיט אַזאַ קלייניגקייט און מיט אַזאַ אַרבייט, וואָס צוציקעס טהוען און, אַז ער קען פרעגען אירגענד וועלכען פּאָליאַק אויף מיר און מיין חבר און זיי וועלען איהם זאָגען, אַז מיר

זיינען בלאַגאָנאַדיאָזשנע (פֿאַרלעסליכע) בחורים. זעלבסטפֿאַר־שטענדליך, איידער ער איז געגאַנגען רעדען צום קאָמענדאַנט, האָט ער פריער אַריינגעשיקט דעם קשאָנדז (פוילישער גלח) און עטליכע גרויסע בעלי־בתים פון די פּאָליאַקען צו רעדען מיט איהם וועגען דעם.

צוערשט האָט ער גע'שרפ'עט און געשריען, אַז דערפֿאַר, וואָס מיר טהוען אַזאַ זאַך אין קריגס־צייט, קומט אונז צו שיסען, אָבער נאַכהער, אַז ער האָט שוין גוט אָפּגעשריען, איז ער געוואָרען ווייכער און געזאָגט מיין פֿאָטער, אַז ס'איז אונזער הצלחה, וואָס ער איז אַ בירגער־מייסטער און זיין זוהן איז פֿאַרמישט דעריבען, וועט ער אונז צורוה לאָזען, ווען ניט, וואָלט מען אונז געשאָסען. ביי די באָלשעוויקעס האָט מיין פֿאָטער פֿאַרשטאַנען וועט מען קיין זכות ניט קענען נוצען און מ'מוז האַנדלען שנעל. אַנדרעי נאַראָלסקי, אַ געוועזענער שומר־וואַכמאַן פון אונזער מיהל, איז גראָד דעמאָלט געווען ביי אונז אין הויז, האָט ער איהם ארויסגעשיקט צו שמואל קאָטער.

נאַראָלסקי איז גלייך צוגעלאָפען צו שמואל־קאָטער, איהם ארומגעכאַפּט און געזאָגט מיין חבר, ער זאָל זיך אָפּטראָגען. שמואל קאָטער האָט געוואָלט אָנהויבען שרייען, האָט איהם נאראָלסקי געוואָרענט, אַז אויב ער וויל נאָך האָבען די פּאָר פערד, (ער איז געווען אַ בעל עגלה), זאָל ער האַלטען דאָס מויל, אלא ניט וועט ער מאָרגען האָבען אַ גע'פגר'ט פערד.

דעם אַרגומענט האָט ער גוט פֿאַרשטאַנען, ווייל ניט איינמאָל פלעגען זיך שונאים אָפּטאָן אַזוינע שפּיצלאך, פֿאַר'סם'ען דעם צווייטענס פערד, ד. ה. די פרנסה זיינע.

דעם שמואל קאָטער איז אָבער ניט געווען קיין חילוק, אויף וועמען צו שרייען און וועמען צו טאָן רשעות, אבי ער זאָל קענען אויסנוצען זיין גיפטיגקייט און גאַליגקייט.

איך אַליין האָב זיך מיט איהם באַנוצט אַ פּאָר מאָל.

ווען מיר האָבען געהאַט די זעלבסט־שוץ, האָבען מיר געמוזט אָנהאַלטען אַ כסדר'דיגע נאַכט־וואַך, פון וואָלונטירען געוויינליך, דאָס רוב פון וועלכע זיינען געווען אָדער אָרימע אַרבייטער, אָדער סתם אָרימע אינגלאך, ניט קיין פֿאַרדינער. האָט מען זיי דאָך

געמוזט אונטערליינען זייער האַרץ מיט אַ גלעזל טיי און אַ קיכעל. האָבען מיר געמאַכט אַ בודזשעט און צושטעלט — אַרויסגעלעגט אויף יעדען בעל־הבית פון שטאָדט. אונזער שכן, בעני וואלאך, גראַדע אַ איד אָן עושר, אָבער אַ חזיר און אַ איד אַ גיבור דערצו, האָט ניט געוואָלט געבען זיינע פּאָר רובעל. מיר איז ניט גע־גאַנגען אַזוי אין די פּאָר רובעל, ווי אין דער סאַטיספאַקציע, וואָס הייסט אַ איד זאָל זיין אַ פּרוש מן הצבור, ווייל ער מיינט, אַז ער איז אַ שטאַרקער? איך האָב איהם געוואָרענט און ער האָט מיך געהערט ווי דעם קאָטער. נו! האָב איך גענומען צו איהם שמואל קאָטער מיט נאָך אַ פּאָר בחורים, פון דער נאַכט־וואַך און אַריין צו איהם שפּעט אין אָוועגט. „הרב בעני, זאָג איך צו איהם, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך קום צו אייך. אָדער איהר גיט די פּאָר רובעל, אָדער מיר וועלען אַליין נעהמען". „וואָס מיינסטו? דו וועסט מיך ראַבעווען?" — האָט ער געשטורעמט מיט כעס. „איך פרעג אייך, איהר גיט צי ניט"?

„ניין" — האָט ער געענטפערט קאַטעגאָריש. „שמואל, נעהם אַ זעקעל מעהל". שמואל האָט קיין סך שהיות ניט געמאַכט, געכאַפּט אַ זעקעל מעהל אויף די פּלייצעס און מיר זיינען אַוועק. בעני איז אַרויס אין גאַס און געשריען געוואַלד, אַז משה חכם ראַבעוועט איהם. איינינע שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפען און געלאַכט פון דעם שפּיצעל און ער האָט געהאַלטען אין שרייען: געוואַלד. איך האָב שוין צו איהם ניט געוואָלט רעדען, האָב איך געזאָגט מיין פּאָטער, ער זאָל איהם וואָרענען, אַז אויב ער וועט ניט אויפהערען צו געוואַלדעווען און אויפוועקען שלאָפענ־דיגע מענשען, וועל איך גלייך אַריינגעהן און נעהמען נאָך אַ זעקעל.. דאָס האָט געווירקט און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

מיר האָבען געהאַט אַ פּראָבלעם מיט פאַרקויפערס פון בראַנפען, דאָס רוב פון וועלכע זיינען געווען אלמנות, צי פרויען, וועמענס מענער זיינען געווען אין אַמעריקא, אָפּגעריסען פון זיי, ווי היינדע משה סאַטאַניוער און יענטע ברוך'ס. דער בראַנפען איז אָבער געווען אַ געפאַהר, ווייל שכור'ע גויים און סאָלדאַטען, צי רעקרוטען, האָבען אַלע מאָל געקענט ברייננען צו אַ פּאָגראָם. מיר האָבען פאַרזאָגט די פאַרקויפער צו פאַרקויפען בלויז צו

היימישע בעלי־בתים און ניט צו־פיעל. מנשה דער יוסיכעס, גלע־זערמאַן, אָבער, מיין באָבעס שכן, האָט געשפּילט אין תקיפות געגען מיר און ניט געפּאָלגט. איך האָב איהם אַזוי לאַנג גע־וואָרענט, ביז איך האָב געמוזט באַנוצען שמואל קאַטער און אויס־גיסען דעם בראַנפּען. אַז איך בין געקומען אין קלויז אַריין, האָט דער מנשה געשריען: „אַט געהט ער דער גזלן: ער איז ערגער פון ניקאָלאַי'ס קאָנטראָלער", און דער עולם, און איך מיט זיי, האָבען אַלע געלאַכט. שמואל קאַטער איז געוואָרען ביי די באָלשעוויקעס אַ דירעקטאָר פון דער שטאָדט־באַנק, און אַזוי לאַנג געבאַנקירעוועט ביז מ'האָט איהם פאַרשיקט קיין סיביר. אַזאַ גרוס האָט מען מיר אָפּגעגעבען.

### 51.

## איך מאַך אַ טעאַטער קעגען טשאָרטקאָווער קלויז און מיין פאָטער האָט געבּרענטע צרות

איך האָב געזעהן, אַז די באָלשעוויקעס קומען אַלע מאָל אַריין מיט גרעסערע כחות און כאָטש פּעטליוראַ פאַרטרייבט זיי אַלע מאָל, פאַרטרייבט ער זיי אָבער אַלע מאָל אויף אַ קלענערען שטח צוריק, אַזוי אַז איך בין געווען זיכער, אַז זיי וועלען סוף כל סוף פאַריאָגען די פּעטליוראָווצעס. ביי די באָלשעוויקעס האָט מען געמוזט ווערען זיי׳ערער אַ מענש, אין דער אַרמיי, צי אין טשעקאַ (געפּעאו), אָדער אויפ'ן קולטור־פראָנט, אלא ניט האָט מען ניט געקענט קריגען קיין פּאַיאָק (אַ פאַרציע עסענוואַרג, וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע דעמאָלט), מען האָט געשלעפּט אויף צוואַנג אַרבייט א. ד. גל. טיילוויז איז דאָס אויך גילטיג געווען ביי פּעטליוראַ'ן. נו, האָב איך נאָך אונטער פּעטליוראַ'ס ממשלה, ערקלעהרט מיין פאָטער דעם ענין און אָנגעוויזען, אַז כדי צו ראַטעווען אונזערע ברידער, שוואָגער און קאָזינס פון דער אָנקומענדער לאַגע־געפאַהר, מוזען מיר באַצייטענס, נאָך אידער די באָלשעוויקעס קומען אַריין אויף שטענדיג, שאַפען אַ טעאַטער מיט אַ כאָהר מיט אַ מוזיק קאָמאַנדע, כדי צו קענען זיי אויס־

באַהאַלטען אונטער דעם קולטור־פּראָנט פאַרטוך. מ׳מוז צע־וואַרפען די ווענטלאך פון אונזער הינטערשט הויז און מאַכען דערפון אַ טעאַטער. דאָס האָט איהם וויניג געקימערט און איך האָב עס געטאָן.

דאָ האָט זיך אָבער אויפגעהויבען אַ ויצעקו אין דער טשאַרט־קאָווער קלויז: סטייטש, איך זאָל גאָר מאַכען אַ טעאַטער קעגען דער קלויז. היתכן? ערקלעהרען דעם צוועק האָט מען ניט געטאָרט, און ס׳איז עפּעס אויסגעקומען ביי די חסידים, ווי איך בין אַרויס ל׳תרבות רעה. בפרט, אַז עס איז אונז אויסגעקומען צו שפּילען אויך אוקראַיניש טעאַטער, אַ זאַך וואָס האָט מיר געגעבען אַ גרויסען איינפלוס בשעת פּעטליוראַ׳ס אַריינקום, קעגען וועמען איך האָב אַרויסגעשיקט די אוקראַינישע אינטעליגענץ איהם צו ערקלעהרען, וואָס פאַר אַ גוטע אוקראַינצעס מיר זיינען, אַז מיר שפּילען אַפילו אוקראַיניש טעאַטער.

צו די פאָרשטעלונגען אין אוקראַיניש זיינען דאָך געוויינליך געקומען שקצים מיט שיקסעס. איז מה־דאָך די חסידים פלעגען געוואַלדעווען געגען שפּאַציר פון בחורים מיט מיידלאך, בפרט נאָך שקצים מיט שיקסעס? און וואו? קעגען זייער קלויז! איז מיר, האָבען זיי דאָך ניט געקענט זאָגען גאָר ניט, אָבער מיין פאָטער פלעגען זיי טאָן אין טויט אַריין און ער האָט נעבעך געמוזט זיין איין עפּענטליכער מאַראָן: געמוזט ליידען און שווייגען.

דערפאַר אָבער אַז די באָלשעוויקעס זיינען אַריין און שוין פאַרבליבען און מען האָט אָנגעהויבען צו מאָביליזירען די יוגענט און איך מיט מיין גאַנצער חבריא, עטליכע צעהנדליג בחורים און מיידלעך, זיינען ערקלערט געוואָרען אַלס פּראָנטניקעס (פון קולטור־פּראָנט) און באַפרייט געוואָרען פון אַלע צרות און נאָך געקראָגען אַ פּאַיאָק דערצו, דעמאָלט ערשט, האָבען די חסידים, די אַלע שרייערס, פאַרשטאַנען, וואָס דער אויפטהו איז געווען און זיינען שוין געקומען מיך בעטען, איך זאָל אַריינבעהמען אויך זייערע קינדער. איינינגע האָבען אפילו געסטראַשעט מיט מסירה. דאָס זעלבע האָב איך געהאַט מיט די בונדאָווצעס (אַ קעגען אַ טוצען). איך האָב געוועהנליך אַריינגענומען אין אַלע 3 אָפּטיי־לונגען אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער, בחורים און מיידלעך, אָבער די

בונדאָווצעס האָבען דעמאָלט ניט געוואָלט געהן צוזאַמען מיט אונז, ציוניסטען־בורזשויעס, און איך בין געווען צופרידען, וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט: אויף זייער אָרט האָב איך בעסער אַריינ־גענומען אַרבייטער, ציוניסטיש־געשטימטע. די בונדאָווצעס האָבען נאָך חרטה געהאַט איידער די באָלשעוויקעס האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף שטענדיג, ווייל זיי זיינען פשוט געווען אייפערזיכטיג; זיי האָבען אויך געוואָלט זיין אַקטיאָרען און כאָריסטען און מוזיקאַנטען. איז פריהער האָב איך זיי ניט געהערט, אָבער שפּעטער, בשעת דעם אָפּשטעל פון די באָלשעוויקעס אויף שטענדיג, זיינען זיי שוין געוואָרען אַ געפאַהר פאַר מיר, אויב זיי זאָלען מיך פאַר־מסר'ן. איך האָב דאָך אָבער ניט געקענט אַריינעמען די גאַנצע שטאָדט בחורים און מיידלאך, בפרט נאָך דעם, אַז די באָלשעוויקעס זיינען שוין געווען: דאָס וואָלט דאָך געווען אַ בולט'ער באַווייז, אַז עס איז געטאָן געוואָרען מיט אַ כוונה. אָבער פון דער שווערער סיטואַציע האָט מיך געראַטעוועט אַ טשעקיסט, משה קעסטין, פון גריידיג. ער איז געקומען צו מיר און מיר פאָרגעשלאָגען, אַז מיר זאָלען דורכפיהרען: דעם מטורף. איך האָב אָנגעשמעקט אַז ער האָט אַ שוואַכקייט צו אַקטיאָרסטוואָ און צו רעזשי, האָב איך איהם פאָרגעשלאָגען צו ווערען דער רעזשיסער פון דער אידישער אָפּטיילונג און מיר לאָזען די העברעאישע און אוקראַי־נישע. ער האָט אויפגעלויכטען פון מיין פאָרשלאָג. אַז ער האָט געזעהן, אַז איך בין אַ גוטער פריץ, האָט ער זיך שוין איינגעשטעלט פאַר די עטליכע בונדאָווצעס איך זאָל זיי אויך אַריינעמען. „דאָס לאָז איך שוין צו דיר, האָב איך איהם געזאָגט, אויב דו פאַר־שטעהסט, אַז מיר וועלען ניט האָבען קיין צרות, וואָס מיר נעמען זיי ערשט איצט אַריין, בין איך מסכים". ער האָט עס גענומען אויף זיך, אַלס טשעקיסט, און עס איז געוואָרען שלום ושלוה. געטאָן איהם אַזאַ טובה, האָב איך שוין געפאָדערט אַ טובה פון איהם בנוגע דעם טעאַטער־בילדינג.

אונזער הויז איז צו־קליין פאַר דער פאַרצווייגטער טעטיג־קייט. ביז איצט, בשעת פעטליוראַ'ן, האָב איך ניט געהאַט קיין ברירה, אָבער איצט קען ער דאָך קאָנפיסקירען אַ פלאַץ פאַר אַ טעאַטער. „אַבסאָלוט"! ער איז גלייך אַוועק אין וואָלאָסט (אין

רעווקאָם — רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט) גענומען אַ פּאָר מוש־טאָליערס, אַוועק צום קסיאָנדזש, קאָנפיסקירט ביי אים אויף זיי־נעם אַ גאָרטען אַ גרויסע סטאַדאָלע (תבואה־שפּייכלער) און מיר האָבען אַריבערגעטראָגען דאָס טעאַטער אַהין. איך האָב גלייך פאַרבויעט דאָס הויז און צוריק געמאַכט דערפון אַ וואוינונג און עס פאַרדונגען און אַזוי אַרום איז די טשאַרטקאָווער קלויז, און מיר אַליין, פּטור געוואָרען פון טעאַטער, וואָס איז באמת געווען אַן אַנשיקעניש פאַר אונז אַלע מיט׳ן טומעל דורך די נעכט.

אַזוי ווי איך האָב דערמאָנט דעם משה קעסטין אַלס טשע־קיסט און ווייס וואָס פאַר אַ מיינונג מען האָט וועגען טשעקיסטען, איז ניט מעהר ווי רעכט, איך זאָל פון איהם אַראָפּנעמען די שאַנדע פון זיין אַ טשעקיסט, בפרט, אַז ער איז שוין אַ געשטאָרבענער (ער איז געשטאָרבען אין ניו יאָרק פון שווינדזוכט). ער איז געווען אפשר איינער, צי איינער פון די גאָר ווייניגע, וואָס האָבען עס געמיינט ערנסט, אַריינטרעטענדיג אין טשעקאַ, און געווען עהרליך, און במילא האָט מען שוין מיט אַזוינע טשעקיסטען גע־קענט אויסקומען. זיי אַליין האָבען אָבער ניט געקענט אַריבער־טראָגען דאָס מערדעריי פון די איבעריגע טשעקיסטען און זייער פאַלשקייט, און האָבען דאָס אויפגעגעבען, אייניגע דורך באַגעהן זעלבסטמאָרד און אַנדערע דורך אַנטלויפען איבער דער גרעניץ. עס איז ביי אונז אין הויז איינגעשטאַנען אַ טשעקיסט, אַ גוי, אַן עהרליכער, און צוגעזהן, ווי אַן אַנדער טשעקיסט, אַ איד, נעהמט כאַבאַר, געהט גוט געקליידעט און פרעסט און זויפט און ער איז געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס און זיך געבעטען ביי אונז מיר זאָלען איהם געבען עסען, (ווייל דער פּאַיאָק איז ניט אַלע מאָל געווען אין צייט און ניט געקלעקט), ביז ער האָט עס מעהר ניט געקענט אַריבערטראָגען און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

מיט דעם קעסטינען איז געשעהן אַן אַנדער זאַך. ער איז קאָמאַנדירט געוואָרען קיין סאַטאַנאָוו, באַהענט צו דער גרעניץ, צו האַלטען דאָרט די וואַך איבער דער גרעניץ . . .

קיין סאַטאַנאָוו איז אָנגעקומען אַ רייכע פאַמיליע פון קאַווקאַז מיט אַ סך גאָלד און זילבער.

דער איד האָט אָנגעהויבען איינצו׳טענה׳ן מיט דעם קעסטינען

ער זאָל איהם אַריבערפיהרען די גרעניץ און ער אַליין זאָל אויך מיט פאָהרען מיט איהם אויף זיינע הוצאות. פאַרביטערט געגען די באָלשעוויקעס איז ער געווען, זעהענדיג דאָס גאַנצע פאַלשקייט און רויבעריי און מערדעריי, דאָך האָט ער ביז דער לעצטער מינוט געדינט עהרליך און איבערגעגעבען.

אָבער דעם נסיון, דעם פאַרשלאָג פון דעם קאַווקאַזער אידען, האָט ער שוין ניט געקענט ביישטעהן, בפרט ווען ער האָט שוין נעטראַכט, אַז ער דאַרף זיך ראַטעווען פון דעם באָלשעוויסטישען לאַגער.

ער האָט אַרעסטירט די גאַנצע פאַמיליע, פאַרכאַפּט זייער גאַנץ פאַרמעגען און זיי געפיהרט אַזוי, אַרעסטירטערהייט, נאָהענט צו דער גרעניץ און אויף אַזאַ אופן זיי אַריבערגעפיהרט און מיט זיי טאַקע געקומען קיין אַמעריקע און דאָ געוואָרען אַ פאַרבער (פעינטער), פון וואָס ער האָט הפנים געקראָגען שווינדזוכט און געשטאָרבען. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָב איך איהם דאָ געטראָפען און אָנגעהאַלטען אונזער פריינדשאַפט און ער האָט מיר דערצעהלט ווי אַזוי ער איז געקומען קיין אַמעריקע.

.52

## אידען שטעהען יום כפור אין די טליתים ביי די שוהלען, ווען פעטליוראַ מאַרשירט אַריין

פעטליוראַ׳ס לעצטע אַריינמאַרשירונג פון גאַליציע איז פאָרגעקומען אום יום־כפור ניינצעהן צוואַנציג. אַלע אידען פון פון די פינף בתי מדרשים, וואָס זיינען געשטאַנען צוזאַמען מיט דער גרויסער שוהל בראש, זיינען געשטאַנען אין דרויסען מיט די טליתים און צוגעקוקט, ווי פעטליוראַ׳ס אַרמיי מאַרשירט דורך און ניט מורא געהאַט, ווייל איך האָב פריהער געלאָזט אויסרופען אין אַלע בתי־מדרשים, אַז מ׳האָט גאַרניט וואָס מורא צו האָבען פון זיין איצטיגען אַריינקום.

איך האָב געדאַווענט אין דער טשאָרטקאָווער קלויז פון דער צווייטער זייט שטאָדט, אָבער, אַז איך האָב דערהערט, אַז פעטליוראַ

מאַרשירט שווין, בין איך אַוועקגעלאָפען צו דער גרויסער שוהל, זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט אין פראָנט צו זעהן, ווי אַזוי די רוצחים מאַרשירען דורך דער שטאָדט און האַלטען זיך צוריק גאָר נישט צו טאָן.

די אַרמיי האָט זיך מאַרשירט אין פולער אָרדנונג. פּלוצים האָט זיך איין אַטאַמאַן אַ לאָז געטאָן מיט'ן פערד צו מיר. איך האָב דערפיהלט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם פון שרעק האָט בליץ־שנעל אַדורכגענומען אַלע אידען, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער מיר און זיי ווילען אַנהייבען אַנטלויפען. איך האָב שנעל און שטרענג באַפוילען מ'זאָל ניט ריהרען פון די ערטער און מ'האָט ניט וואָס מורא צו האָבען. עס איז מיינער אַ באַקאַנטער אַטאַמאַן.

דער אַטאַמאַן איז גלייך צו צו מיר און מיט גדלות און באַרי־מעריי זיך געווענדעט צו מיר: „האָסט אונז אַלעמאָל באַשולדיגט, אַז מיר מאַכען פּאָגראָמען און ראַבעווען און איך האָב דיר גע־זאָגט, אַז דאָס טהוען מאַנכע קאָזאַקען, ווייל אידען פאַרשליסען די טירען און טויערען און באַהאַלטען זיך און, אַז די קאָזאַקען ווילען עסען, צי טרינקען, צי רויכערען און קענען ניט קריגען, ברעכען זיי אויף די געוועלבען און דאָס ברענגט שוין אַמאָל, מחמת כעס, צו פּאָגראָמען. אָט שטעהען איצט אידען אין דרויסען, טשעפּעט זיי אימיצער״? „מאַך זיך ניט פאַר אַזאַ צדיק, זאָג איך איהם. די אידען שטעהען אין דרויסען, ווייל איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז מ'וועט זיי גאָרניט טהוען. און פאַרזיכערט האָב איך זיי, ווייל איך בין געוואָר געוואָרען, אַז גענעראַל אודאָוויטשענקאָ (זייער בעסטער גענעראַל) האָט געשטעלט פּעטליוראַ'ן אַן אולטימאַטום, אַז ער מוז איהם פאַרזיכערען, אַז ער וועט ניט טשעפּען קיין אידען, אלא ניט געהט ער ניט מעהר מיט איהם און פּעטליוראַ האָט עס געמוזט צוזאָגען. און איך האָב באַפוילען אין אַלע שטעדט אַרום, מ'זאָל ניט מורא האָבען פאַר אייך איצט און דעריבער טרעפט איהר איצט אידען אין דרויסען״.

דער אַטאַמאַן האָט זיך אי פאַרשעמט, אי ערשטוינט געוואָרען פון מיין ידיעה וועגען גענעראַל אודאָוויטשענקאָ.

— „וועון ביזטו עס געוואָר געוואָרען?״ — האָט ער מיך גע־פרעגט ערשטוינט.

—„אייערנעכטען ביינאכט״.

— „וואס פאר א טשיקאווע פאלק איהר זיינט. צוועלף א זייגער בייטאג האט דער גענעראל געשטעלט פעטליורא׳ן דעם באדינג אין גאליציע און פארנאכט האסטו שוין געוואוסט דערפון. און די באלשעוויקעס האבען געוואוסט דערפון?״ (מיינענדיג גע־וויינליך, צי איך האב זיי עס געלאזט וויסען).

די באלשעוויקעס האבען מיר אין דער אדמה, מיר האבען געוואלט זיי זאלען לויפען צו אלדע רוחות, האבען מיר זיי גע־וועהנליך דאס ניט דערציילט, אבער די אידען האבען מיר עס גע־לאזט וויסען, זיי זאלען ניט לעבען אין שרעק, ווען מען דארף ניט״.

איצט האט ער מיר שוין דערצעהלט, אז זיי האבען א שטרענגען פארזאג פון פעטליורא׳ן, אז אלע אטאמאנען און אפי־צירען, מוזען ביי יעדער שטאדט אכטונג געבען די קאזאקען זאלען דורכגעהן אין ארדנונג און זיך ניט אפשטעלען אין קיין שטאדט און זיי, די אטאמאנען און אפיצירען, מוזען פארלאזען די שטאדט די לעצטע צו היטען ס׳זאל קיינער ניט בלייבען. איצט האב איך זיך שוין גענומען צו איהם. „אט, זעהסטו שוין, אז פעטליורא וויל, קען ער פארהיטען עס זאל ניט זיין קיין פאגראמען און אידען באהאלטען זיך ניט, ווען זיי ווייסען, אז מ׳וועט זיי ניט טשעפען״. ווייל זיי פלעגען צו מיר תמיד האבען טענות, אז פאר די באלשע־וויקעס באהאלטען זיך ניט די אידען און פאר זיי יא און דאס שאפט בייז בלוט צווישען די קאזאקען (נעבאך)!

די ארמיי האט אזוי מארשירט ביז דער ליניע: פראסקוראוו דעראזשנע (א 90 ווערסט פון אונז).

ס׳האט ניט לאנג גענומען און די באלשעוויקעס האבען דורכ־געריסען דעם פראנט ביי דעראזשנע און זיי אזוי געיאגט, אז עס איז פארגעקומען אן אמת׳ע מנוסת־בהלה: זיי זיינען געלאפען אהן אן אטעם. אין א שעהנעם פארנאכט, זעה איך, אטאמאן שאנדרוק, פון קאמענעצער שטאב, פארט צו צו אונזער הויז, פרעגט מיך, צי ער קען זיך איינקווארטירען ביי אונז אין זאל און נאך איהם יאגט זיך די ארמיי און אבאז, ווי פאר׳סמ׳טע מייז. דער אטאמאן, שאנדרוק, איז געווען פון די לייטישע אטאמאנען. ער

האָט קיינמאָל ניט דערלאָזט טשעפּען אידען. ער איז געווען אַ גרויסער גוט־באַזיצער ערגעץ וואו אין כערסאָן, צי אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און אַלס אוקראַינישער פּאַטריאָט, האָט ער, מיט זיינע ברידער, זיך איבערגעגעבען צו פּעטליורא׳ן און געקעמפּט מיט איהם די גאַנצע צייט. ער איז אַלע מאָל געווען מיט מיר אָפענהערציג און ס׳האָט איהם זעהר וועה־געטאָן, ווען איך פלעג איהם אָנווייזען אויף די פּאָגראָמען, אַז זיי פאַרניכטען אַלע מעגליכקייטען פאַר אוקראַינע צו ווערען זעלבסטשטענדיג, ווייל אויב מיר, אידען, דאָ קענען זיך ניט העלפען געגען די פּאָגראָמען, וועלען אָבער די אידען אין אויסלאַנד ניט דערלאָזען, מ׳זאָל אנערקענען אַ פאָלק, וואָס מאַכט פּאָגראָמען, אַלס זעלבסטשטענדיג. ער האָט פאַרשטאַנען און געפיהלט, אַז איך רעד אמת און ערנסט און געוואוסט, אַז מיינע אַרגומענטען זיינען ריכטיגע און וויכטיגע און זיי וועלען קיין זעלבסטשטענדיגע אוקראַינע ניט קריגען און עס האָבען אים וועה געטאָןביידע זאַכען: אי די בושה פון פּאָגראָמען, אי די מורא ניט צו קריגען קיין זעלבסטשטענדיגקייט.

„פאַן חכם, זאָגט ער מיר, איך וועל זיך צושפּאַרען אַביסעל, נאָר אויב דו דערוויסט זיך, אַז די באָלשעוויקעס דערנעהענטערען זיך, וועק מיך אויף, וועל איך אַנטלויפען". „דו ביזט דער גענעראַל און פיהרסט די מלחמה און מיר, אַ פּשוט׳ן אידען, הייסטו געוואָר ווערען צי די באָלשעוויקעס קומען"? „מאַך דיך ניט תם׳עוואַטע. מיר וויסען, אַז איהר, אידען, ווייסט אַלעס פריהער פון אַנדערע".

איך האָב איהם צוגעזאָגט און ער איז אַוועק זיך צושפּאַרען. איך האָב געזעהן, אַז די אַרמיי אַנטלויפט שוין אַזוי צושמעטערט, אַז דאָס איז שוין איהר לעצטער אַנטלויף און זי וועט שוין ניט קענען מעהר צונויפנעהמען די כחות פאַר אַ פרישען אַריינקום און איך האָב ניט געוואָלט דערלאָזען אפילו די גוטע קאָזאַקען צו אַ נסיון פון רויבעריי אין אַזאַ סומאַטאָכע און אַרום צוועלף ביינאַכט, האָב איך אויפגעוועקט דעם אַטאַמאַן און איהם געהייסען אַוועקפאָהרען. כאָטש זיי זיינען נאָך אַביסעל ווייטליך, אָבער ס׳איז גלייכער ער זאָל אַוועקפאָהרען, ווייל זייערע פאַרפּאָסטענס־רייטער, ניקאָלאַיעווסקי אמת׳ע קאָזאַקען, וואָס זיינען איצט ביי זיי, (די

בודיאַנאָווצעס), קענען זיך נאָך ערגעץ וואו דורכרייסען און זיי אָפּשניידען דעם וועג צו אַנטלויפען.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין גערעכט. מיך אַפילו ניט געפרעגט, וואו ערגעץ די באָלשעוויקעס געפינען זיך, געמאַכט אַ טרעוואָגע און אויף שנעל אָפּגעצויגען.

דאָס איז געווען זייער לעצטער צוריקטריט און אויף דער גאַליצישער גרעניץ, ד. ה. פּוילישער, זיינען אָנגעקומען צו־שמעטערטע, כאַאָטישע אָפּטיילונגען, וועמען די פּאָליאַקען האָבען איבערגענומען און אינטערנירט. און די סדרה פּעטליוראַ איז פאַר־ענדיגט געוואָרען.

ס'איז כדאי צו באַמערקען, אַז די גאַליצישע אוקראַינער (פּעטרושעוויטשעס) זיינען געווען זעהר פיינע סאָלדאַטען און האָבען תמיד באַשיצט די אידען, סיי געגען די פּעטליוראָווצעס, סיי געגען די פּויערים, וואָס פלעגען זיך טשעפּען צו אידען מיט וואָליוטאַ־פראַגען א. ד. ג.

.53

# מ'ברייננגט מיר טויזענט דאָלאַר און איך וויל זיי ניט נעהמען

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אין אַזוינע צייטען, ווען אַרמייען קומען אַריין און אַנטלויפען צוריק, ווען רעגירונגען בייטען זיך אַלע מאָנטאג און דאָנערשטאג און מיט זיי אויך די ווערטה פון די געלדער וואָס האָבען צירקולירט, וואָס האָבען מאַנכעס מאָל געטראָגען די נעמען, אָדער צונעמען פון די רע־גירונגען, ווי „קערענקעלעך" „פּעטליוראָווסקע פייגעלעך" א. ד. ג. אַז אין אַזאַ צייט איז ניט נאָר ניט געווען קיין באַשטימטקייט אין וואָליוטע, נאָר קיין באַשטימקייט אין קיין זאַך. הערפון איז גרינג צו פאַרשטעהן ווי אַזוי ס'איז אונז אויסגעקומען שווער אַנצוהאַלטען אונזער תרבות־שולע וואָס אַ גרויסער פּראָצענט פון די קינדער זיינען געווען פון אָרימע בעלי מלאכות און לחלוטין גאָר ניט גע־צאָהלט און אפילו מאַנכע בעלי בתים האָבען ניט געקענט און

מאַנכע גלאָט זיך באַנוצט מיט די בהלות און ניט געצאָהלט, אָדער געוואָלט צאָהלען מיט די געלדער, וואָס האָבען קיין ווערט ניט געהאַט.

מיר האָבען אָבער געמוזט צאָהלען די לעהרער מיט גוטער וואַליוטע, ווייל ביזנעסלייט האָבען זיך געקענט אָן עצה געבען, אויב די ווערטה פון געלט איז געפאַלען, האָבען זיי פּראָפּאָרציאָנעל געהויבען די פּרייזען פון סחורות. דאָס זעלבע די בעלי מלאכות, אָבער וואָס האָט געקענט טאָן דער לערער?

נאָכהער האָבען מיר שוין געמוזט צאָהלען די לעהרער מיט גאָלד. דעם ערשטען פּאַטשאַטאָק (אָנפאַנג), צו שטעלען מיר אַזאַ באַדינג, איז געווען זוזי נירענבערג (איצט אין מאָנטרעאָל). נו, האָבען מיר שוין געוועהנליך געהאַט אַ פּיינעם דעפיציט און איך האָב געמוזט גאַראַנטירען אונזער קאַסירער, חבר פריילאַך, פאַר די גאָלדענע פינפערלאַך, וואָס ער האָט דערווייל אויסגעלייגט.

פלוצים קומט צופאָהרען אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַט, חבר ריימאַן, מיט טויזענט דאָלאַר פון אונזער סמאָטריטש־פּאָדאָליער רעליף סאָסייעטי אין נויאָרק. דאָס איז געווען נאָך אַ צייט, ווען די היימישע וואַליוטעס זיינען געווען אַזוי געפאַלען, אַז מ'פלעגט פיהרען זעק מיט געלט און צוריקברייגנען אַ שטיקעל מאַנופאַקטור־סחורה אונטער דעם אָרעם פאַר'ן גאַנצען געלט.

די טויזענט דאָלער האָבען געמיינט פאַר אונז דעמאָלט מעהר ווי איצט אַ מיליאָן. די פאַנטאַזיע האָט זיך ביי יעדען אָנגעצונדען. חוץ דער שולע, וועלען מיר קענען עפענען אַ שפּאָר־און לייי־קאַסע, אַ גמילת־חסד־פאָנד און וואָס ניט?

אָבער וואָס טוט מען מיט דעם: דינא דמלכותא? ביי די באָלשעוויקעס האָט מען קיין אַנדערע וואַליוטע, חוץ זייערע, ניט געטאָרט נוצען, אלא ניט „איק סטענקע" (צום ווענטעל).

איך האָב געקענט שפּילען פאַרשיידענע קאַץ־און־מויז־שפּילען מיט די פאַרשידענע רעגירונגען, אָבער ברעכען עפענט־ליך דאָס געזעץ, און ספּעציעל נאָך ביי די באָלשעוויקעס און באַזונדערס מיט דער וואַליוטע־פראַגע, בנוגע וועלכע זיי זיינען געווען שטרענגער ווי בנוגע אַלע אַנדערע ענינים, האָב איך ניט געוואָלט און זיך אָפּגעזאָגט צו נעהמען די טויזענט דאָלער.

דער חבר ריימאַן האָט אָבער אויך געוואָלט פּטור ווערן פון די טויזנט דאָלאַר און ער איז צוריקגעפאָהרען קיין קאַמענעץ און דערצעהלט די געשיכטע אַן אַנדערען אַמעריקאַנער, ליסאַ־וואָדער, אַ שול־טוער, און זיי צוזאַמען מיט חבר דראַכלער, דר. שולמאַן און איינער אַ וויינשטיין (קאַסירער פון דער באַלשע־וויסטישער רעגירונג), זיינען אַראָפּגעקומען צו מיר, מיר פאַר־זיכערט, אַז אין די ביכער פון דער רעגירונג וועט פאַרשריבען ווערען, אַז מ'האָט מיר געגעבען סאָוועטסקע געלט און דער קאַסירער, וויינשטיין, וועט דאָס מיר גאַראַנטירען, אָבער דערפאַר ווילען זיי דריי הונדערט דאָלאַר פאַר זייער געגענד קאָמיטעט פון די אידישיסטישע שולען.

חוץ דעם, וואָס ס'האָט מיר פאַרדראָסען, וואָס זיי זיינען פלוצים געוואָרען מחותנים און שותפים צו אונזער געלט און נאָך פאַר אידישיסטישע שולען, האָב איך ניט אָנגענומען זייער פאָרשלאָג מיט דער גאַראַנטי צוזאַמען.

„מיט די דריי הונדערט דאָלאַר — האָב איך געזאָגט — וועלען מיר דורכקומען, אָבער זיי מוזען מיר געבען סאָוועטישע רובעלס און זיי זאָלען טאָן מיט די טויזענט דאָלער וואָס זיי ווילען".

אויף דערויף האָט דער קאַסירער ניט געוואָלט איינגעהן און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו נעהמען די טויזענד דאָלאַר און גע־זאָגט חבר ריימאַן ער זאָל דאָס געלט איבערלאָזען אין גאַליציע ביי אימיצען און ווען, און אויב, ס'וועט זיין אַ מעגליכקייט, וועלען מיר עס קריגען.

די חברה זיינען געווען מעהר פאַראינטערעסירט צו קריגען די דריי הונדערט דאָלאַר, ווי איך די זיבען, און זיי האָבען אָנגעשטעלט אויף מיר די שווערסטע „קאַנאָנען" פון שטאָדט, מען זאָל פועל'ן ביי מיר, איך זאָל צונעמען דאָס געלט.

צו מיינע אייגענע חברים פון קאָמיטעט זיינען נאָך צוגע־קומען די רבנים מיט נאָך עטליכע חשוב'ע בעלי בתים און מען האָט זיך גענומען צו מיין פאָטער, ער זאָל ברעכען מיין עקשנות.

אויף אַ זיצונג טאַקע ביי אונז אין זאַל, ווען איך האָב געזעהן, אַז איך בלייב דער איינציגער גזלן וואָס וויל ניט נעהמען אַזאַ

מאָטניאָ מיט געלט און די רבנים האָבען שוין אָנגעהויבען רעדען צו מיר מוסר אין נאָמען פון יתומים און אלמנות און אפילו משה בלאָנק, דער אָפּגעבריהטער און סאָלידעסטער פון צווישען זיי, האָט שוין אויך איינגעשטימט, אַז מיר דאַרפען נעהמען דאָס געלט. האָב איך גענומען דאָס לעצטע וואָרט און צו זיי געזאָגט פאָלגענ־דעס:

„איך זעה, אַז איהר זענט פאַרפיהרט און זעהט ניט קלאָר די סיטואַציע. איהר מיינט, אַז די פיהרער פון די באָלשעוויקעס זיינען אַ גאַראַנטיע. איך קען אייך פאַרזיכערען, אַז זיי קענען פונקט אַזוי גרינג דערשאָסען ווערען, ווי מיר אַלע. אָבער איך זעה דאָך, אַז איהר זענט אַלע געגען מיר, וועל איך איינשטימען צו נעמען דאָס געלט. איך געפין אָבער פאַר מיין פליכט אייך צו וואָרענען. איך בין ניט קיין פאַמיליע מאַן און אַז איך וועל דערשמעקען אירגענד וועלכע אָנצוהערעניש, אַז די טשע־קאָ וויסט פון דער געשיכטע, וועל איך גלייך אַנטלויפען איבער דער גרעניץ, אָבער איהר זייט פאַמיליע־לייטע, ניט איהר וועט קענען אַנטלויפען און אויב איהר וועט יאָ אַנטלויפען, וועט מען אַרעסטירען אייערע פאַמיליעס און אייך דערמיט צווינגען צוריקצוקומען און פאַר אַזאַ וואַליוטע־געשיכטע וועט מען אייך זיכער שיסען. איך זאָג עס אייך, איהר זאָלט נאָכהער ניט פאַרגעסען מיין וואָרעניש און מיין עקשנות און ניט האָבען קיין טענות צו מיר, אַז איך האָב באַדאַרפט, אַלס הויפּט פון קאָמיטעט, צו פאַרשטעהן אַזאַ זאַך און ניט דערלאָזען צו קיין אומגליק. אויב איהר ווילט נעהמען אויף זיך אַזאַ אחריות, בין איך גרייט צו אונטערוואַרפען זיך דער מערהייט און זיך אויך איינשטעלען דאָס לעבען“.

דערהערט אַזאַ געשיכטע, האָבען זיך שוין אַלע אָפּגעשאָקעלט און איך האָב נאָכמאָל געהייסען דעם דעלעגאַט איבערלאָזען דאָס געלט אין גאַליציע, אויב ער וויל, אלא ניט, זאָל ער עס צוריק־פיהרען קיין אַמעריקע.

די חברה אידישיסטען־קאָמוניסטען זיינען אָבער געווען אויך מיט זייערע שולען אין אַ פינאַנציעלען קלעם און זיי האָבען דער־זעהן פאַר זיך אַ מעגליכקייט צו פאַרזיכערען זייערע אידישיסטישע שולען דורך אַזוינע קאָמבינאַציעס, ווי זיי האָבען געוואָלט מאַכען

מיט מיר, און זיי האָבען עס געמאַכט מיט אַנדערע דעלעגאַטען און מיט אַנדערע שטעדט.

אַזאַ סוד פאַר גאַנץ בראַד האָט זיך אָבער ניט געקענט האַלטען לאַנג און ניט אָנקומען צו דער טשעקאַ. די לעצטע האָט טאַקע אָנגעשמעקט דעם ענין און אָנגעהויבען נאָכשפּיאָנירען און נאָכפרעגען וועגען דעם ענין. די חברה האָבען אָבער געהאַט גוטע פריינד ביי די באָלשעוויקעס און מען האָט זיי געלאָזט וויסען, אַז די טשעקאַ איז שוין אויף זייער שפּור און קלייבט זיך זיי צו אַרעסטירען.

אין איין פינסטערע נאַכט זיינען זיי אַלע מיט'ן דעלעגאַט בראש אַנטלאָפען צו דער גרעניץ. האָט זיי די טשעקא אָנגעיאָגט און נאָכגעשאָסען, אָבער זיי זיינען אַלע בשלום אַריבער די גרעניץ.

ערשט דעמאָלט האָבען אונזערע שטאָדט־לייט תופס געווען די ווערטה פון מיין אויסגערעכענטקייט און פאָרזיכטיגקייט און געדאַנקט גאָט פאַר מיין עקשנות.

54

## עס חלומ'ען זיך מיר הינט און ס'קומען גאָר טשעקיסטען

אין אַזאַ צערודערטער צייט, מיט צערודערטע נערוועז, איז מען ניט זשעדנע געווען קיין בייזע חלומות, דאָס רוב פון וועלכע האָבען געהאַט צו טהאָן מיט'ן פּראָגט, מיט שיסערייען, פייערען, טראָסקעריי פון שראַפּנעלען, פּאָגראָמען א. ד. ג.

איינמאָל האָט זיך מיר אָבער גע'חלומ'ט, אַז איך בין אַרויס־געגאַנגען גאַנץ פריה פון הויז און אַ מחנה הינט האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אויף מיר. אין פאָראויס איז געלאָפען איינער, אַ בייזער, מיט ברענענדע, ווילדע, אויגען, גלייך קעגען מיר.

אין שלאָף האָב איך אָבער געדענקט פון אַמאָל מיין שטודיום וועגען היפּנאָטיזם און פּערזענליכען מאַגנעטיזם, און ווי אַזוי צו באַנוצען די אויגען סיי בנוגע צו מענשען, סיי בנוגע צו חיות, כדי זיי אונטערטעניג צו מאַכען. איך האָב באַלד אָנגעשטעלט די

אויגען, לויט דער טעאָריע, און דער בייזער הונט מיט די ברענענדע אויגען האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט הפּנים דערפיהלט מיין שאַרפען מאַגנעטישען בליק און אָנגעהויבען זיך צו קווינקלען. איך האָב נאָך מעהר פאַרשטאַרקט מיין בליק און איך האָב באַמערקט, אַז ער הויבט שוין אָן דרעהען מיט די אויגען און איך בין שוין געווען זיכער, אַז איך האָב איהם באַזיעגט. איך האָב נאָך מעהר פאַרשטאַרקט דעם בליק אויף איהם און ער האָט זיך אָנגעהויבען צוריקצוציהען, אַוועק מיט דער גאַנצער שייקע הינט. פונ'ם צוריק־אַריינלויף אין שטוב אַריין און פון דעם קלאַפּ מיט דער טיר, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אויסגע'בטל'ט חלומות אויף אַזאַ קאָמישען חלום און צוריק אַנטשלאָפען געוואָרען.

איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפריה, אַרויסגעקומען אין גאַס, הער איך, אַז נח'ל איז דאָ אין שטאָדט. נח'ל איז געווען פאַרשמ'ט אין דער גאַנצער סביבה, נאָך פון ניקאָלאַי'ס צייטען, פון ניינצעהן פינף, ווען ער האָט נאָך, אַלס אינגעל, אַלס יונגער סטודענט, אָנגעפיהרט מיט דער רעוואָלוציע אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אַרויסגעטראָטען מיט ברענענדיגע רעדעס אויפ'ן גובערנאַטאָרסקע פּלאָשטשאַד (סקווער).. ווען איך האָב געלערענט אין קאַמענעץ איז זיין עלטערער ברודער, אברהם, איינער פון די בעסטע סטודענטען און בעסטע לעהרער, געווען מיין לעהרער און אַזוי ווי זיין פאָטער איז געווען אַ משכיל און העברעער, פלעג איך זיין אַ בן־בית ביי זיי. און אפשר אויך דערפאַר, ווייל זייער שוועסטער, שיינדעלע, איז געווען דאָס שעהנסטע מיידעל פון דער שטאָדט, טאַקע אַן אמת'ע שעהנהייט. איך האָב דעמאָלט אינזינען געהאַט דאָס לערנען, ניט קיין מיידלאַך, נאָר עס קען זיין, אַז דורכ'ן אונטערבאַוואוסטזיין, שלא בכונה, בין איך אפשר געווען אַן אריינגעהער צו זיי אין הויז מיט אַ תירוץ פון השכלה. נו, אַז נח'ל איז ביי אונז אין שטאָדט און נאָך אַ גאַנצער מאַכער ביי די באָלשעוויקעס, דאַרף מען איהם דאָך געהן זעהן, און איך בין אַוועק צו איהם.

ווען איך בין אריין צו איהם איז מיר דורכגעלאָפען אַ גרויל אין די ביינער. איך האָב דערזעהן אין זיינע ברענענדיגע אויגען

אַט פּונקט אַזוינע אויגען, ווי איך האָב ערשט ביינאַכט געזעהן אין חלום ביי דעם ווילדען הונט.

„גוט וואָס דו ביזט געקומען”, זאָגט ער צו מיר קאַלטבלוטיג. „איך האָב שוין געוואָלט דיך שיקען רופען. איך מוז געהן צו אייך אין הויז מאַכען אַן אָביסק (זוכעניש), ווייל מיר האָבען גע־קראָגען מסירות, אַז דער סטודענט ב., וואָס שטעהט איין ביי אייך, איז אַ כאַרבאַרניק און ער נעהמט פעלעכלאך און לעדער כאַבאַר. און איך בין געקומען אַלס ספּעציעלע קאָמיסיע צו מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען דעם. איז אויב עס איז דאָ עפּעס ביי אייך אין שטוב זאַכען, וואָס מען טאָר ניט האָבען, רוים זיי אויס באַ־צייטענס, איידער מיר קומען מאַכען די זוכונג”.

„דו וועסט קיין זוכונג ניט קומען מאַכען ביי אונז, ווייל מיר האָבען אַ פּאָר זעקלאך מעהל, צוקער, זאַלץ א. ד. גל. און מ'קען זיי ניט אויסראַמען. קיינער וועט אַזאַ „פּגר” ניט אריינגעהמען צו זיך אין הויז און איך וויל ניט מען זאָל וויסען, אַז אַזאַ פּגר איז דאָ ביי אונז. אָבער ניט נאָר דאָס, איך וויל דיר ניט ער־לויבען ארויסצונעהמען אַ מענשען פון אונזער שטוב און איהם איבערצוגעבען אין די הענט פון דער טשעקאַ געשאָסען צו ווערען”.

— „וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, מען האָט מיך ספּעציעל אַראָפּ־געשיקט מיט אַזאַ מיסיע, וועסטו מיך ניט לאָזען? ביים בעס־טען ווילען קען איך דאָ דיר גאָר ניט העלפען”.

„און איך זאָג דיר, אַז דו וועסט צו אונז ניט געהן אויף קיין זוכונג, און דעם סטודענט ניט אומברייינגען”.

ער האָט זיך גענומען אַזוי קוקען אויף מיר, גרויס־בחוריש, סאַרקאַסטיש. איך האָב אָבער געפּאַקט די געלעגענהייט און אָנ־געשטעלט אויף איהם מיינע אויגען מיט דער גרעסטער קראַפט, וואָס איך האָב געקענט אין זיך געפינען (אין אַזאַ פאַל איז די הויפּט־זאַך אויסצוהאַלטען וואָס לענגער, ניט צו פינטלען מיט אַן אויג, אָנשטעלען זיי אַזוי אַז זיי זאָלען ווירקען אָבער ניט באַ־ווירקט ווערען).

איך טענה, אַז ער טאָר ניט געהן, און ער טענה'ט, אַז ער מוז.

איך האָב באמערקט, אַז ער הויבט זיך אָן צו מאַטערען:

ער קען נישט איבערטראָגען מיין מאַגנעטיזירענדען בליק און ער וויל ארונטערלאָזען די אויגען.

„הער זיך איין, נח'ל, לאָז ניט אַראָפּ די נאָז און מאַך זיך נישט ברוגז. קוק מיר גלייך אין די אויגן".

ער האָט צוריק אויפגעהויבען די אויגען, זאָגענדיג:

„איך בין ניט ברוגז און האָב ניט קיין מורא פאַר דיר, נאָר איך זאָג דיר, אַז איך קען דיר גאָר ניט צוליב טאָן; דו ווייסט מיט וואָס אַזאַ זאַך שמעקט".

„הער זיך איין, נח'ל", באַמבאַרדיר איך איהם סיי מיט די רייד, סיי מיט'ן בליק. דו, מיט דיין אַדוואָקאַטישען, שאַרפען קאָפּ און דיין שאַרף צינגעל, וועסט שוין געפינען אַ וועג, אַז דו וועסט נאָר וועלען; און איך זאָג דיר, אַז דו מוזסט וועלען און געפינען אַן עצה: ראשית, ניט צו דאַרפען מאַכען קיין זוכונג און, שנית, צו ראַטעווען דעם סטודענט".

„אַי, ביסטו אַ איד אַ גזלן, משה'לע! עס האָט נאָך קיינער ביז איצט ניט באַוויזען ארויפצוצווינגען אויף מיר זיין ווילען, ווי דו. הער זיך איין: איין זוכונג מוז איך מאַכען. איך בין דאָך געקומען צוליב דעם. אָבער אָנשטאָט צו נעהמען מיליטער, וואָס קען דערוויל כאַפּען אַ זוך ערגעץ אַנדערש, וואו מען דאַרף ניט, וועל איך נעהמען דעם פּרעדאופּראָדקאָם (פּרעדסעדאַטעל פון פּראָדאָוואָלסטווינע קאָמיטעט) און מיט איהם געהן מאַכען די זוכונג. דעם סטודענט זאָג אָן, אַז ער זאָל האַלטען ביי זיך אין רענצעלע אַ פּאָר פעלכלאַך און אַ פּאָר פּאָדעשוועס. און זאָל ער זיך מודה זיין, אַז ער האָט זיי גענומען, נאָר נישט אַלס כאַבּאַר, בלויז געוואָלט זיך פאַרזאָרגען מיט אַ פעלץ פאַר'ן ווינטער, און מיט לעדער און פּאָדעשוועס פאַר שטיוועל אין די בלאָטעס. אַז מיר וועלען געפינען ביי איהם די זאַכען, וועט עס שוין זיין אַ באַוויין, אַז ער האָט זיך ניט באַהאַלטען און מיר וועלען ניט דארפען מעהר זוכען, און זיין מודה זיין זיך וועט מיר העלפען צוזאַמענשטעלען אַ גינסטיגען פּראָטאָקאָל פאַר איהם, אַז מען זאָל איהם בלויז געבען אַ „פּערעוואָד" (אַריבערפיהרען אין אַן אַנדער שטאָדט).

„אָט אַזוי רעדסטו ווי אַ מענש. וואַרט צו אַ שטונדע־צוויי, נאָכהער קענסטו קומען מאַכען די זוכונג".

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָט שוין דער סטודענט גע־וואוסט, אַז מען איז שוין געקומען נאָך זיין נשמה, און ער האָט געצטיערט ווי אַ בלעטעל אין אַ שטורעם־ווינט. ער האָט גע־וואָלט אַנטלויפען, האָט ער אָבער מורא געהאַט, טאָמער היט מען איהם שוין.

ביי אונז אין הויז זיינען אַלע געווען אויסער זיך פון שרעק, טאָמער שיסט מען דעם סטודענט. מיין פאָטער האָט מיר גע־הייסען אַריבערגעהן צו נח'לען, אפשר קען ער עפּעס העלפען. (זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז דאָס איז ער דער בעל־דבר אליין).

„זייט ניט צעשראָקען און האָט ניט קיין מורא. אַלעס איז שוין פאַרזאָרגט". און איך האָב זיי דערצעהלט די גאנצע גע־שיכטע פון מיין אָפּמאַך מיט נח'לען.

„זעהסטו", זאָגט מיין פאָטער צום סטודענט, „איך האָב דיר געזאָגט זאָלסט האָבען בטחון אין רבונו־של־עולם און ער וועט דיר העלפען".

דער סטודענט האָט אַזש געטאַנצט פאַר פרייד, האָט צוגע־גרייט אַלעס, ווי נח'ל האָט געראָטען און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטען אויף דער זוכונג.

באַלד איז געקומען נח'ל מיט'ן פּרעדאוּפּראָדקאָם, געמאַכט די זוכונג, געפונען, וואָס מען האָט זיי אונטערגעלייגט און צוזאַמענ־געשטעלט אַ פּראָטאָקאָל.

אין עטליכע טעג ארום איז אָנגעקומען אַ באַפעהל פון קאָ־מענדע, אַז דער סטודענט ווערט אַריבערגעפיהרט קיין גריידיג (אַ דרייסיג ווערסט פון אונזער שטאָדט).

## .55

# זי „חלומ'ט" פון פינף און צוואַנציג ראַניש צו קענען קויפען אַ פאַר צעהנדליג הערינג

ווען איך האָב אַריבערגעבראַכט די הוסיאַטינער פּליטים (בעזשענצעס) צו אונז און האָב אויף דער ערשטער זיצונג צוזאַ־מענגעשטעלט אַ צעטעל פון זיי און די פּראָפּאָרציע פון הילף פאַר

זיי. האָט שמעון פרידמאַן דערמאָהנט וועגען די יתומים פון חיים מודריק און פאַרצייכענט פאַר זיי עטליכע רובעל. ווען איך בין אין אָוונט ארויסגעגאנגען מיט אַ קאָמיטע צו איבערגעבען יעדען די פאַר רובעל, וואָס זיינען באשטימט געוואָרען פאַר איהם, בין איך אריינגעקומען צו דאוויד'קען און איהם אַ פרעג געטאָן: „וואו זיינען די יתומים, איך האָב געבראַכט עטליכע רובעל פאַר זיי". „איך בין די יתומים", האָט ער געזאָגט, און אַ פינטעל געטאָן מיט די אויגען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט אין אָרדענונג און געכאַפּט אַ קוק אין דער זייט און באמערקט, ווי צווישען צוויי שטאָדט־מיידלאך, בינע כץ און אסתר גאָלד, זיצט אַ מויד מיט אַ פאָר פלאַם־פייערדיגע באַקען. האָב איך שוין פאַרשטאנען, אַז זי איז דאָס מסתמא איינע פון די יתומים. וואָס אַן אַלטען אידען קען איינפאַלען צו באצייכענען אַלס יתומים! עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז זי איז טאַקע די עלטערע שוועסטער פון צוויי קליינע ברידערלאַך, וועמען זי איז געקומען נעהמען קיין אַמעריקא, נאָכדעם ווי די מוטער איז געשטאָרבען. און אַזוי ווי זי איז אָנגעקומען האָט אויסגעבראָכען די מלחמה און זי האָט שוין ניט געקענט צוריקפאָהרען.

איך האָב זיך קוים ארויסגעשאַרט פון דאָרט פאַר בושה פאַר אַזאַ יתומה און נאָכהער אויסגעמידען זיך ניט צו באַגעגענען מיט איהר. איינמאָל אַ פרייטאָג צו נאַכט קומט מען צו לויפען צו מיר פון נחמן דער קלמנ'קעס מיך רופען צו דער יתומה. באשר־בכן זי איז אריינגעפאַלען אין אַ היסטערישען געוויין פון פאַרנאַכט אָן און מ'קען ניט אָפּשטעלען דאָס געוויין.

דאָס ברויט און חלה, וואָס מיר פלעגען אויסטיילען פונ'ם קאָמיטעט, האָבען מיר אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז פאַר די בעלי־הבית'ישע פאַמיליעס פלעגט מען עס ארייַנשיקען, אַז זיי זאָלען ניט וויסען. צופעליג איז זי אָבער אָנגעקומען ווען מ'האָט געבראַכט די חלה פון קאָמיטעט און — נו־נו! איהר היסטעריקע האָט גאָרניט אויפגעהערט. האָב איך קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט געהן צו דער יתומה מיט די פלאַם־פייערדיגע באַקען.

קיינע רייד און קיין לאָגיק האָט ניט געהאָלפען איהר צו בארוהיגען. סטייטש, זי איז אין אַמעריקא אַ גאַנצע „מאַכערין".

זי האָט ביי זיך אפילו אַ באַנק־ביכעל פון אַמעריקא, און איהר טאַטע קען איהר פאַרזאָרגען, און זי איז געווען די ערשטע צו אָרגאַניזירען אַ יוניאָן ביי די בלוזקע־מאַכעריִנס און געוואונען דעם סטרייק, — און דאָ וועט זי גאָר נעהמען קצבה? ניין און ניין! און ווידער אַמאָל געוויין. זי וויל בלויז אַרבייט און פאַר־דינען דורך אַרבייט. קיין קצבה וועט זי ניט נעהמען.

היינט גיב איהר אַרבייט, אַז ס'זיינען קיין פאַבריקען ניטאָ! און דאָ געהען קולות עד לב השמים.

איז מיר איינגעפאַלען אַ גליקליכער געדאַנק:

„ווייסט איהר גאָר וואָס? אזוי ווי מיר געהען גרינדען אַ שולע פאַר די קינדער פון די פליטים, איז כאָטש איך האָב בדעה געהאַט צו גרינדען די שולע בלויז פאַר העברעאיש און אידיש, וועל איך איצט צוגעבען אַ קורס אין רוסיש און איך באשטימען אַלס לעהרערין פון רוסיש מיט אַ באשטימטען געהאַלט".

אָט, אַזוי ווי מ'מאַכט פון טויט לעבעדיג, אַזוי איז ווי מיט אַ מאַך פון אַ צויבער־שטעקעל פאַרשוואונדען די היסטעריקע און איהר פלאַץ האָט פאַרנומען אַ פרעהליכער, הילכיגער געלעכטער.

די סמעטע (בודזשעט) פאַר לעהרער איז געווען זעהר באַ־גרעניצט, און איך האָב געמוזט צוהעלפען איהר איינצואָרדענען אַ שטיקעל בופעט. און בשעת איך האָב אָנגענומען צו ווערען אינסטרוקטאָר ביים אידישען מיניסטעריום און איינגעשטימט צו זיין אָן אָנגעשטעלטער פאַר געהאַלט, האָב איך אין זיבען געהאַט אָוועקצוגעבען מיין געהאַלט אָט די יתומים.

ווען די באָלשעוויקעס זיינען אריין, צי נאָך פריהער, איז זי אַוועקגעפאָהרען אַהיים קיין הוסיאַטין מיט דער כונה, אפנים, זיך צו געפינען נעהענטער צו דער גרענעץ, אפשר וועלען זיי זיך קענען אַריבערכאַפּען. סיי ביי די באָלשעוויקעס און סיי ביי די פעטליוראָווצעס איז אָפטמאָל אַלעס אָפגעשטעלט געוואָרען. מ'האָט ניט געקענט פאָהרען פון איין שטאָדט אין דער צווייטער, ווייל ס'האָט געהערשט אַ הפקרות אויף די וועגען. מ'פלעגט פשוט ניט נאָר באַראַבעווען דאָס געלט און סחורה נאָר אויך אויסטאָן נאַקעט און באָרוועס, ווייל אַלעס איז געווען אַ קרן: אַ פאָר תחתונים, אַ פאָר שיך א. ד. ג. זעלבסטפארשטענדליך, אַז אין אַזאַ הפקרות, וואָס איז ניט אָפגעלאָפען אָהן הרוגים אויך, איז

שוין קיינער ניט געפֿאָהרען. איבערשיקען געלט האָט מען אודאי ניט געקענט. איך האָב פֿארשטאנען, אַז די יתומים מוטשען זיך דאָרט און שטאַרבען מסתּמא פֿאַר הונגער און איך האָב גע־האָט געלט און עס ניט געקענט איבערשיקען. איך האָב יאָ באַפוילען מיט אַ גוי צו מיין שוואָגער׳ס ברודער קיין טשעמע־ראָוויץ, ער זאָל זיי געבען ביז פינף און צוואַנציג הונדערט ראַניש, אויב ער קען זיי גרייכען.

זעהענדיג, אַז זי קען שוין מעהר ניט איבערטראָגען, האָט זי באַשלאָסען זיך צוריק ארויסקלייבען פון הוסיאַטען. דערוויל קיין טשעמעראָוויץ. קיין געלט אויף אַ פוהר האָט זי ניט געהאַט, האָט זי געמאַכט אַ פּעקעל פון׳ם בעטגעוואַנט (די באַוואוסטע אידישע נכסים!) און זיך געלאָזט צופוס מיט די קינדער קיין טשעמעראָוויץ. אויפ׳ן וועג זיינען די שיך אויך „הונגעריג" גע־וואָרען און געעפענט די מיילער. איז וואָס זשע האָט איהר גע־טויגט נאָך „הונגעריגע" ? האָט זי אַוועקגעוואָרפען די שיך און אריינשפּאַצירט אין שטאָדט באָרוועס. געקומען צו איהרען אַ קאָזין, אויך אַן אָרימאַן, ביי וועמען זי האָט זיך שוין אַנגעליגען גמילות־חסדים אָהן אַ שיעור און שוין מעהר ניט געוואַגט אפילו צו הייסען זיך לייען, האָט זי זיך אַוועקגעלעגט אויף אַ סאָפּקעלע, פאַרדעקט די באָרוועסע פיס, געטראַכט ראשית וועגען אַ פּאָר שיך און שנית, וואו נעהמט מען ערגעץ כאָטש אַ פינף און צוואַנציג ראַניש צו קענען קויפען עטליכע צעהנדליג הערינג, פאַרקויפען זיי און פאַרדינען דערוויל אויף אַ ברויט.

און וואָס קען טאָן אפילו אַ מאַן אין אַזאַ לאַגע? בפרט אַ מיידעל מיט צווי ברידערלאַך־קינדער נאָך דערצו? האָט זי איינגעענורעט דעם קאָפּ אין קישען און . . . געוויינט.

אין שטאָדט האָט זיך שוין מסתּמא צוטראָגען אַ קלאַנג, אַז פרידע מודריק איז אַריינגעקומען באָרוועס אין שטאָדט, ביז דער קלאַנג איז דערגאַנגען צו מיין שוואָגער׳ס ברודער, לייבוש דיאַמאַנד און ער איז אַוועק זי זעהן. אין הויז האָט איהר קוזינע איהם געזאָגט, אַז זי שלאָפט. דערהערענדיג זיין קול, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגענהייט צו לייען עטליכע ראַניש און איהם געהייסען אַריינקומען.

אַ גדלות'ניצע איז זי געווען, האָט איהר נאָך ניט געפּאַסט צו צוגעהן גלייך צו דער זאַך, האָט זי גאָר גערעדט מיט איהם וועגען עפּעס אַנדערש. „יאָ! זאָגט ער, איידער איך פאַרגעס און געה אַוועק, אפשר דאַרפסטו עטליכע ראַניש? משה האָט מיר באַפוילען דיר צו געבען, וויפיל דו דאַרפסט". „וויפיל קענסטו מיר געבען?", פרעגט זי. „איך קען דיר געבען ביז צוויי טויזענט פינף הונדערט ראַניש. ביי זיך האָב איך דערוויל בלויז אַ טויזענטער".

זי האָט געמיינט, אַז דאָ שפּילט ער עפּעס אַ חוזק מיט איהר, וויל ער איז געווען אַ גרויסער לץ און געקענט אָפּשפּילען קונדייסישע שטיק.

אָבער אַזוי ווי ער האָט איהר געזאָגט, אַז איך האָב איהם באַפוילען איהר צו געבען געלט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אמת איז דאָס אין דעם, אָבער זיך ניט געקענט אויסמאָלען, אַז עס זאָל זיין, אַזאַ ריזיגע סומע.

„גיב מיר דערוויל די טויזענט ראַניש", האָט זי זיך אַנגענומען מיט כוח, און געזאָגט, מורא־האָבענדיג, אַז באַלד וועט ער אַרויסשיסען מיט אַ טייוועלשען געלעכטער, וועגען שטיק קונדסעריי, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן.

ער האָט אָבער אַרויסגענומען אַ קנאַקעדיגען טויזענטער און דערלאַנגט, זיך געזעגענט און אַוועקגעגאַנגען, זאָגענדיג איהר, אַז ווען זי וועט דאַרפען די איבעריגע פופצעהן הונדערט, זאָל זי צוקומען וועט ער איהר געבען.

זי האָט ערשט אָנגעהויבען צו באַטאַפּען דעם טויזענטער, צי איז עס טאַקע אַ טויזענטער, צי אפשר איז עס גאָר אַ פאַלשער?

זעהענדיג, אַז ס'איז אַ ריכטיגער טויזענטער, האָט זי זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען, צי שלאָפט זי, צי חלומ'ט זי. און ערשט, ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז אַ ריכטיגער טויזענטער און, אַז עס איז ניט קיין חלום, האָט זי זיך ערשט אַריינגעוואָרפען אין קישען און אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין, אַ געוויין געמישט מיט פרייד און האָפנונג צו קענען מיט אַזאַ סומע אָפּצאָהלען די חובות און איבערטראָגען די צרות ביז די ישועה וועט קומען.

.56

# דער ערשטער רויטער אָוועגט פון אונזער תרבות־שולע

אַלע קינדער פון אונזער תרבות־שולע האָבען געקענט רעדען העברעאיש. איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלע אָווענטען זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען אין העברעאיש. מיר האָבען צוגעגרייט אַ חנוכה־אָווענט אַלעס אין העברעאיש געוועהנליך, און די קינדער האָבען באַדאַרפט דורכמאַרשירען אויף דער ביהנע דורך אַ גרויסען מגן־דוד מיט ציוניסטישע פיינדלאך אין די רעכטע הענט און חנוכה ליכטלאך אין די לינקע, זיך אָוועקדרעהען אין צוויי פאַרשידענע זייטען און נאָכהער זיך אַזוי אויסדרעהען און אויס־שטעלען, אַז עס זאָל אויסקומען ווי אַ לעבעדיגע מנורה.

און דאָ האָט דער רוח פלוצים אָנגעטראָגען די באָלשעוויקעס. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָב געמוזט איינלאַדען דעם קאָמענדאַנט מיט די איבעריגע רויטע טשינאָווניקעס צו דעם אָווענט. איז מיט דער שפּראַך האָבען מיר דאָך גאָר ניט געקענט טאָן. אָבער מיט איניגע זאַכען האָב איך זיך אַן עצה געגעבען. איך האָב אויסגעקויפט דעם גאַנצען רויטען פּאַפּיראָס, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָדט און פאַרדעקט דעם גאַנצען מגן־דוד מיט רויטען. פיינדלאך האָבען מיר שוין אויך צוגעגרייט רויטע, אַזוי, אַז איין רייהע קינדער האָט געטראָגען רויטע פיינדלאך און איין רייהע — ציוניסטישע. דאָס זעלבע מיט די ליכטלאך איין רייהע באַדעקט מיט בלויען פּאַפּיראָס און איין רייהע — מיט רויטען.

דער אָווענט איז דורכגעגאַנגען אויסגעצייכענט. די רויטע נאַטשאַלסטוואָ איז געווען ענטציקט און, אַז מען האָט אַ שפּיל געטאָן צום סוף די התקוה, האָבען זיך אַלע רויטע קאָמאַנדירען זיך אויסגעשטעלט מיט אַ מיליטערישען סאַלוט.

נאָכהער איז צוגעקומען צו מיר דער קאָמענדאַנט און גע־זאָגט, אַז דאָס איז דער ערשטער אמת׳ער רויטער אָווענט, וואָס ער האָט דורכגעלעבט מיט אַזאַ פאַרגעניגען און ער געהט מאָרגען

טעלעגראַפירען קיין פּעטערבורג וועגען דעם. די ערשטע שמחה איז אַריבער. די רויטע קאָמאַנדע איז אַוועק און אויף איהר פּלאַץ איז געקומען די ציווילע רויטע מאַכט מיט דער טשעקא און דאָס טאָג־טעגליכע גרויע לעבען האָט זיך אָנגעהויבען.

ס'איז אַראָפּגעקומען אַ טשעקיסט, אַ בונדאָווער, אַ קליין בחור'ל מיט רויטע בעקעלאך מיט אַ לאַנגען, ביז צו די קנעכלאך, כאַלאַט און מיר פאַרגעשלאָגען צו פאַרוואַנדלען די תרבות־שולע אין אַ רויטער שולע. איך האָב באַלד דערקענט, אַז דאָס איז אַ פאַרברענטער אידישיסט און ער איז ניט אַזוי פיל אויסען די רויטקייט, ווי דעם אידישיזם.

„אונזער שולע איז אַ רויטע, זאָג איך איהם. זי איז ניט קיין רעליגיעזע און מיר לערנען בלויז וועלטליכע לימודים". „יאָ, אָבער תנ"ך לערענט איהר. דאָס איז אָפּיום, דאָס איז רעאַקציע, פּינסטערניש" א. אז. וו. ער האָט מיר פאַרגעשלאָגען אַלע פּריווילעגיעס: אַלע לעהרער מיט די, וואָס זיינען באַשעפּ־טיגט אַרום שולע באַפרייען פון אַלע אַנדערע פליכטען, זיי געבען אַ רויטען פּאַיאָק א. ד. גל.

„הער זיך איין, זאָג איך איהם. דאָס פּראָגראַם קענען מיר בייטען. גיב אונז אַ פּראָגראַם פון אַ רויטער שולע און מיר וועלען לערנען אַלעס לויט דעם פּראָגראַם, בלויז אין העברעאיש, וויל אונזערע קינדער קענען שוין גוט העברעאיש און קענען ניט קיין אַנדער שפּראַך". „ניין! העברעאיש איז רעאַקציע. איהר מוזט לערנען אַלעס אין אידיש און שיקען אַ דעלעגאַט צום אומפּאַרטייאישען צוזאַמענפאָהר פון אַלע לעהרער, וואָס מיר פאַררופען אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק". „דאָס וועסטו ניט פּועל'ן. די העברעאישע שפּראַך וועלען מיר ניט אויפגעבען". „נו, וועלען מיר פאַרמאַכען די שולע". „וועלען מיר לערנען אויף די בוידימער און אין די קעלערס". „איהר וועט שוין גאָר ניט לערנען. די לעהרער וועלען מיר איבערגעבען צום מיליטער־דינסט און דיך (ד. ה. מיך) צו דער טשעקא". „קיינע סטראַשונקעס וועלען ניט העלפען און מיר וועלען ניט איבערפיהרען אונזער שולע אויף אידיש". געזעהן, אַז איך בין איינגע'עקשנ'ט, איז ער אַוועק אין „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָנע קאָמיטעט), פאַרזאָגט, אַז מען זאָל מיר

ניט אַרויסגעבען קיין שיין צו פֿאָהרען קיין קאַמענעץ, כדי איך זאָל ניט קענען קומען צום צוזאַמענפֿאָהר און אויפהויבען אַ פּראָטעסט, און אויף מיין פּלאַץ, אַלס דעלעגאַט, האָט ער באַשטימט אַ בלע־כער'ס אַ בחור, אַן איגנאָראַנט, וואָס האָט אפילו קיין אידישען אלף־בית ניט געקענט.

זייענדיג שוין אין אויסלאַנד האָב איך געלייענט אין די צייטונגען, אַז אַן אומפּאַרטייאישער צוזאַמענפֿאָהר פֿון לעהרער אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָט באַשלאָסען אויפצוגעבען העברעאיש און איינפֿיהרען אידיש, אַלס לערען־שפּראַך. אָט דאָס איז געווען דער „אומפּאַרטייאישער" צוזאַמענפֿאָהר.

נאָך ניט באַפֿרייט זיך פֿונ'ם קאַשמאַר פֿון דעם אידישיסטישען שלאַק ויבוא המן: ס'איז שוין דאָ אַ נייע קאָמיסיע, וואָס וויל צוברעכען אונזער מיהל. אַזוינע זאַכען זיינען פֿאָרגעקומען אַרום אונז און איבעראַל. מען פּלעגט צוברעכען צוקער־זאַוואָדען, פֿאַבריקען, מיהלען. די גויים פּלעגען צעשלעפּען די רעדלאַך פֿון דער מאַשינערי און אַזוי אַרום חרוב געמאַכט דורות־איינגע־פֿונדעוועטע אינסטיטוציעס. איך האָב זיך דאָ אַוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון אָראַטאָריע און לאָגיק, און געזאָגט אַז איך וועל זיי ניט לאָזען צוברעכען די מיהל. זיי קענען זי קאָנפֿיסקירען, אָבער ניט צוברעכען און אויב זיי וועלען וואַגען אָנריהרען אפילו איין שרייפֿעלע וועלען זיי אַלע געשאָסען ווערען. דער סטראַשונעק האָט געהאָלפֿען און איך האָב זיי איבערגעגעבען די מיהל מיט'ן באַדינג זי צו פֿאַרוואַלטען, אָבער ניט צו רואינירען. זיי האָבען נאָכהער געבעטען מיין פֿאָטער צוריק איבערנעהמען די פֿאַרוואַלטונג, וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטען ביז איך האָב איהם מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע אַרויסגעראַטעוועט קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

איך האָב אָבער געזעהן און פֿאַרשטאַנען, אַז איך וועל לאַנג מיט אַזוינע באַנדיטען און ווילדע ברואים ניט קענען הויזען צוזאַמען. באַזונדערס איז מיר ניט געפֿעלען געוואָרען דאָס טשע־קיסטעל, דער בונדאָוועץ מיט די רויטע קאָלירגע בעקעלאַך, וואָס האָט אויסגעקוקט אין לאַנגען כאַלאַט, ווי אַ גלגול פֿון עפּעס אַן „אייניקעל" (אַ רבי'טשיקעל) און זיין סטראַשונאַק וועגען

איבערגעבען מיך צו דער טשעקאַ, אַלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, האָט מיר זעהר ניט געשמעקט.

איך האָב באַשלאָסען, אַז ס'איז געקומען די צייט, אַז איך זאָל אָנהויבען טראַכטען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון „די רויטע חברה אונטער אַ מאַסקע פון אַן אידעע". איך האָב אָנגעהויבען ערנסט קלעהרען, ווי אַזוי זיך אַריבער צושמוגלען איבער דער גרעניץ קיין פּוילען.

אַזוי ווי די יתומה מיט די רויטע פלאַם־פייערדיגע באַקען, איז געווען איצט אין הוסיאַטין, דאָס הייסט פונקט אויף דער גרעניץ, (ס'איז פאַראַן אַ רוסיש הוסיאַטין, וואָס די באָלשעוויקעס האָבען פאַרנומען און אַן עסטרייכיש הוסיאַטין, אָפּגעטיילט מיט אַ קליין טייכעל, זברוזש — וואָס די פּאָליאַקען האָבען פאַרנומען) האָב איך באַשלאָסען זיך אַראָפּצוכאַפּען אַהין און זעהן, צי מען קען זיך אַריבערשמוגלען. עס רעדט זיך אַזוי אַריבערכאַפּען. געה כאַפּ זיך, אַז אויף די וועגען טוט מען אויס נאַקעט. און געה שמוגעל זיך, אַז איך געדענק נאָך דעם טעם פון שמוגלען זיך ביי ניקאָלאַיען. בפרט איצט ביי די באָלשעוויקעס, וועלכע כאַפּען ניט און משפּט'ן ניט, נאָר מ'שיסט און געענדיגט אַן עסק.

דאָך האָב איך געפונען אַ וועג און מיטעל, ווי אַזוי זיך אַריבערצוכאַפּען אין הוסיאַטין.

דאָרט בין איך געוואָר געוואָרען זעהר אַ גוטע נייעס, נעמליך, אַז די באָלשעוויסטישע אָפיצירען פון דער גרעניץ־וואַך מיט די פּוילישע האָבען אָפּגעמאַכט צווישען זיך, זיי זאָלען לאָזען די מענשען פוןביידע שטעדט אַריבערצוגעהן איינע צו די אַנדערע איינצוקויפען די נויטיגקייטען, וואָס געפינען זיך אין איין שטאָדט און ניט אין דער צווייטער.

ביידע שטעדט זיינען געווען רואינירט און חרוב פון דער מלחמה, אָבער אין פּוילישען הוסיאַטין איז געווען נאַפט, ליכט, שוועבעלאַך, זאַלץ א. ד. ג. און אין רוסישען איז געווען מעהל, גרויפּען, פאַפּשאָיע מעהל (קוקורוזע), קלייען א. ד. ג., אָט אויף אַזאַ אופן האָבען די ביידע שטעדט געהאַנדעלט מיט די זאַכען, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט און די מענשען פלעגען פריי

אַריבערגעהן איבער דער בריק פון איין שטאָדט אין דער צווייטער איינקויפען די נויטיגע זאַכען.

אויב אַזוי דאַרף איך דאָך בלויז זיין אַ הוסיאַטינער, וועל איך שוין קענען אַריבערגעהן פריי די גרעניץ און בלייבען גע־וועהנליך פון יענער זייט. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ געלעגענהייט וועט לאַנג ניט אָנהאַלטען און באַשלאָסען זי אויסצונוצען, וואָס שנעלער. איך בין גלייך אַהיים געפאָהרען, דערצעהלט מיין פאָטער מיין באַשלוס און די געלעגענהייט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט איינשטימען איך זאָל אַוועקפאָהרען. איבערגעפאָקט און איבערגעמאָזעלט די גאַנצע מלחמה מיט דער רעוואָלוציע און איצט ערשט געהן ווערען נע־ונד? ניין, ער וויל ניט.

.57

## מיין לעצטער צוג מיט דעם גרעניץ־שמוגעל

אַ גאַנצען אָווענט האָב איך זיך געאַמפערט מיט מיין פאָטער וועגען יאָ פאָהרען און ניט פאָהרען. און ווי זאָגט דאָרט דער גוי אַ ווערטעל: „דער מאָרגען איז קליגער פון דער נאַכט". דער מאָרגען איז געווען דער באַשליסער. נאָך אײדער איך בין אויפ־געשטאַנען איז מען געקומען פונ'ם „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט) מיט אַ מאָביליזאַציע קאַרט (סובפינא) מיך צו מאָבי־ליזירען אַלס בוכהאַלטער. דאָס האָט מיין פאָטער פאַרשטאַנען, אַז אַבי מ'וועט מיר דערלאַנגען די קאַרט, בין איך שוין אַ מאָבי־ליזירטער און טאָר זיך שוין ניט ריהרען פונ'ם אָרט, אלא ניט הייס איך שוין אַ דעזערטיר און אַ דעזערטיר איז אחת דתו: שיסען. האָט מיין פאָטער געזאָגט, אַז איך בין אַוועקגעפאָהרען און וועל אַהיים קומען ערשט אין עטליכע טעג אַרום, זיי זאָלען דאַמאָלס קומען נאָך מיר. פון מאָנטאָג ביז דאָנערשטאָג ביינאַכט בין איך שוין געזעסען באַהאַלטען אין שטוב און אויף דער גאַס ניט אַרויסגעגאַנגען און דאָנערשטאָג ביינאַכט האָב איך ערשט גע־קראָגען די מעגלעכקייט אַוועקצופאָהרען קיין הוסיאַטין.

דאָרט איז אָנטשטאַנען פאַר מיר אַ פראַגע, וואו זיך איינצו־קוואַרטירען. געהן אויף אַן אכסניה, האָב איך ניט געוואָלט: אויסגעהיט זיך די גאַנצע צייט פון מלחמה און רעוואָלוציע פון טיפוס, זאָל איך איצט איינשטעלען? ווייל די אַכסניא׳ס זיינען געווען פול מיט דער דריטער מכה פון פרעה׳ן און די מצרים־לאַשיקעס זיינען געווען די טרעגער און פאַרשפּרייטער פון טיפוס. געהן צו דער יתומה? וואָס וועלען מענשען זאָגען? אַ בחור מיט אַ מויד! כאָטש ס׳זיינען געווען צוויי ברידערלאך.

בין איך אַוועק צו אונזערען אַ מחותן. דאָרט איז געווען אַ הויז, אַ קאַזאַרמע, און אַזוי ווי אַלע פענסטער זיינען געווען צעבראָכען און פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און בלויז אין אַ פּאָר ערטער אַ קיילעכיג שטיקעל גלאַז, ווי אַ זכר לחורבן, האָט דאָס הויז אויסגעקוקט ווי אַ סטאַנציע פאַר ניט־גוטע, רחמנא־ליצלן.

אָפּגעשטאַנען דאָרט אַ צוויי וואָכען צייט, פלעג איך יעדען אָווענט אַריינקומען צו דער פרוי מאַשין, אין אַפּטייק, וואו עס איז געווען אַ שעהן מיידעל, אַן אַפּטעקאַרסקע־תלמידה און אַלע אָפיצערען פון דער גרעניץ־וואַך פלעגען אַהין קומען יעדען אָווענט שפּילען אין קאָרטען און סתם פאַרברענגען. אַן אַפּטייק־הויז האָט אַלע מאָל געשפּילט די ראָלע פון דעם אינטעליגענטען־הויז אין שטאָדט. כאָטש איך שפּיל ניט קיין קאָרטען, האָב איך זיך אָבער אַלע מאָל אַוועקגעזעצט ביים טיש אַזוי, אַז איך זאָל אויסקומען אַנטקעגען די אָפיצירען, איך זאָל זיך זיי וואַרפען אין די אויגען און זיי זאָלען מיך אַלע מאָל זעהן, כדי אַז ווען איך וועל דאַרפען אריבערשפּאַצירען די בריק, זאָלען זיי אַלע מיך קענען, אַלס אַ היימישען, שטאָדטישען, און ס׳זאָל ביי זיי קיין שום ספק ניט זיין וועגען מיר, אַז איך בין אַ היגער.

זייענדיג זיכער, אַז אַלע רויטע אָפיצירען קענען מיך שוין גוט, האָב איך גענומען טאַקע דאָס מיידעל פון אַפּטייק און מיט איהר געגאַנגען שפּאַצירען איבער דער בריק. מיר האָבען אָפּ־געמאַכט מיט אַ בחור, ער זאָל פריהער דורכגעהן און דאָרטען וואַרטען אויף איהר צוריקצוגעהן מיט איהר, ס׳זאָל ניט פאַלען עפּעס אַ חשד אויף איהר, אויב זיי זאָלען געדיינקען, אַז זי איז דורכגעגאַנגען מיט אַ בחור און געהט צוריק אַליין. אַז איך בין

נאָר אַריבער פון יענער זייט בריק, האָב איך דערפיהלט, ווי עפּעס אַ שווערע, דריקענדע משא איז אַרונטערגענומען געוואָרען פון מיר. אַט אַ פּאָר סעקונדען פריהער בין איך געווען ווי אין אַ קאַטאָרגע טורמע און אַט בין איך פריי, ווי אַלע פרייע. ס'איז גאָר ניט צו באַשרייבען דאָס געפיהל, וואָס מ'לעבט איבער אין אַזאַ מאָמענט.

ספּעציעל האָב איך זיך דערפיהלט גליקליך, אויפ'ן צווייטען טאָג, נאָכדעם, ווי די גרויסע יתומה, מיט די פלאַם־פייערדיגע באַקען, איז אַריבערגעקומען און געוואָלט זיך אומקעהרען נאָך די קינדער־ברידערלאַך, האָט מען שוין ניט צוריקגעלאָזט און ניט אַריבערגעלאָזט אַהער: ס'איז אָנגעקומען אַ שטרענגער באַפעהל, אַז מ'זאָל שטאַרק היטען די גרעניץ. די קינדער האָבען שוין געמוזט ביינאַכט אַריבערקריכען דורך דער אַלטער, צעשאָסענער און צעבראָכענער בריק, וואָס געהן אויף איהר האָט מען ניט גע־קענט, האָט מען זיי אַזוי ניט געהיט, אָבער קינדער, קונדסים, זיינען געפאָהרען — געקראָכען, רייטענדיג אויף די אייזערנע שטאַבעס און אַזוי זיך אַריבערגערוקט. אַז מיר האָבען זיי דער־זעהן פון דער זייט האָבען מיר שוין אַ צווייט מאָל פרייער אָפּגע־אָטעמט.

איך האָב געוואָלט אַנטלויפען, וואָס ווייטער פון דער גרעניץ און אונזער ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין קאָפּיטשענעץ.

דער שאָטען פון די רויטע באַנדיטען האָט מיך אָבער ניט גע־וואָלט אָפּלאָזען. איך טהו אַ קוק עפּעס אַ קענטליכער איד מיט אַ לאַנגער, געלער באָרד, ביז צום גאַרטעל. איך קוק זיך איין און קום צו נעהענטער: שמעיהו־קאָלע גנב, שוכמאַן.

עפּעס אַ שרעקליכער געפיהל פון נקמה האָט דורכגעבראָזט מיין קערפּער: נעהמען נקמה כאָטש פון איין רויטען באַנדיט, אָבער איך האָב זיך באַלד באַרוהיגט און איהם געזאָגט, אַז על־פּי יושר וואָלט איך איהם באַדאַרפט הייסען אַרעסטירען, נאָר אַזוי ווי מיר קליינבירגערליכע, האָבען דאָך נאָך פּאָרט קליינבירגער־ליכע נשמות, וועל איך איהם צורוה לאָזען, אָבער ער זאָל מיר צוזאָגען, אַז ער וועט אונזער שטאָדט ניט אָנטאָן קיין נגישות. ער האָט צוגעזאָגט און „מקיים" געווען. ער איז נאָר אַהיים געקומען, האָט ער צוגראָבען אונזער שטוב (זוכונגען

כלומרשט) און אָנגעטאָן מיין פאָטער די גרעסטע צרות, ביז ער האָט אונטערגעשיקט צו איהם און זיך פאַרגלייכט פאַר צעהן רובעל אַ חודש כאַבאַר. דעם שמעיהו־קאָלע גנב האָט אַן אַנדער גנב, וואַסיל סעלוועסטער, אַרויסגע׳גנב׳עט פון טורמע, אין גאַליציע, (קראַקוי), פון וואַנען ער איז אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסער באָרד און אַ רב האָט איהם אויסגעסטאַרעט אַ פּאַפּיר, ער זאָל קענען אַהיים פאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד. ער איז געווען אַרעסטירט, פאַר אָנטייל נעהמען אין אויפשטאַנד געגען די פּאָליאַקען, וואָס ער מיט נאָך אַ גנב, גריגאָרי קליוז, האָבען פּרובירט אַראַנזשירען, ברייגענדיג פון דעראַזשנער פּראָנט, צוויי הונדערט טויזענט ניקאָלאַיעווסקי רובעל פאַר דעם צוועק. לויט אַ גרוס, וואָס איך האָב באַקומען איז ער געוואָרען אַ ריכטער און אַ קאָמיסאַר פון בילדונג, כאָטש אַן אַבסאָלוטער איגנאָראַנט.

באַמערקונג:

אָט דער שמעיהו-קאָלע האָט אַרויס׳געגנב׳עט פון אונזער שולע פאַר די פּליטים-קינדער עטליכע טוץ בלעכענע קאַווע-טעפּעלאך און אַ פּליטע, אויף וועלכער מען פלעגט קאָכען די קאַווע.

ווען די פּאַרוואַלטערין, ראָזע לייבאָוויטש, איז געקומען צולויפען אַמאָל גאַנץ פריה און מיר דערצעהלט מיט צער, אַז מען האָט אונז באַגנב׳ט, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז שמעיה-קאָלעס אַרבעט.

איך בין אַוועק צו די קרעמער און ביי איינעם פון זיי האָב איך געפונען די גנבה.

איך האָב אָבער געמוזט מאַכען אַ שוויג, ווייל דער קרעמער איז געווען אַן עסטרייכער בירגער און שמעיה-קאָלע האָט איהם געסטראַשעט, אַז אויב אימיצער וועט געוואָר ווערען פון דער גנבה, וועט ער איהם, דעם קרעמער, פאַר׳מסר׳ן און מ׳וועט איהם פאַרשיקען קיין סיביר. אַזוי ווי דער קרעמער איז שוין געשטאָרבען מעג איך שוין איצט אַנטפּלעקען דעם סוד.

# נאָכוועהעןישען

## 1.

## אָהן אַ היים און אָהן אַ לאַנד

פון קאָפּיטשינעץ בין איך מיט דער יתומה אָפּגעפאָהרען קיין לעמבערג צו קריגען אינפאָרמאַציע און איינצואָרדנען אַלע נויטיגקייטען צו קענען פאָהרען ווייטער: אַנטלויפען וואָס ווייטער פון דעם אומגליק, פון וועלכען איך בין, אויף אַזאַ גליקליכען אופן, באַפרייט געוואָרען.

מיר קומען אָן קיין לעמבערג און הויבען אָן אַרומצופאָהרען פון האָטעל צו האָטעל, ווייס איך וואָס! אַ שפּילקע ניטאָ וואוהין אַריינצוואַרפען. פאַר אַ צימער, וואָס האָט זיך פאַרדינגען פאַר צוואַנציג־דרייסיג מאַרק פאָדערט מען פינף הונדערט, אויב אַזעלכעס יועט אָפּגעליידיגט ווערען, אָבער מ׳גיט ניט קיין האָפנונג אויף אַזאַ ישועה.

נאָך אַן אַרומפאָהרעניש פון עטליכע שטונדען, געפין איך אַ האָטעל, וואו ס׳איז פאַראַן אַ ניט קיין זיכערע מעגליכקייט, אַז פאַרנאַכט זאָל ווערען פריי אַ צימער. זי בלייבט וואַרטען אויף דער „מציאה״. איך לאָז זיך אַרויס ווייטער זוכען.

פאַרנאַכט, לא דובים ולא יער! ס׳איז שוין געוואָרען פינסטער און מיר לאָזען זיך איבער די גאַסען זוכען אַ „נעכטיגען טאָג״. מיר דערמאָהנען זיך, אַז מיר האָבען נישט קיין פּאַספּאָרטען. אָט אַזוי „בלאָנדזשען״ מיר אַרום איבער די גאַסען: מענשען אָהן אַ שעלטער און אָהן אַ לאַנד. מ׳קען דאָך אונז אַרעסטירען אַלס בראָדיאַגעס (טרעמפּס).

ס׳איז געווען — פרייטאָג צו נאַכט, דערזעהען מיר שבת־ליכט. געהען מיר אַריין. געטראָפען! ס׳פאַראַן אַ צימער. איך בעט אָפּגעבען דאָס צימער פאַר איהר בלויז, און איך וועל איבערזיצען די נאַכט דאָ, אין אויפנאַהם־צימער. ניין!

שפּאָס איך: אויב ער האָט מורא, זאָל ער פאַרשליסען דאָס צימער און צונעהמען דעם שליסעל. ס׳געהט ניט! איך דערצעהל איהם ווי אַזוי מיר האָבען אויפגענומען אומזיסט די פליטים

פון גאַליציע, און דאָ וויל איך באַצאָהלען פאַר בלויז איבערזיצען אַ נאַכט. לאָ מיט אַ ספּאָדעק! איך שלאָג פאָר: ער זאָל איהר געבען דאָס צימער און איך וועל אַרויסגעהן איבערזיצען די נאַכט אין דרויסען. ניין! אַ גאַסט האָט פאַרגעשלאָגען צו געבען דאָס צימער און ער וועט שלאָפען אין דעם צימער און די יתומה וועט שלאָפען אין זיין פרוי'ס צימער.

אַזוי ארום פּטור געוואָרען פון דער היימלאָזיגקייט.

זי האָט דערפּעשירט צו איהר פּאָטער פאַר אַכט הונדערט דאָ־לאַר און איך — צו מיינעם אַ פּעטער פאַר דריי הונדערטער און פּאַספּאָרטען אַלס פּוילישע בירגער, האָט מען אויך געקענט קריגען, אויב מ'איז געווען אַ פּליט ניט ווינציגער ווי זעקס חדשים.

ביי אידען, וועלכע זיינען כסדר'דיגע פּליטים שוין אַ פּאָר טויזענד יאָהר, שפּיעלט עס עפּעס אַ ראָלע אַ חודש מעהר אַ חודש ווייניגער? מיר האָבען געקראָגען דאָס געלט און די נויטיגע פּאַ־פּירלאַך, צו קריגען פּאַספּאָרטען און מיר זיינען אַוועק קיין וואַרשע, מיטנעהמענדיג די צוויי ברידערלאַך.

בשעת פאַרלאָזען לעמבערג האָב איך געקראָגען אַ ידיעה, אַז די „טשעקאָ״ איז באַפּאַלען אונזער הויז, אויסגעפונען דאָס באַ־העלטעניש פון מיינע דאָקומענטען און אַלעס צוגענומען.

דאָס בונדיסט'ל מיט'ן לאַנגען כאַלאַט'ל האָט געהאַלטען וואָרט!

נאָך זייענדיג אין רוסלאַנד האָבען מיר, אַ גרופּע סטודענטען, זיך געגרייט צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל. איך בין אַהיימגעפאָהרען צו פאַרפּאַקען די נויטיגע זאַכען, פּלוצים האָבען די באָלשעוויקעס דורכגעריסען דעם פראָנט און זיך געלאָזט אויף קאַמענעץ.

די גאַנצע גרופּע איז שנעל אַנטלאָפען קיין רומעניע (דאָס איז די גרופּע פון „קרית ענבים״) און איך בין פאַרבליבען אין רויטען „גן־עדן״.

איצט וועל איך קענען אָפּפאָהרען קיין ארץ־ישראל.

ביז די פּאַספּאָרטען זיינען פאַרטיג געוואָרען איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז „אונזער״ נציב האָט פאַרמאַכט ארץ־ישראל פאַר דריי חדשים. נו! איז נאָך דריי חדשים.

באַלד האָט די פּוילישע רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל,

אַז מ׳מוז פֿאַרלאָזען פּוילען אין משך פֿון צעהן־צוועלף טעג, אָדער זיך צוריק אומקעהרען צו די באָלשעוויקעס. אַ „בשורה טובה״, האַ ? !

אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט האָט מען געשטעמפּעלט די פּאַספּאָרטען, פֿאַר צעהן חדשים שפּעטער. מיין עצה איז געוועזען צו דערצעהלען דעם אמת, וועט זי, די יתומה, קריגען אַ וויזע, אויסער דער רייהע. ביים קאָנסולאַט־אריינגאַנג באַגעגענט אונז דער וויצע־קאָנסול, דערצעהלט זי איהם צוליעב וואָס זי וויל זעהן דעם קאָנסול און ער הייסט איהר זיך שטעלען אין דער רייהע. זי טענה׳ט און טענה׳ט און איך הער אַ געשריי: „געראַרי — היר!״ איך האָב דערקענט, אַז ס׳איז עפּעס אַ בייזער אויסדרוק, דערוויל כאַפּט ער זי און פֿיהרט זי צו צו דער רייהע און שטעלט זי דאָרט אַוועק.

איך פֿרעג זי וואָס ס׳מיינט, זאָגט זי, ס׳אַ מין רוסישער: „פּאַשאָל־וואָן״.

„אָט אַזוי באַנעהמט זיך אַ וויצע־קאָנסול פֿון אַמעריקע״ ?

כ׳האָב זי אַרויסגערופֿען פֿון דער רייהע און באַשלאָסען אָפּצושטאַטעווען ווען דער כוליגאַן וועט ניט זיין און דאַמאָלס זאָל זי זיך אַריינכאַפּען צום קאָנסול אַליין. אויפ׳ן צווייטען טאָג (אַ פֿרייטאג) האָט זי געקראָגען די געלעגענהייט און דער קאָנסול האָט איהר געשטעמפּעלט די פּאַספּאָרטען צו קומען מאָנטאג נאָך די וויזעס.

איך וויז איהם מיין סטודענטען־בילעט, אַז איך האָב אַ רעכט צו אַ וויזע, אַלס סטודענט.

דערזעהן, אַז מיין בילעט איז פֿון אָדעס מיט אַ בילד פֿון מיר מיט אַ גרויסער טשאַפּרינע, בין איך אַ באָלשעוויק!

איך ברענג פֿון די קאַנצעלאַריעס פֿון די סיים־דעפּוטאַטען און פֿון „אוקראַאינישען קאָמיטעט״ פֿאַרזיכערונגען וועגען מיין פֿאַרלעסליכקייט, זאָגט ער, אַז ער גלויבט זיי, פּונקט אַזוי ווי מיר.

פֿאַרלאָזען פּוילען האָב איך געמוזט, האָב איך געקראָגען אַ וויזע קיין קאַנאַדע.

ערב ראש השנה בין איך אָנגעקומען קיין האַליפֿאַקס. ערשט אַ נייע צרה. שוין אין אַ פֿריי לאַנד און מען פֿיהרט אונז אַוועק אין אַן אַרעסט־הויז פֿון פּאָרט (האַפֿען).

איך האָב אויסגעפונען, אַז עס איז געווען אַ רעפּאָרט פון קאַנאַדער קאָנסול, אַז רוסישע, ד. ה. באָלשעוויקעס, פאַהרען מיט פוילישע פּאַספּאָרטען, און אַז פרעמדע, ניט קיין פוילישע בירגער האָבען אַן אויפשריפט: „פּאַספּאָרט" און — פוילישע — אַ פויליש וואָרט.

איך קוק דורך די פּאַספּאָרטען איז דוקא ביי פוילישע בירגער (געבוירענע) שטעהט: פּאַספּאָרט און ביי די רוסישע (געבוירענע אין קיעוו א. ד. גל.) שטעהט דאָס פוילישע וואָרט.

איך האָב אָנגעשריבען אַן ערקלעהרונג־אויפקלעהרונג פאַר'ן עמיגראַציע־מיניסטעריום מיט די באַווייזען. פאַר'ן אַוועקשיקען די ערקלעהרונג קומען צו צו מיר עטליכע מיט די פּאַספּאָרטען, אָהן דעם אויפשריפט: „פּאַספּאָרט" און וויינען: „איך געה זיי קוילען". „סטייטש, ס'שטעהט דאָך אינעווייניג: געבוירען אין קיעוו"? קיין אַרגומענט האָט ניט געהאָלפען און איך האָב געמוזט צורייסען דאָס פּאַפּירעל.

איך האָב זיך געווענדעט צום פּרעזידענט פון קאַנאַדער ציוניסטען, א. י. פרימאַן ווענען מיר אַליין. זיין פרוי, לילי, איז יום־כפור אַוועק פון שוהל צום עמיגראַציע־מיניסטער ווענען מיר. סוכות רופט מען מיך אין קאַנצעלאַריע און מ'זאָגט מיר, אַז איך בין פריי, צי איך וויל שוין פאַהרען, צי וואַרטען. „פאַרוואָס וואַרטען"? פרעג איך. „ווייל ס'איז דאָך יום־טוב"! „פון אַ טורמע, זאָג איך אין שפּאַס, מעג מען אַנטלויפען אפילו אום יום־טוב".

ווען איך לעב אייביג, וואָלט איך ניט פאַרגעסען דעם אויסדרוק, פול מיט קנאה און צער, פון די אויגען, וואָס האָבען מיר נאָכגעקוקט דורך די פענסטער. (זיי אַלע זיינען טאַקע צוריקגעשיקט געוואָרען, ווייל זיי האָבען געזאָגט ליגענס ווענען זייער בירגערשאַפט).

## 2.

## דער שאָטען פון באָלשעוויזם פאָלגט מיר נאָך

קומענדיג קיין אָטאַוואַ האָב איך זיך נאָכגעפרעגט אויף אידעע־חברים — וועגעטאַריאַנער און מען האָט מיך באַקאַנט

מיט דער איינציגער וועגעטאַריער־פאַמיליע — די פּאָלענסקי׳ס. מ׳האָט מיך אַפילו געוואָרענט, אַז ער איז אַן אַפּיקורס גמור און געהט ניט דאַוונען אַפילו יום־כּפּור און דאָס קען שטעלען אין גע־פאַהר מיין העברעאישע לעהרער־שטעלע, אָבער איך שטעל קיינמאָל ניט קיין געלט־פראַגען העכער פון פּערזענליכער פרייהייט און בין אַוועקגעגאַנגען צו איהם. ער, אַליין אַן אידעאַליסט, האָט באַלאַנגט צו אַ גרופּע, וואָס, אידעאַליסטישע חברה, אָבער צו מיין ער־שטוינונג בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז זיי זיינען אַ צווייג פון אַן אַל־אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע אונטער׳ן נאָמען, „פריינד פון סאָוועט־רוסלאַנד״.

איך האָב זיך צורעדט מיט זיי און זיך איבערצייגט, אַז מ׳ווייסט דאָ אַבסאָלוט גאָרניט, וואָס עס קומט באמת פאָר אין דעם רויטען „גן־עדן״. זיי האָבען, מסתמא, געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ שרעקלאכען רעאַקציאָנער־פינסטערלינג און איך האָב געזעהן, אַז פון זייערע אויגען קוקט ניט אַרויס קיין ליכטיגקייט, נאָר ווי עפּעס צוויי שוואַרצע לעכער, דורך וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ אַ וויסטע מוח־פינסטערניש פון אונוויסענהייט.

זעלבסטפאַרשטענדלאך, אַז מיר זיינען געוועהן העפליך און פּרובירט צו זיין, כּלומרשט, אָביעקטיוו.

די באַגעגעניש האָט נאָכאַמאָל אַרויסגערופען און אַוועקגע־שטעלט פאַר מיר אַ שרעקליכען קאָשמאַר — דעם שוואַרצען שאָטען פון דער „רויטער״ רעוואָלוציע און כ׳האָב דערפיהלט, אַז כאָטש איך בין, קערפּערלאך, באַפרייט פון דעם „רויטען״ גיהנום, טאָר איך אָבער, גייסטיג, זיך ניט באַפרייען און מוז אָנהאַלטען די נשמה־פאַרבינדונג און די יסורים־ליידעניש מיט אונזערע ברידער און אַלע מענשען דאָרט און פיהרען אַן אויפקלערער־קאַמפּאַניע פאַר זייער באַפרייאונג.

איך האָב באַלד פאַרעפנטליכט צוויי אַרטיקלען אין „קאַנאַדער אָדלער״ (עד מתי ? 1טען און 2טען יאַנואַר 1922), וועלכע איך האָב פאַרענדיגט מיט פאָלגענדעס : „ווען עס וועלען אַנטדעקט ווערען די אַלע באַרבאַרישע טהאַטען אין דער, מ׳שטיינס־געזאָגט, סאָציאַליסטישער רעפּובליק וועט זיין אַ בזיון זיך אַנצורופען מיט׳ן נאָמען : סאָציאַליסט״.

פון קאַנאַדע בין איך געקומען קיין ניו־יאָרק און אויך דאָ ניט געטראָפען קיין בעסערע פּאַרשטענדעניס. איך האָב אָנגע־טראָפען אין אַלע רעדאַקציעס טויבע אויערען, אָבער איך האָב, עקשנות'דיג, זיך אַריינגעריסען אומעטום מיט אַרטיקלען, מיט האָנאָראַר, צי אָהן אַזעלכען, און ווען איך האָב קיין אַרטיקלען ניט געקענט דורכזעצען — מיט בריעף צום רעדאַקטאָר און באַ־מערקונגען און רעאַגירונגען אויף אַלע אָפיציעלע (באמת פאַלשע) ידיעות, וואָס זיינען געקומען פון דאָרט ; און ווען מען האָט אָנגע־הויבען מיט טענות, אַז איך וויל פאַר זיך די גאַנצע צייטונג בלויז פון דער רוסישער פראַגע וועגען, האָב איך זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע פסעוודאָנימען, אַזוי אַרום האָב איך דערגרייכט עטליכע צעהנדליג צייטשריפטען, טעגליכע, וועכענטליכע און חודש'ליכע, העברעאישע, אידישע און אַ פּאָר ענגלישע.

ווען וואָלטער דוראַנטי האָט איבערגעשראָקען אַמעריקע מיט זיינער אַ דעפּעשע, אין יולי 1930, אַז רוסלאַנד וועט פאַרטרינקען די וועלט מיט תבואות און אין שיקאַגאָ איז געוואָרען אַ פּאַניקע אויף דער תבואה־בירזשע, האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל, באַ־וויזענדיג, אַז אין רוסלאַנד הונגערט מען גאָר און אַז אין אַ יאָהר צוויי וועט אויסברעכען אַ שרעקליכער הונגער, אַלס רעזולטאַט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע („מאָרגען־זשורנאַל", 20טען יולי 1930). אין דעם אַרטיקעל האָב איך אויך באַלויכטען די פראַגע פון פאַ־מיליע־צעשטערונג־פּאָליסי און מיליטאַריזם־לעהרע אין די קינדער־שולען.

אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט" האָב איך מיט שוועריגקייט דורכגעזעצט צוויי אַרטיקלען : 1) וועגען דער הינ־טישער מדרגה פון די מענשען אין רוסלאַנד. 2) וועגען די מאַסען־שחיטות, פאַרניכטונג דורך שרפות און מאַסען־פאַרשקלאַפונג — פאַנשטשינע און פאַרשיקונג פון מיליאָנען פויערים אויף די סאָ־לאָוועצקי אינזלען (זעה די אַרטיקלען פון 9טען און 10טען מאַרטש 1931).

אַרום שבועות צייט 1931 האָב איך דער ערשטער געקראָגען ידיעות וועגען דער „דאָלאַר אינקוויזיציע" — אָבער קיין צייטונג, אַפילו דער „פאַרווערטס", האָט דאָס אַרטיקעל ניט געוואָלט דרוקען.

גענ. שוב האָט מיר געזאָגט, אַז ער גלויבט מיר, אָבער די לעזער וועלען ניט גלויבען אַזוינע שרעקליכע זאַכען.

איך האָב דורכגעזעצט, צוביסלאַך, די ידיעות דורכ'ן „הדואר" א. א. (נומער 23, מאַי 13, 1932 און נומער 5, דעצעמבער 2, 1932), אין וועלכע איך האָב אַרויסגעבראַכט בלויז אַ טייל פון דער שרעקליכער ערשיינונג און נאַכהער אַן אַל־אַרומנעהמענדע אָפּהאַנדלונג (מיר דאַכט די איינציגע אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע), באַשטעהענד פון דריי אַרטיקלען וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „העולם", לאָנדאָן, אין המשכים (18טען יאַנואַר, 10טען מאַי און 24טען מאַי, 1934).

א. ליעסין, רעדאַקטאָר פון „צוקונפט", האָט מיר געשריבען פאָלגענדעס וועגען די אַרטיקלען:

ווערטער פריינד מ. חכם.

איך האָב געלייענט אין „העולם" אייער אַרטיקעל, וואָס מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אַלץ פאַקטען, צום פּונקט. איך וועל ציהען ראַגאָוו'ס אויפמערקזאַמקייט. אפשר וועט ער עס וועלען איבערזעצען פאַר'ן „פאָרווערטס".

מיט בעסטען גרוס

א. ל י ע ס י ן.

דורך מיין השפּעה האָט סענאַטאָר וואַגנער געפרעגט ליטווינאָוו'ן וועגען דער „דאָלאַר אינקוויזיציע". איך האָב צוגעשטעלט ליטווינאָוו'ן אַ מעמאָראַנדום מיט אונבאַשטרייטבאַרע באַווייזען. פיעלע האָבען געוויס דורכגעלאָזט אונבאַמערקט אַ וויכטיגע ידיעה, נעהמליך: „מ'האָט אַרויסגענומען פון דער ג. פּ. או. פּערציג טויזענד חברים און זיי איבערגעפיהרט צוריק אין דער רויטער אַרמיי". דאָס זיינען געווען די פערציג טויזענד אינקוויזיטאָרען פון דער „דאָלאַר־אינקוויזיציע". די ידיעה איז געווען אין די רוסישע צייטונגען אַרום פריהלינג צייט 1934, עטליכע וואָכען נאָך ליטווינאָוו'ס אומקעהר פון אַמעריקע.

איך האָב אויך, מיר דאַכט, דער ערשטער געבראַכט באַשטימטע פאַקטען וועגען קאַניבאַליזם בשעת הונגער אין 1933-1932, ווען צעהן מיליאָן מענשען זיינען אויסגעשטאָרבען (זעה „בדרך", וואַרשע, אלול 1933).

ווען עס איז געוואָרען דאָ די גדולה (דורך דער „רויטער" פּראָפּאַגאַנדע מאַשין, געוועהנליך) וועגען דער אָפּשאַפונג פון ברויט־קאַרטען, האָב איך אַנגעוויזען דעם גרויסען אומגליק דער־פון פאַר די רוסישע מאַסען. „הדואר" נומער 5, 29 נאָוועמבער 1935). ס'איז אויך געווען אַ וויכטיגע פראַגע וועגען דער זינד פון שיקען געלט צו די „רויטע" („הדואר", נומער 38, 14 אויגוסט 1936) א. אז. וו.

קענענדיג גוט דעם כאַראַקטער פון אַ דיקטאַטאָר האָב איך פאַר־אויסגעזאָגט: 1) אַז סטאַלין וועט זיך פאַראייניגען מיט היטלער'ן. 2) אַז היטלער וועט ערקלעהרען מלחמה אין 1939, כאָטש אַלע האָבען ביז'ן לעצטען טאָג ניט געגלויבט אין מלחמה אַזוי שנעל. (הדואר", נומער 2, 11טען נאָוועמבער 1938). אין רעדאַקציע פון „הדואר" האָט מען מיר אָבער ניט געהייסען שרייבען וועגען סטאַלין־היטלער־פאַראייניגונג, ווייל מען וועט זאָגען, אַז איך בין אַ משוגע'נער און אויך זיי זיינען אַראָפּ פון זינען, אויב זיי וועלען דאָס דרוקען.

מיר זיינען איצט אין אַ לאַגע, אַז מיר מוזען העלפען סטאַ־לינ'ען. איך האָב וועגען דעם געשריבען באַלד נאָך היטלער'ס אָנפאַל אויף איהם (שיקאַגאָ־„קוריער", 2 יולי, 1941). מיר טאָרען אָבער ניט פאַרגעסען אונזער פליכט פאַר אַן אונאויפהערענ־דע, ניט אונטערבראָכענע קאַמפּאַניע געגען „רויטען" אַנשיקעניש, וואָס הייסט: קאָמוניזם.

איך בין זיכער, אַז נאָך דער מלחמה וועלען מיר פטור ווערען פון דעם רויט־ברוין־שוואַרץ־געל אַנשיקעניש און די, אונז אַזוי טייער געוועזענע, ווערטער: רעוואָלוציע, סאָציאַליזם וועלען פאַרבלייבען ווי צוויי אויסגעהוילטע סקעלעטען פון פאַר־היסטאָרי־שע מאָנסטער־באַשעפענישען און מיר וועלען אָנהויבען מחנך צו זיין די מענשען (אין לך דבר העומד בפני החנוך — מ. ח.) צו אַזאַ געפיהל־מדרגה, אַז לעבען רייכער און באַקוועמער פון אַנ־דערע זאָל זיין אַן אומ'כבוד און אַ פאַרברעכען.

אויב מיין אויפקלעהר־אַרבעט די גאַנצע צייט און דאָס בוך וועלען דינען אַלס אַ שטיקעל בייטראַג דערצו, וועט עס זיין מיין איינציגער שכר.